STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11151

GEKLIBENE VERK IN ZEKS BENDER

Morris Winchevsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אינסטיטוט פאר יידישער פראָלעטארישער קולטור פונ דער אלוקראאינישער
וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע * אינסטיטוט פונ נאציאָנאלע מינדערהייטנ
פונ דער ווייסרוסישער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע, יידישע סעקציע

די עלטערע רעוואָלוציאָנערע ליטעראטור

געקליבענע ווערק פונ

מאָריס ווינטשעווסקי, דאָוויד עדעלשטאט, יויסעפ באָוושאָווער

* * *

פארלאג פונ דער ווייסרוסישער וויסנשאפט-אקאדעמיע
מינסק — 1935

אינסטיטוט פאר יידישער פראלעטארישער קולטור פונ דער אלוקראינישער
וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע * אינסטיטוט פונ נאציאנאלע מינדערהייטנ
פונ דער ווייסרוסישער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע, יידישע סעקציע

מאָריס ווינטשעווסקי

געקליבענע ווערק
אינ זעקס בענדער

*

באנד V—דראמעס

אונטער דער רעדאקציע פונ
ש.(ס.) אגורסקי, מ. לעוויטאנ, ק. מארמאָר אונ מ. עריק

מיט א ליטעראטור-היסטארישנ אריינפיר
פונ
מ. עריק

פארלאג פונ דער ווייסרוסישער וויסנשאפט-אקאדעמיע
מינסק — 1935

מ. ווינטשעווסקיס געקליבענע ווערק דערשיינענ אינ דער סעריע „די עלטערע רעוואָליוציאָנערע יידישע ליטעראַטור", אַרויסגעגעבנ דורכ די אינסטיטוטנ פאַר יידישער פראָלעטאַרישער קולטור פונ דער אוקראַאינישער און ווייס-רוסישער וויסנשאַפטלעכע אַקאַדעמיעס. פונ דער דאָזיקער סעריע דרוקנ זיכ שוינ דאָווידז עדעלשטאַטס געקליבענע ווערק אינ דריי בענדער (פאַרלאַג „עמעס" (די בענדער I און II זיינענ שוינ דערשינענ). מאָריס ווינטשעווסקיס ווערק זיינענ פאַרפּלאַנירט אינ 6 בענדער. דער איצטיקער באַנד „דראַמעס" איז דער 5-טער. האַיאָר, 1935, רעכענענ מיר צו געבנ נאָכ 3 בענדער פונ ווינטשעווסקיס שריפטנ: 1-טער באַנד—מאָנאָגראַפיע וועגנ ווינטשעווסקיס לעבנ און שאַפנ (פונעמ כ' ק. מאַרמאָר); 3-טער און 4-טער באַנד—פעליעטאָנענ.

ווינטשעווסקיס דראַמעס זיינענ אינ ראַטנפאַרבאַנד נאָכ קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרנ. ניט געקוקט דערויפ, וואָס די דראַמאַטורגיע שטעלט פאָר א זייטיקנ טעטיקייט-געביט אינ דער סומע פונ ווינטשעווסקיס שאַפנ, פאַרמאָגנ דאָכ ווינטשעווסקיס דראַמעס א באַשטימטנ ליטעראַטור-היסטאָרישנ און ביאָגראַפישנ ווערט. פונ ווינטשעווסקיס 4 דראַמעס דרוקנ מיר דאָ 3: ווינטשעווסקיס 2 וויכטיקסטע דראַמעס, „דער מירער אילוי" און „דער לעצטער נאַבאָר", און די דראַמע „עסטער", וואָס איז נאָכ קיינמאָל ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרנ. מיר דרוקנ דאָ אויכ ווינטשעווסקיס 2 בעסטע איינאַקטערס: „א געהאַרגעטער עדיטאָריעל" און „א כאַסענע און א לעוויע".

דער באַנד איז צוגעגרייט געוואָרנ דורכ דער סעקציע פאַר ליטעראַטור און קריטיק באַמ אינסטיטוט פאַר יידישער פראָלעטאַרישער קולטור פונ דער אוקראַאינישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע, אונטער דער רעדאַקציע פונ די כ"כ: מ. לעוויטאַנ, ק. מאַרמאָר און מ. עריק.

דעמ טעקסט פונ די דראַמעס האָט צוגעגרייט כ' מ. מיזשיריצקי, לויט די אָנווייזונגענ פונ כ' מאַרמאָר.

אַלע טעקסטנ (אויסער „א געהאַרגעטער עדיטאָריעל") האָבנ מיר פאַרגליכנ מיט ווינטשעווסקיס מאַנוסקריפטנ.

מיר האַלטנ פאַר נייטיק אונטערצושטרייכנ די מיטהילפ פונעמ כ' מאַרמאָר אינ דער צוגרייטונג פונעמ באַנד—דער כ' מאַרמאָר האָט געשטעלט אינ אונדזער רעשוס ווינטשעווסקיס מאַנוסקריפטנ און אונדז געגעבנ א ריי ווערטפולע אינפאָרמאַציעס.

קיעוו, יאַנוואַר 1935.

מ. עריק

וועגן ווינטשעווסקיס דראמעס

I

אין ווינטשעווסקיס ליטעראַרישער ירושה געפינען מיר אויך א ריי דראַ-מעס—סאַכאַקל 4 גרעסערע פּיעסעס און 5 איינאַקטערס. די גרעסערע פּיעסעס זיינען: 1. „דער מירער אילוי", געשריבן 1886. 2. „דער לעצטער נאַבאָר", פאַרענדיקט אין אָקטיאַבער 1912, מיט אן עפּילאָג „די מעכיצע" (אווגוסט 1913). „דעם לעצטן נאַבאָר" האָט ווינטשעווסקי פאַנאַנדערגעוויקלט פון די צוויי סצע-נעס „ניט געכאַפּט", געדרוקט נאָך אין יאָר 1885 אין לאָנדאָנער „צוקונפט". 3. „קלוימערשט א כאַסענע", פאַרפאַסט אנערעך אין דערזעלביקער צייט, ד. ה. סאָף פונעם ערשטן צענדליק—אָנהייב פונעם צווייטן פונעם 20-טן יאָרהונדערט. 4. „עסטער"—א דראַמע, פריי איבערגעאַרבעט פון פראַנצויזיש אַרום 1920—1922, געפינט זיך אין ווינטשעווסקיס אַרכיוו און איז ביז איצט ניט געווען געדרוקט.[1]

ווינטשעווסקיס דראַמאַטורגיע הייבט זיך, אלזאָ, אָן שיער ניט באַם סאַמע אָנהייב פון זיין ליטעראַרישן שאַפן אין דער יידישער שפּראַך. ווינטשעווסקיס דראַמעס האָבן אָבער קיינמאָל ניט געפונען דעם וועג צום פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער. „דער לעצטער נאַבאָר" איז 1929 אויפגעפירט געוואָרן אין ניו-יאָרק דורך א גרופּע ליבהאָבער, און דער עפּילאָג „די מעכיצע" איז געשפּילט געוואָרן אין 1916, צום זיידנס 60-טן געבוירנטאָג. קומענדיק קיין אמעריקע אין יאָר 1894, האָט ווינטשעווסקי געהאַט גרויסע האָפענונגען אויפצופירן אינעם יידישן טעאַטער דעם „מירער אילוי". דער גרויסער קאָמיקער מאָגולעסקאָ האָט אָבער געשטעלט אומגעלומפּערטע פאָדערונגען, ער האָט געוואָלט פאַרלייגן רעב כייקלען מיט רעב צעמאַכן,—דעם פאַנאַטישן רייכן פאָטער מיטן שאַדכן,—און מיסיס ליפּצין, א באַרימטע אַקטריסע פון יענער צייט, האָט געהאַלטן די פרויען-ראָליע פאַר צו ווייניק באַדייטנדיק פאַר איר. ווינטשעווסקיס גייער פריינט,

[1] די ראַטירונג פון די פּיעסעס (זי אונטערשיידט זיך אין אייניקע פּראַטים פון דער ביז איצט אָנגענומענער) פאַרדאַנק איך דער אינפאָרמאַציע פון כ׳ ק. מאַרמאָר.

יאַנקעוו גאָרדינ, האָט די פּיעסע אינגאַנצנ מעוואטל געווענ. אַזוי איז גאָרניט געוואָרנ פונ דער אויפירונג.

אָבער ניט נאָר, וואָס ווינטשעווסקיס דראַמעס האָבנ ניט געהאַט קיינ מאַזל באַמ בורזשואַזנ יידישנ טעאַטער מיט זײַנ סטאַר־סיסטעמ אונ דראַנג צו שונד—זיי זײַנענ אויכ שפּעט פּובליקירט געוואָרנ, שוינ קימאַט באַמ סאָפ פונ ווינטשעווסקיס ליטעראַרישער טעטיקײַט. אינעמ יאָר 1920 זײַנענ אינעמ דריטנ באַנד פונ „מאָריס ווינטשעווסקיס שריפטנ" צומ ערשטנ מאָל געדרוקט געוואָרנ „דער לעצטער נאַבאָר", „קלוימערשט אַ כאַסענע" אונ דרײַ איינאַקטערס: „דער מיזרעכ-ווינט", „אַ געהאַרגעטער עדיטאָריעל" אונ „מאַנ אונ ווײַב". נאָכ שפּעטער, אינעמ יאָר 1927, איז אינעמ דריטנ באַנד פונ דער „פרײַהײַט"-אויסגאַבע, אונטער דער רעדאַקציע פונ כ׳ ק. מאַרמאָר, צומ ערשטנ מאָל פּובליקירט געוואָרנ „דער מירער אילוי" (אינעמ באַנד זײַנענ אַכוץ דעמ אַרײַנ „דער לעצטער נאַבאָר" אונ די צוויי איינאַקטערס „דער סאָטנ מעקאַטרעג" אונ „אַ כאַסענע אונ אַ לעווײַע"). עס באַקומט זיכ דער אויספיר, אַז כאָטש ווינטשעווסקיס דראַמאַטישע טעטיקײַט דאַטירט זינט 1885, האָט זי אָבער ביז 1920, ד. ה. קימאַט אפנ גאַנצנ שעטעכ פונ ווינטשעווסקיס ליטעראַרישנ וועג, ניט געהאַט אונ ניט געקאָנט האָבנ—שוינ מאַכמעס ריינ-טעכנישע טײַמימ—קיינ שומ געזעלשאַפטלעכנ רעזאָנאַנס.

ווינטשעווסקי דער קינסטלער איז ליב אונ נאָענט געוואָרנ דער יידישער אַרבעטערשאַפט הויפּטזאַכלעכ מיט זײַנע לידער אונ פעליעטאָנענ. אונ אַפילע איצט, ווענ ס'איז שוינ פאַרעפנטלעכט קימאַט זײַנ גאַנצע דראַמאַטורגישע יערושע, איז שווער פאָרויסצוזענ אַ רענעסאַנס פונ אָט דעמ פאַרגעסענעמ ווינקל פונ ווינטשעווסקיס שאַפנ, ניט געקוקט דערויפ, וואָס דער „זיידע" איז געווענ אַ דורכויס פײַנער דראַמאַטורג, האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנענ די ספּעציפיק פונ דער דראַמאַטישער פאָרמ, האָט פאַרמאָגט אַ לעבעדיקנ אונ ציכטיקנ דיאַלאָג, האָט געקענט פּלאַסטיש אונ איבערצײַגנדיק אַרויסברענגענ כאַראַקטערנ, האָט פרײַ אונ מיט געשמאַק אַרײַנגעפירט אינ זײַנע פּיעסעס דעמ קאָמישנ עלעמענט. וואָרעמ אינ זײַנע לידער אונ פעליעטאָנענ איז ווינטשעווסקי געווענ אינ אַלע הינזיכטנ אַ באַוואוסטער, אַ פּיאָנער. ער איז דער ערשטער געקומענ אינ דער יידישער ליטעראַטור מיטנ רעוואָליוציאָנערנ ליד, מיטנ רעוואָליוציאָנערנ פעליעטאָנ, אונ האָט אינ ביידע געביטנ געשאַפנ אַנ אייגענע אונ אייגנאַרטיקע פאָרמ. זײַנ ליד אונ זײַנ פעליעטאָנ האָט ווינטשעווסקי צוזאַמענגעשלאָסנ מיט דער רעוואָליוציאָנערער וועלט-ליטעראַטור, פונ איר געשעפּט אונ באַ איר געלערנט זיכ. אינ זײַנ דראַמאַטורגיע איז אָבער ווינטשעווסקי קיינ פּיאָנער אונ קיינ באַוואוסטער ניט געווענ, ער איז דאָ גיכער געווענ אַנ עפּיגאָנ פונ דער בורזשואַזער יידישער אונ מײַרעוו־אייראָפּעיִשער דראַמאַטורגיע. אינ קעגנזאַץ צו זײַנע לידער אונ פעליעטאָנענ, האָט ער דאָ קיינ נײַע פאָרמ ניט געשאַפנ, וואָרעמ ס'האָט געפעלט אינ זײַנע דראַמעס אויכ אַ נײַער רעוואָליוציאָנערער אינהאַלט. ער האָט ניט געשעפּט פונ דער רעוואָליוציאָנערער דראַמאַטורגיע פונ אַ שעלי אָדער פונ די טשאַרטיסטנ (אשטייגער, ערנסט דזשאָנס), אונ בלויז אינ דער לעצטער דראַמע, „עסטער", גיט אַנ אָטעמ עטוואָס פונ איבסענס ראַדיקאַל-

קלײנבירגערלעכער דראמאטורגיע, אינ װינטשעװסקיס דראמאטורגיע, װאָס האָט זיכ געדעכנט קימאט אויסשליסלעכ מיט די מעגלעכקײטנ אונ פאָדערונגענ פונעמ בורזשואזנ טעאטער, פאַלט ארויס אינגאנצנ אזא מינ באשטימענדיקער פאקטער פאר זײַנע לידער אונ פעליעטאָנענ, װי די טאָגטעגלעכע נויטנ, פאָדערונגענ אונ שטימונגענ פונ די יידישע ארבעטער-מאסנ. די שטימ אונ דער דראנג פונ די מאסנ, װאָס הערט זיכ אזוי בולט אינ װינטשעװסקיס בעסטע לידער, אונ װאָס האָט, װי ער אלײנ דערצײלט, דירעקט אימ באגײַסטערט צו זײַנע שענסטע אונ פאָפולערסטע זאכנ, איז ניט דערגאנגענ צו די דאָזיקע דראמאטישע „קאבינעט-װערק". אונ אויב װינטשעװסקיס רעװאָליוציאָנערע דיכטונג האָבנ די סאָנימ, אונ מיט אומרעכט, פאָרגעװאָרפנ, אז ס'איז קײנ ליטעראטור ניט, זײַנענ װינטשעװסקיס דראמעס שוינ צופיל „ליטעראטור", שטארק ליטעראריש אינ זינענ פונ אָפגעריסנקײט פונ לעבנ אונ לויט זײער שװימענ איבערנ פארװאסער פונ פעסט אײַנגעשטעלטע ליטערארישע טראדיציעס. אזויארומ האָבנ װינטשעװסקיס דראמעס הײַנטצוטאָג ס'ראָװ א ליטעראטור-היסטאָרישנ אונ ביאָגראפישנ אינטערעס.

פונ אָט דעמ שטאנדפונקט,—דעמ ליטעראטור-היסטאָרישנ אונ ביאָגראפישנ,—האָבנ זײ אָבער װירקלעכ א באדײַטנדיקנ אינטערעס.

II

װינטשעװסקיס ערשטע דראמע „דער מירער אילוי" איז א פארשפעטיקטע האסקאָלע-דראמע. ניט געקוקט דערויפ, װאָס װינטשעװסקי באמיט זיכ צו מאָדערניזירנ דעמ קאנאָנ פונ דער בורזשואזער מאסקילישער דראמע, פארװאנדלענדיק דעמ פאָזיטיװנ העלד אינ א סאָציאַליסט, באװעגט זיכ דאָכ די גאנצע פיעסע אינעמ שטײַפ-אויסגעארבעטנ, שוינ טראפארעטנ נוסעכ פונ דער מאסקילישער דראמאטורגיע. װינטשעװסקי אלײנ איז שוינ הימשע יאָרנ געװענ אװעק פונ דער האסקאָלע, אונ די עצעמ האסקאָלע-דראמע איז שוינ אינ די 60-טער אונ 70-ער יאָרנ געגאנגענ בארג-אראָפ, געריסנ געװאָרנ פונ אלע זײַטנ דורכ פארשײדענע שטרעמונגענ: פונ אײנ זײַט, האָט די שפעטערע בורזשואזע דראמאטורגיע (א שטײגער, גאָלדפאדענ) געשטרעבט אָפצוטעמפנ איר אָנגרײַפערישנ שפיצ, פארװאנדלענדיק זי אינ א לײַכט מאָראליזירנדיקנ אונ פריִער פאר אלצ פארװײַלנדיקנ שטאָפ; פונ דער אנדערער זײַט, האָט דעמ ראדיקאל-קלײנבירגערלעכנ שרײַבער פונ די 60—70-ער יאָרנ ניט באפרידיקט איר פאמיליע-ראמ, אינ ער האָט, װי אינ מענדעלעס „טאקסע", געשטרעבט צו דער סאָציאַלער דראמע. װינטשעװסקיס פיעסע איז נאָכ אָבער אלצ אײַנגעשלאָסנ אינ די שמאָלע גרענעצנ פונ א פאמיליע-דראמע, פונעמ קאמפ צװישנ אופגעקלערטנ נײַעמ דאָר מיט די פאנאטישע עלטערנ, אונ דאָ בײַט נאָרניט דער נײַער „סאָציאַליסטישער" כאראקטער פונ דער אופקלערונג. די אלטע דראמאטורגישע טראדיציע דריקט מיט איר גאנצער לאסט.

װאָרעמ אויכ דער „סאָציאַליזמ" פונעמ הויפטהעלד, דר. לובלינסקי, איז איבערפלעכלעכ אונ מעכאניש צוגעטשעפעט צומ כאראקטער, אונ װענ ניט

א פּאָר באמערקונגען וועגן אן אָביסק, וואָס די זשאנדאמעריע האָט געמאכט באם העלד, און וועגן רעוואָליוציאָנערע ביכלעך, וואָס מע האָט בא אים צו־גענומען, וואָלטן מיר איבערגעלייענט די גאנצע פּיעסע און נאָך אלץ ניט כוי־שעד געווען, אז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט עפּעס מער, ווי א ליבעראלן בורזשואזן אינטעליגענט. ווען לובלינסקי דערציילט, אז „זיינע געפערלעכע געדאנקען און זיינע ביטערע געפילן בלייבן בא אים אין קאָפּ און אין הארצן און קומען זעלטן ארויס דורכן פעדער אפן פאפיר", איז ער טיילווייז גערעכט. מיר ווערן בלויז צוגעבן, אז זיי זיינען אזוי טיף און געהיים פארבאהאלטן, אז ס'איז צו צווייפלען, צי זיי פארבלייבן אפילע אין „זיין קאָפּ און אין הארצן". גאָר א געפערלעכע פיגור איז דער דאָזיקער רעוואָליוציאָנער, ווייזט אויס, אפילע ניט אין די אויגן פון דער זשאנדארמעריע, וואָרעם שפּעטער דערציילט אונדז רעב כייקל, אז „נאטשאלסטווע וועט אים מער ניט טרעוואָזשען", „ער האָט עפּעס נויסע כיין געווען בא א גרויסן טשינאָווניק". קיין פארבינדונג מיט די מאסן, מיט אן אָרגאניזאציע, האָט ניט דער „רעוואָליוציאָנער". דאקעגן האָט ער געלט, און... פאָדערט גאדאנ. „אָ, מיין ליבע, טייערע עמיליע! דו פאר־דינסט, אז מע זאָל זיך צוליב דיר אביסל אָנשטרענגען! דו מוזט קריגן גאדאנ פון דיין קארגן פאָטער"—און מאָטיווירט ווערט עס צווישן א „טיף מאָראלישן" און א „טיף פּסיכאָלאָגישן" אויפן: „דו מוזט מיר ניט זיין צו דאנקבאר, ווי דו וואָלסט זיין אין דעם פאל, ווען דו קומסט צו מיר ווי דו שטייסט און גייסט. נאָר אין גלייכהייט איז דאָ עמעסע ליבע, און דו מוזט ניט מיינען, אז איך האָב מיט דיר כאסענע געהאט פון הוילע ראכמאָנעס וועגן; איך, ווידער, וויל וויסן, אז דיך פארבינדט צו מיר ליבע, ניט דאנקבארקייט".

דר. לובלינסקי הייסט אין ווינטשעווסקיס פּיעסע אדאָלף, עס איז אָבער אין טאָג אונדזער אלטער גוטער באקאנטער, דער בארימטער מ א ר ק ו ס פון דער מאסקילישער דראמאטורגיע, יענער מארקוס, וואָס באווייזט זיך צוערשט אין די קאָמעדיעס פון דער בערלינער אויפקלערונג, אין אייכלס „רעב הענעכ" (1793-1792), וואָלפסאָנס „לייכטזין אונד פרעמעליי" (1796), וואנדערט שפּעטער אריבער אין רוסלאנד, שפילט די הויפּטראָליע אין עטינגערס „סערקעלע" (ארום 1830), און בלאָנדזשעט נאָך אלץ ארום ביז טיף אין די 80-ער און אפילע 90-ער יאָרן, אָפט אפילע אונטער דעם זעלביקן מארקוס-נאָמען (אשטייגער, אין דאָוויד זאהיקס „די ראָזע צווישן דערנער", 1884, גאָלדפאדענס „קישעפמאכערן", שאָלעם-אליי־כעמס „יאקנעהאָז", 1894). די מארקוס-געשטאלט פון דער האסקאָלע-דראמע איז די אידעאליזירטע געשטאלט פון א יונגן בורזשואזן אינטעליגענט מיט פאר־שיידענע קליינע, אָבער ניט וועזנטלעכע וואריאציעס אין פארשיידענע דראמעס. ס'ראָוו איז מארקוס א יונגער סטודענט (אייכל, עטינגער); אין וואָלפסאָנס „לייכטזין אונד פרעמעליי" איז זיין באשעפטיקונג ניט קלאָר, גיכער איז עס א יונגער אויפגעקלערטער סוחער, אין א ריי האסקאָלע-דראמעס איז ער, ווי בא ווינטשעווסקין, דער לערער פון א יונגער מיידל, וואָס איז אין רעשוס פון פאנאטישע עלטערן אָדער קרויווים. ער איז געוויינטלעך די רעטאָרישע פיגור, וואָס האלט רעדעס אין האסקאָלע-גוסעך, רעדט ס'ראָוו דייטש אָדער דייטשמע־ריש (ווינטשעווסקיס דר. לובלינסקי רעדט א גוטן ייִדיש, אָבער אויך בא אים

רײַסנ זיכ אַרויס דײַטשמעריזמענ. אַשטייגער: „שערצ בײַ זײַטע“—אַ שפּאַס אָנ אַ זײַט), איז אָנגעפּיקעוועט מיט מײַסים־טויוים, איז גיטנעווײַנטלעכ, אײדל אונ צאָלט מיט גוטס פֿאַר שלעכטס. די מאַסקילישע דראַמאַטורגיע פֿאַרמאָגט דאָ צוויי וואַריִאַנטנ: אינ אײנ וואַריִאַנט (אַ שטייגער „סערקעלע“, אײכלס „רעב הענעכ“) איז דער יונגער מאַסקיל דער לײַדנדיקער צאַד, עס ווערנ אָפּ אים אויסגעטראַכט פֿאַרשיידענע בילבולים, אונ ערשט צום סאָפּ פֿונ דער דראַמע „זיגט די גערעכטיקײַט“, אונ די ערלעכקײַט אונ אײדלקײַט פֿונ די מאַרקוסעס דערשײַנט אינ איר פֿולנ „גלאַנצ“. אינ אַנדערע מאַסקילישע דראַמעס (אַשטייגער גאָטלאָבערס „דעקטוכ“, גאָלדפֿאַדענס „מומע סאָסיע“ אונ „צוויי קוני־לעמלעכ“, בערנשטיינס „רעב יאָכטשע“, זאַהיקס „די ראָזע צווישנ דערנער“) איז דער יונגער מאַסקיל שטאַרק אַקטיוו, ער גייט אַלײנ אַריבער אינ אָנגריפֿ, פֿירט בײַ דער נאָז דעם פֿאַנאַטישנ דאָר אונ געווינט זײַנ געליבטע דורכ אַנ אײַנפֿאַל, דורכ אַ טריוק. בײַ אַט דער ליניע האַלט זיכ אויכ ווינטשעווסקי, אונ זײַנ דר. לובלינסקי געווינט די געליבטע דורכנ פֿאַרשטעלנ זיכ פֿאַר אַ מירער אילוי.

די גלאַנצ־צײַט פֿונ דער מאַסקילישער פֿאַמיליע־דראַמע איז געווענ די ערשטע העלפֿט פֿונעם 19-טנ יאָרהונדערט, אונ איר גרעסטע דערגרייכונג—עטינגערס „סערקעלע“. זינט די 60-ער יאָרנ הייבט זיכ אָנ איר יערידע, זי לעבט נאָכ אָבער אַלצ, כאָטש זי ווערט מיט די יאָרנ אַלצ נאַרישער אונ וווּלגאַרער, אונ רוקט אַרויס אינ פֿאָרערגרונט דעם אינטריגע־מאָמענט, שפּילנדיק אָפֿנ ביליקנ קאָמישנ עפֿעקט, פֿאַרוואַנדלענדיק די טיפּיזירטע כאַראַקטערנ אינ שאַבלאָנאַרטיקע שטאַמפּירטע מאַריִאָנעטקעס. יענע ליטעראַרישע טראַדיציע, פֿונ וועלכער טע שעפּט ווינטשעווסקי, איז טאַקע נית די עלטערע האַסקאָלע־דראַמע, נאָר איר גילגול אינ דער דראַמאַטורגיע פֿונ די 60—80-ער יאָרנ. מיר האָבנ דאָ אינזינענ אַזעלכע ווערק, ווי גאָלדפֿאַדענס „מומע סאָסיע“ (צוערשט געדרוקט 1869), וואָס איז געשריבנ אונטער דער שטאַרקסטער האַשפּאָע פֿונ עטינגערס „סערקעלע“; צוויי יאָר שפּעטער (1871) דערשײַנט בערנשטיינס (פּסעוודאָנים: שילשעמ באַר יענטע) קאָמעדיע „רעב יאָכטשע דאַל גייע“ (דער אָרעמער באַלגײַווע), ווו דער מאַסקיל מוישע גליקלעכ מוז אָנקומענ צו אַ קונצ, כדי כאַסענע צו האָבנ מיט דער טאָכטער פֿונ נאַרישע מעיוכאָסים—ער טוט זיכ איבער פֿאַר אַ כסידישנ רעבנ רעב געצעלע. עס פֿיגורירט אויכ דאָ, ווי אינ ווינטשעווסקיס פּיעסע, אַ טראַדיציִאָנעלע מעשאָרסים־פּאָר, יענטל אונ בענדיט, וואָס זײַנענ נאַטירלעכ אָפּ דער זײַט פֿונ גליקלעכנ. ענלעכע מאָטיוונ געפֿינענ מיר אויכ אינ אײניקע דראַמעס פֿונ די 80-ער יאָרנ. אינ יאָר 1882 דערשײַנט אינ וואַרשע אַ וווּלגאַרע, נאַרישע קאָמעדיע פֿונ אַ געוויסנ שימענ וואָלצינאָק „דער באַקאַנטער דאָקטער“—עס פֿילנ זיכ דאָ האַשפּאָעס פֿונ גאָטלאָבערנ, אַקסענפֿעלדנ אונ עטינגערנ. אויכ דאָ ווילמענ צווינגענ אַנ אויפֿגעקלערטע מיידל כאַסענע צו האָבנ מיט אַ כסידישנ אײניקל, עס ראַטעווועט זי אַרויס איר געליבטער, וואָס האָט דערווײַל געענדיקט אָפּ אַ דאָקטער, אונ זיי האָבנ מיט מאַזל כאַסענע. ביידע געליבטע ריידנ נאַטירלעכ אַ בערדיטשעווער דײַטש. ערטערווײַז נית שלעכט איז דאָ די שאַדכנ־פֿיגור—אײַזיק לייב זאַיקע (בײַ ווינטשעווסקינ מאָנפֿעט דער שאַדכנ). מיט צוויי יאָר שפּעטער (אונ צוויי יאָר פֿאַר ווינטשעווסקיס פּיעסע) דערשײַנט דאָוויד זאַ־

זיקס „די רײַזע צווישן דערנערי", אונ דאָ לערנט זיך רײזעלע, ווי בא ווינטשעווסקין, בעסאָד באַם יונגנ מאַסקיל מאַריקוס, אינ וועלכנ זי פארליבט זיך, אונ אויך דאָ באַקומט מאַריקוס זײַנ געליבטע דורך א קונצ.

אָט איז יענער ליטעראַטור-היסטאָרישער קאָנטעקסט, אינ וועלכנ ס'דארפ באַהאַנדלט ווערנ ווינטשעווסקיס „מירער אילוי". עס איז, לײדער, ניט דער קאָנטעקסט פונ ליבערמאַנס „האַעמעס" אָדער פונ ווינטשעווסקיס „אסיפאַס כאַכאָמים" אונ פונ זײַנע ערשטע רעוואָליוציאָנערע יידישע לידער. עס איז לײַכט צו דערווײַזנ, אז קימאַט אַלע מאָטיוונ אונ אַלע געשטאַלטנ פונ ווינטשעווסקיס פיעסע זײַנענ שוינ געווענ פעסט אײַנגעבירגערט אונ אויסגעשפילט אינ דער דעמאָלטיקער יידישער דראַמאַטורגיע: רעב כײַקל, דער פאַנאַטישער פאָטער, עקזיסטירט שוינ זינט אײַכלענ אונ וואָלפסאָנענ; דער שאַדכנ—זינט עטינגערס „סערקעלע", אונ ווערט דערנאָך וואַרײִרט אפ פאַרשײדענע אויפאַנימ אינ די 60—80־ער יאָרנ, ביפראַט בא גאָלדפאַדענען; א הונדערטיאָריקנ סטאַזש האָבנ די פיגורנ עמיליע־לובלינסקי, אונ די מעשאָרסים-פאָר (דינעצקי-כײַעטשקע) איז א פעסטער רעקוויזיט אינ דער יידישער דראַמאַטורגיע זינט עטינגערס „סערקעלע"; דער מאַסקילישער „אײַנפאַל", ס'דראָוו דורך איבערקלײדונג, פיגורירט בא אקסענפעלדנ, גאָטלאָבערנ, גאָלדפאַדענען, בערנשטײנענ, זאַהיקנ א. א. געוויס שטײט ווינטשעווסקיס פיעסע מיט צענ קעפ העכער פונ דער דראַמאַטורגיע פונ א וואָלצינאָק, א בערנשטײנ אָדער א זאַהיק, העכער אפילע פונ גאָלדפאַדענס „מומע סאָסיע": די שפראַכ איז ציכטיק אונ זויבער, די קאָמישע עפעקטנ זײַנענ געגעבנ מיט א מאָס אונ מיט געשמאַק (כאָטש זײ זײַנענ צומאָל פרימיטיוו, ווי צ. ב. דעמ שאַדכנס פאָנפענ), די כאַראַקטערנ זײַנענ געמאַכט מער־ווײניק רעאַליסטיש אונ וואַרשײַנלעכ,—קורצ, עס פילט זיך דאָ קולטור, געשמאַק, א קולטורעלער צוגאַנג צו דער קאָמעדיע, אונ אינ דעמ זינענ איז עס א זעלטענע דערשײַנונג אפנ פאָנ פונ דער דעמאָלטיקער פאַרווילדערטער יידישער דראַמאַטורגיע. ווינטשעווסקי האָט אינ קינסטלערישנ זינענ אופגעהויבנ די מאַסקילישע דראַמע פונ שטויב, זי אָפגערײניקט אונ אָפגעפוצט— ער האָט זי אָבער ניט דערהויבנ אידעאָלאָגיש, ער האָט בלויז איבערגעכאַזערט א וועג, וואָס איז היסטאָריש שוינ לאַנג געווענ פאַרענדיקט. אפילע קינסטלעריש שטײט די פיעסע, בא ווינטשעווסקיס גאַנצער מי, נידעריקער פונ עטינגערס „סערקעלע", ווו דער שטײגער איז געדיכטער, די געשטאַלטנ—בלוטפולער, די דראַמאַטישע קאָמפאָזיציע—מײַסטערישער. עס איז גענוג צו פארגלײַכנ עטינגערס שאַדכנ אונ ווינטשעווסקיס שאַדכנ, עטינגערס הינדע אונ ווינטשעווסקיס עמיליע, קעדײ גלײַך צו זענ די „ליטעראַרישקײַט", אנעמישקײַט פונ ווינטשעווסקיס פיעסע.

דער אויספיר איז; אז ווינטשעווסקי האָט אינ יאָר 1886 פאַרפאַסט נאָכ אײנ האַסקאָלע־דראַמע,—דאָס איז געווענ די לעצטע האַסקאָלע־דראַמע אינ דער יידישער ליטעראַטור, די לעצטע, נאַטירלעכ, אינ פיגורעלנ זינענ, ווי א פרווו אופצולעבנ א ליטעראַרישנ סטיל, וואָס איז שוינ לאַנג טויט געווענ. אָנשטאָט צו ליקווידירנ אידעאָלאָגיש די בורזשואַזע האַסקאָלע־דראַמע, אופצורײַסנ זי פונ אינעווײניק, אראָפצורײַסנ דעמ שלײער פונ די לובלינסקיס, אופצודעקנ דעמ עמעסנ

זינען פֿון זייער פּראָזעאָלאָגיע, האָט זיך ווינטשעווסקי געדרייט אין אַלטן מאַסקילישן טראַפּאַרעט. עס באַקומט זיך אָפּן ערשטן אײַנדרוק מאָדנע, ווען מע דערמאָנט זיך, אַז נאָך אין זײַן זשורנאַל „אַטייפּאַס כאַכאָמים" (1877-1878) האָט ווינטשעווסקי אינעם ראָמאַן „פּאָנים כאַדאָשויס" בײַז קריטיקירט דעם בורזשואַזן מאַסקיל לעאָן, און אים קעגנגעשטעלט דעם אָרעמען סטודענט, דעם סאָציאַליסט בנאָיאָהו. אָבער אויך בנאָיאָהו פֿאַרמאָגט פֿונעם סאָציאַליזם ניט מער, ווי לעבלעכע פּראָזעאָלאָגיע, און קיין גרויסע דיסטאַנץ טיילט אים ניט אָפּ פֿון דר. לובלינסקין. ווינטשעווסקי פֿאַרשטייט נאָך ניט, אַז די ציניש, זאַטע און זעלבסטצופֿרידענע לעאָנס זײַנען אין דער יוגנט צעמאָל „סאָציאַליסטן".

III

נאָך אינעם יאָר 1885, אין די נומערן 40 און 41 פֿון דער לאָנדאָנער „צו־קונפֿט", האָט ווינטשעווסקי אָפּגעדרוקט צוויי סצענעס („ניט געכאַפּט") אין פֿערזן, געבויט אויף א פֿאַקט, געהערט פֿון ווינטשעווסקין אין פּאָטערס הויז „איידער ער האָט נאָך געקענט אַרײַנקוקן אין א סייפֿער" (אַלזאָ אָנהייב 60-ער יאָרן). שפּעטער האָט ווינטשעווסקי גענומען ברייטער פֿאַנאַנדעראַרבעטן די דאָזיקע טעמע. „צוערשט איז זי געווען אַן אײנאַקטער, אַלס אַזעלכער, וואָלט זי עפּשער געווען ניט שלעכט, אָבער בײַ מיר האָט זיך דער־ווײַל געיאַוועט אַן אַמביציע צו באַשרײַבן אַביסל דײַטלעכער און בוילעטער א פּעריאָדע אין דער ייִדישער געשיכטע, וואָס בלויז די עלטערע שרײַבער האָבן דערפֿון געהאַט עטוואָס פּערזענלעכע ערינערונגען" (פֿון ווינטשעווסקיס פֿאָרוואָרט צו דער דראַמע). אַזוי איז אַנטשטאַנען די דרײַאַקטיקע פּיעסע „דער לעצטער באַבאָר".

די טעמע פֿון דער פּיעסע איז די רעקרוטשינע, די כאַפּערס, און ווידער־אַמאָל איז כאַראַקטעריסטיש, אַז איינע פֿון די ערשטע האַסקאָלע־דראַמעס אין רוסלאַנד איז אַקסענפֿעלדס „דער ערשטער ייִדישער רעקרוט", בעשאַס ווינ־טשעווסקי גיט די געשיכטע פֿונעם „לעצטן ייִדישן רעקרוט", פֿון די לעצטע קאָנוווּלסיעס פֿון יענער רעקרוטן־סיסטעם, וואָס ס'האָט אויסגעבויט ניקאָלײַ I. אויך די דאָזיקע טעמע איז פֿאַנאַנדערגעאַרבעט געוואָרן אין דער מאַסקילישער ליטעראַטור, אין דראַמע, אין פּראָזע און אין ליד. קיין נײַע באַלײַכטונג פֿון דער פּראָבלעם האָט ווינטשעווסקי ניט געגעבן. ער האָט זי ניכער פֿאַרשמע־לערט אַפֿילו אין פֿאַרגלײַך מיט דער אַלטער מאַסקילישער טראַקטירונג. דעם גרויל פֿון דער רעקרוטשינע־סיסטעם האָט ער געגעבן דורך דער פּריזמע פֿון אינדיווידועלע לײַדן און ניט באַנומען די פֿראַגע אין איר גאַנצער סאָציאַלער גרויס. קאָהאָל אין זײַן שענדלעך־אַכזאָריעסדיקער ראָליע פֿיגורירט דאָ בלויז אין איינצלנע באַמערקונגען פֿון דער זײַט, און די כאַפּערס באַקומען מאַכמעס דעם קימאַט א זעלבשטענדיקע ראָליע. די גאַנצע אַקציע שפּילט זיך אָפּ ערגעץ אין א דאָרפֿישן העק, און עס ווערט איבער דעם גופֿע אָפּגעשניטן דער וועג צו א ברייטער שילדערונג פֿונעם קלאַסנקאַמף אַרום דער רעקרוטשינע, פֿון דער באַציִונג פֿון פֿאַרשיידענע שיכטן צו דער דאָזיקער שווערער צאַרישער לאַסט.

אינ דער צײַט, ווענ אפילע לעווינזאָנ איז אינ זײַנ „העפקער־וועלט“ (ארום
1830) דערגאנגענ צו שווערע באשולדיקונגענ קעגנ דער גוויריש־ראבאָנישער
אָליגארכיע, אז „זינט מע נעמט רעקרוטנ, האָט מענ נאָכ ניט אוועק־
גענעבנ קײנ אוישערס קינד, קײנ שום טאקיפס קינד, קײנ שום פאק־
טערס קינד, קײנ שום בײסמעדרעש־באָכער, נאָר אָרעמעלײַטס קינדער
נעבעכ, ערלעכע באלמעלאָכעס קינדער, וואָס העלפנ זײערע עלטערנ ארבעטנ,
ערלעכע מעשאָרסים, ערלעכע באהעלפערס“; אינ דער צײַט, ווענ אקסענפעלד באַ־
ציט זיכ אויכ מיט אומווילנ צום אָפגעבנ פאר א רעקרוט נאכמענ דעם גרויסנ,
דעם זונ פונ אנ אָרעמער אלמאָנע, און שילדערט די רעקרוטשינע אפנ ברײטנ
סאָציאלנ פאָנ פונ שטעטלדיקע מאסנ, קאָהאָל, מאסקילים,—איז גראָד בא ווינ־
טשעווסקינ דער געליטענער „א זײַדענער יונגערמאנטשיק, א ווילנער“, דער
אײדעם פונ א רײַכנ יישווניק, און עס איז ניט קלאָר, פארוואָס דאפקע ער טאָר
ניט זײַנ קײנ רעקרוט, ביפראט אינ א צײַט, ווענ ס׳איז שוינ אָפגעשאפט די 25-יאָ־
ריקע מיליטערדינסט. בעמײלע ווערט די גאנצע פראָבלעמ ארויפגעדריקט צום
ניוואָ פונ אנ אינדיווידועלנ אומגליק, און די היסטאָרישע דראמע, וואָס האָט
לויט ווינטשעווסקינ געדארפט שילדערנ „א פעריאָדע אינ דער יידישער געשיכטע“,
ווערט פארוואנדלט אינ א פאמיליע-דראמע, מיט דעמ רײנ־צופעליקנ שפיצ,
אז דער רעקרוט, וועלכנ מע האט פארשטעלט פאר א טויטנ, שטארבט דער־
ווײַל אלײנ פונ שרעק.

ווינטשעווסקי האָט זיכ אזו אזא מינ אויפנ אלײנ אָפגעשניטנ אלע וועגנ פאר
א בעמעס באדײַטונגפולער היסטאָרישער דראמע, זיכ אלײנ ארײַנגעקוועטשט
אינ די שמאָלע ראמענ פונ א בורזשואזער פאמיליע־דראמע, און אלע זײַנע
פרוונ צו פארטיפנ דעמ שטאָפ האָבנ בא אזא לאגע געקאָנט גײנ בלויז אינ
דער ריכטונג פונ פסיכאָלאָגישער „פארטיפונג“. אזא מינ פסיכאָלאָגיזירנ פאר־
וואנדלט אָבער געשיכטע בלויז אינ דעקאָראציע, בלויז אינ א פאָנ פאר בורזשו־
אזע „אײביקע“ פראָבלעמעס. פונ א רעקרוטשינע-דראמע איז די פיעסע פאר־
וואנדלט געוואָרנ אינ א בורזשואזער דרײַעק-דראמע, אינ א ליבע-צוזאמענ־
שטויס, ווו ס׳קומענ זיכ צונויפ דאָס ענערגישע, לעבנלוסטיקע „נאטורקינד“ כײַע-
סאָרע, איר מאנ, דער ווילנער ראכמיעל, און דער יונגער פײַוועקע. פײַוועקעס
„גאנצע נעשאָמע איז פול מיט כײַע־סאָרענ“, ער איז אינ איר פארליבט, כאָטש
ער אלײנ איז עס נאָכ ניט כוישעד. ענלעכ איז כײַע-סאָרע, וואָס איז אפ דרײַ
יאָר עלטער פונ פײַוועקענ און וואָס איז מיט אימ געוואקסנ פונ קינדווײַז
אופ, ניט כוישעד יענע פעדיעמ, וואָס פארבינדנ זי, דאָס „נאטורקינד“, גיכער
מיטנ געזונטנ און פרישנ דאָרפ-יונג, ווי מיטנ „זײַדענעמ יונגנ מאנ, דעמ
ווילנער“. אינ איר געפיל-לעבנ דרעמלט שוינ דער קאָנפליקט, ער וועט
אָבער אויסברעכנ מיט דער גאנצער קראפט ערשט, ווענ ס׳וועט שטארבנ דער
מאנ ראכמיעל, ווענ די אלטע ליבע וועט זיכ פארפלאָנטערנ צווישנ דער פלו־
צימ באקומענער פרײַהײַט אינ דעמ געוויסנביסנ, אז זי און אירע נאָענטע האָבנ
א געוויסנ אָנטײל אינ ראכמיעלס טויט.

אינעמ פאָרוואָרט צו דער פיעסע שרײַבט ווינטשעווסקי: „ווענ די פיעסע
איז נעווענ פארטיק אינ אלע דרײַ אקטנ, האָב איכ געפילט, אז וואָס דער

ווערט זאָל ניט זײַן פונעם בילד אַלס א צײַטבילד, אלס א שילדערונג פון א געוויסער עפּאָכע אין דעם לעבן פון אונדזער פאָלק; קען די פּיעסע גיט בלײַבן געענדיקט ווי זי איז. דער סאָף איז דראַמאַטיש ניט ריכטיק...״ פאַרוואָס איז די פּיעסע דראַמאַטיש ניט ריכטיק, דערציילט ניט ווינטשעווסקי. דאָס ווערט אָבער קלאָר פונעם עפּילאָג „די מעכיצע״, וועלכן ווינטשעווסקי האָט צוגע־שריבן שפּעטער מיט א יאָר. יענער דרײַעקט־קאָנפליקט,—דער קאָנפליקט כײַע־סאָרע, ראַכמיעל, פּײַוועקע,—וואָס האָט זיך אין דער עצעם דראַמע קוים אָנגעצייכנט, ווערט דאָ בולעט און אנטשיידן פאַנאַנדערגעוויקלט. ווינטשעווסקי האָט, ווײַזט אויס, געפילט, אז אָן דעם עפּילאָג פאַרמאָגט ניט די דראַמע קיין צענטראַלע אידייע. אירע שמאָלע ראַמען, דאָס ארומשנײַדן דעם סאָציאַלן מאָמענט דערלויבט ניט „ארויסברענגען דעם טראַגיזם פון דער קאָנטאַגיסטן־צײַט״, און ווידער פאַר א פאַמיליע־טראַגעדיע איז די פּיעסע צו ווייניק דראַמאַטיש, זי פאַרמאָגט ניט קיין פּראָבלעמאַטיק און ווערט פאַרוואַנדלט אין באַשרײַבונג: עס ווערט בא־שריבן א דאָרף־העק, א דאָרף־ווײַבל, א דאָרף־ייִנגל, א ווילדערנער—א האַלבער מאַסקיל, אַן אויסגעדינטער קאַנטאָניסט, א מײַסע מיט א פאַרשטעלונג, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַן אומגליק,—דאָ איז נאָך אלץ ניטאָ קיין שפּור פון פּראָבלעם, פון קאָנפליקט, פון צוזאַמענשטויס,— אפילו אינעם צוזאַמענשטויס מיט די כאַפּערס לײַדן דאָך די הויפּטהעלדן מער איבער אייגענער ניטפאַר־זיכטיקײַט, איבערן ניט וועלן זיך אויסקויפן, איבער דעם ניטגעראָטענעם אײַנ־פאַל מיטן פאַרשטעלן פאַר א מעס,—עס איז ניט דער אויסוועגלאָזער טראַגיזם פון די פאָלק־מאַסן אין יענער עפּאָכע. ווינטשעווסקי האָט, אַזויאַרום, געזוכט א וועג דראַמאַטישער צו מאַכן די דראַמע, און ער איז אוועק אפן לײַכטערן, באַק־וועמערן און מאַכמעס דעם ערגערן וועג; אפ א וועג, וואָס האָט שוין בּאַרניט געקאָנט ראַטעווען, סײַדן פאַרדאַרבן.

ווינטשעווסקיס אויסוועג איז קיין אויסוועג ניט געווען, וואָרעם א פּראָב־לעמלאָזע דראַמע קאָן ניט געראַטעוועט ווערן אפילו דורך א פּראָבלעמען־רײַכסטן עפּילאָג. ווינטשעווסקיס אויסוועג איז קיין אויסוועג ניט געווען, וואָ־רעם די „פּאַרטיפּונג״ פון דער דראַמע איז געווען די קלוימערשטע פּאַרטיפּונג פון די פּאָזיציעס פון בורזשואַזן פּסיכאָלאָגיזירן. ס׳האָט זיך באַקומען בא וויג־טשעווסקין א מין הירשביין־פּיעסע, וואָס ספּעקולירט אפן אריבערטראָגן דעם בורזשואַזן „אייביקן״ פּסיכאָלאָגישן קאָנפליקט אין דער סוויווע פון פּרימי־טיווע, רויע דאָרף־מענטשן. די לאָגיק פון אזא מין „פּאַרטיפונג״ האָט בע־טריבן אפילע צו דער באַנאַלער אופלעבונג פון ראַכמיעלן, ווי א געשפּענסט־פּי־גור, וואָס באַווײַזט זיך אין כײַע־סאָרעס האַלוצינאַציעס. דער עמעסער אויס־וועג האָט געקאָנט זײַן בלויז אינעם אומקערן זיך צום אויסגאַנג־פּונקט פון דער פּיעסע, צו דער רעקרוטשינע־פּראָבלעם און צו איר ברייטער היסטאָרישער פאַנאַנדערוויקלונג אין א רעוואָליוציאָנערן אַספּעקט. דאָס האָט אָבער געפאָדערט, עס זאָל קאַרדינאַל איבערגעאַרבעטן און צעבראָכן די גאַנצע פּיעסע.

אַזויאַרום, איז אויך „דער לעצטער נאַבאָר״ א דורכפאַל בא ווינטשעווסקין, און די סיבע פונעם דורכפאַל איז א ניטריכטיקער אידעאָלאָגישער אויסגאַנג־פּונקט, דאָס ניטבאַגעמען יענע אופגאַבעס, וואָס שטייען פאַר א רעוואָליוציאָ־

נערן שרײַבער בײַ אזא װיכטיקער און פֿאַראַנטװאָרטלעכער היסטאָרישער טעמע. פֿונעם דאָזיקן דורכפֿאַל האָבן ניט געקאָנט ראַטעװען יענע אַלע דראַמאַטורגישע מײַלעס און פֿײַיקײטן, װאָס װינטשעװסקי האָט דאָ אַנטפּלעקט: אַ רײַכע און זאַפֿטיקע שפּראַך, אַ רײ גלענצנדיקע בילדער פֿונעם שטײגער פֿון דאָרפֿישע ייִדן, היפּשע דערגרײכונגען אויפֿן געביט פֿון סצענישער מאָלערײַ (דער דאָרפֿישער פּאַן, די מאָלערישע שטימונג-פֿיגורן פֿון דער באָבען און סטעפּאַנקען), די בעמעס אינטערעסאַנטע געשטאַלטן פֿון כײַע-סאָרען און פֿײַװוקען.

IV

שױן אינעם „לעצטן נאָבאָר" זײַנען כאַראַקטעריסטיש נאַציאָנאַליסטישע בײַטענער, און אַנדערש האָט ניט געקאָנט זײַן, װײַבאַלד די גאַנצע עפּאָכע װערט געגעבן אָן דער באַלײַכטונג פֿונעם קלאַסנקאַמף, װאָס גײט אָן אין דער ייִדישער סבֿיבֿה. די פּיעסע געהערט טאַקע צום נאַציאָנאַליסטישן פּעריאָד פֿון װינטשעװסקיס געזעלשאַפֿטלעכער און ליטעראַרישער טעטיקײַט, צום פּעריאָד 1900—1917. גאָר בולט קומען צום אױסדרוק װינטשעװסקיס דעמאָלטיקע נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען אין דער קאָמעדיע „קלױמערשט אַ כאַסענע".

װעגן װינטשעװסקיס געזעלשאַפֿטלעך-ליטעראַרישן װעג װאָלטן מיר פּראָװיזאָריש, אין גרױסע און גראָבע סקיצירן-ליניעס, פֿאַרצײכנט, אַז דער ערשטער גרױסער פּעריאָד פֿון װינטשעװסקיס לעבנסװעג — 1856 ביז 1884, — יענער װעג, װאָס װערט אָפּגעמערקט דורך קאָװנע, אָריאָל, קעניגסבערג און דורך די ערשטע יאָרן אין לאָנדאָן, — איז װינטשעװסקיס יוגנט-פּעריאָד, דער פּעריאָד פֿון לערנען און װאַנדער-יאָרן, פֿון אידײיִשער פֿאָרמירונג און זעלבסטבאַשטימונג. עס איז דער פּעריאָד פֿון זוכן דעם װעג צום סאָציאַליזם, פֿון דער השׂכּלה צום רוסישן רעװאָלוציאָנערן פֿאָלקיזם, פֿונעם פֿאָלקיזם צום דײַטשישן סאָציאַל-דעמאָקראַטישן געדאַנק אין זײַן געשטאַלט פֿון די 70-ער יאָרן, אין װאַקלענישן צװישן לאַסאַליאַניזם און מאַרקסיזם, צװישן מאַרקסיזם און דעם אַנאַרכיסטישן הורא-רעװאָלוציאָניזם פֿון אַ יאָהאַן מאָסט, צװישן סאָציאַליזם און דער נאַציאָנאַליסטישער אַפּאַטיע און אָפּהענטיקײַט אָנהײב 80-ער יאָרן, אונטערן אײַנדרוק פֿון די פּאָגראָמען און דעם חורבן פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ װאָליאַ". דער צװײטער גרױסער פּעריאָד—1884-1894, — איז דער גלאַנץ-פּעריאָד פֿון װינטשעװסקיס ליטעראַרישער טעטיקײַט. ער װאַרפֿט זיך אַרײַן אין דער סאַמע געדיכטעניש פֿון דער עמיגראַנטישער אַרבעטער-מאַסע אין לאָנדאָן, און אָט די ענגע פֿאַרבינדונג מיט די מאַסן און זײער קלאַסנקאַמף דערהױבט די רעװאָלוציאָנערע קװאַליטעט פֿון װינטשעװסקיס שאַפֿן; די דאָזיקע פֿאַרבינדונג מיט די מאַסן פֿילט אָן מיט אַ קאָנקרעטן אינהאַלט זײַנע סאָציאַליסטישע שטימונגען, באַפֿרײַט אים פֿון די אַמאָליקע נאַציאָנאַליסטישע באַװײַיענישן, גיט אים אַ ברײטן אידײיִש-קינסטלערישן האָריזאָנט, נײַע טעמאַטיק און פּראָבלעמאַטיק, זאָגט אים אונטער אַ נײַע, בעמעס פֿאָלקסטימלעך-קינסטלערישע רעװאָלוציאָנערע פֿאָרם. װינטשעװסקיס טאַלאַנט שטײט דאַן אין סאַמע בלי, ער שרײַבט דאַן די גרעסטע צאָל—און די בעסטע—פֿון זײַנע

לידער, זײַנע בעסטע פעליעטאָנענ, ער ווערט דער פאָפולערסטער אונ באַליבטסטער שרײַבער פונ די יידישע ארבעטער אינ ענגלאנד אונ אמעריקע, אונ זײַנ רומ דערגרייכט אויכ אינ רוסלאנד, זײַנ האשפּאָע פארכאפּט אויכ די ראדיקאַל-קליינבירגערלעכע אינטעליגענצ, אשטייגער, דעמ דעמלטיקנ פערעצנ. אינ יאָר 1894 פאָרט ווינטשעווסקי אריבער אינ אמעריקע, אונ עס הויבט זיכ אָנ א דריטער פעריאָד פונ זײַנ לעבנ אונ שאפנ, א בארג־אראָפּ-פעריאָד,—א פעריאָד, ווענ ווינטשעווסקי הייבט אופ אנ אנטיפארטייישנ קאמפ קעגנ דער רעוואָליוציאָנערער (ווענ אויכ סעקטאנטישער) דע־ליאָנ-אָנפירונג פונ דער פארטיי, שפאלט איניינעמ מיט אב. קאהאנענ די פארטיי, גרינדעט די רעפאָרמיסטישע ס. פ.—סאָציאַליסטישע פארטיי, קעגנ דע-ליאָנס ס. ל. פ.—סאָציאַליסטישער ארבעטער־פארטיי) אונ דעמ „פאָרווערטס", ווערט גיכ אנטוישט, ארויסגעוואָרפנ פונעמ „פאָרווערטס" דורכ זײַנע אייגענע געכטיקע כאוויירימ, פילט זיכ שטארק איזאָלירט, ווערט אָנהייב יאָרהונדערט שטארק פארכאפט פונ בונדיש־נאציאָנאַליסטישע שטימונגענ, אונ עס פאלט גלײַכצײַטיק דער אידייִש־קינסטלערישער ניוואָ אונ די געזעלשאפטלעכע באדײַטונג אונ וואָג פונ זײַנ שאפנ. דער דאָזיקער יערידע-פעריאָד דויערט ביז 1917. ערשט די גרויסע אָקטיאבער-רעוואָליוציע רײַסט ארויס ווינטשעווסקינ פונ אידייִש־געזעלשאפטלעכנ מאראזמ, פונ יענער פארלוירנקײַט אונ ייִעש, וואָס פילט זיכ אזוי שטארק אינ זײַנ סעריע ארטיקלענ „וואָס מיר פעלט", געשריבנ זינט 1916. עס הייבט זיכ אָנ דער פערטער אונ לעצטער פעריאָד אינ ווינטשעווסקיס לעבנ,—דער פעריאָד פונ ווינטשעווסקיס לאנגזאמענ, צווייטנ אונ לעצטנ אידייִשנ אופשטײַג, וואָס דערפירט אימ אינ די רייענ פונעמ רעוואָליוציאָנערנ פראָלעטאריאַט, פונעמ קאָמוניסטישנ אינטערנאציאָנאַל.

סאָפ אפרעל 1900 איז ווינטשעווסקי אוועק פונעמ „פאָרווערטס", וועלכנ ער אליינ האָט געגרינדעט, מיט דער שטימונג, ווי ער אליינ האָט דערקלערט, פונ א „העסלעכנ, שוידערהאפטנ קאצנ־יאָמער", מיט דער איבערצײַגונג, אז „די פארטיי איז טויט", אז דער סאָציאַליזמ אינ אמעריקע „ווערט געהאלטנ אפנ בעט, ווי א טײַערער בארמינער, וועלכנ מע וויל ווייניקסטנ פארהיטנ פונ ווערנ א נעוויילע, וויסנדיק, אז לעבעדיק קענ מענ אימ ניט מאכנ", אז די סאָציאַליסטישע באוועגונג אינ אמעריקע איז געגליכנ צו „א פערפענדיקל, וואָס באוועגט זיכ דאָ אהינ, דאָ אהער, איצט אביסעלע נאָכ לינקס אונ דאנ א האָרעלע נאָכ רעכטס אונ אמ ענדע אימער אפ דעמ זעלבנ אָרט". אינ א פעליעטאָנ פונ 1901 שרײַבט ווינטשעווסקי וועגנ די רעפאָרמיסטישע פירער: „קוקט זיכ אײַנ אפ זייערע פענעמער, וועט איר זענ, אז זיי זײַנענ וואנדלענדע מאַציוועס, אונ אפ יעדער פונ זיי שטייט דײַטלעכ אופגעשריבנ: דאָ ליגט באַגראָבנ א סאָציאַליסט". דידאָזיקע ביטערע ווערטער אפנ אדרעס פונעמ רעפאָרמיזמ זײַנענ דורכויס בארעכטיקט, ווינטשעווסקי האָט אָבער קיינ אויסוועג ניט געזענ אונ ניט געוויזנ. דער אידייִשער פלאָנטער האָט נאָכ בא אימ געדויערט לאנגע יאָרנ, אונ קריטיקירנדיק דעמ רעפאָרמיזמ פונ די „גענאָסנ", איז ער אליינ טייקעפ ארײַנגעפאלנ אינעמ נאציאָנאַליסטישנ אָפאָרטוניזמ, אינעמ בונדיזמ. זינט 1901 איז ווינטשעווסקי אידייִש שטארק נאָענט צומ

„בונד“, און כ׳ שאכנע עפּשטײנ דערציילט, אז „ווינטשעווסקי איז געווענ אינ אמעריקע איינער פונ די ערשטע, וואָס האָט אָנגענומענ דעם בונדס פּראָגראַם“ („פרײַהײַט“, 3 פעווראַל, 1924). זינט 1902 אגיטירט אויכ ווינטשעווסקי, אז די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג זאָל זיכ ניט צוזאמענגיסנ מיט דער ס. פּ., נאָר בלײַבנ אווטאָנאָם, און ער האלט, אז די בונדישע אָרגאניזאציע-פאָרמ דארפ גילטנ אויכ פאר אמעריקע. ער שטרעבט צו „מאכנ די סאָציאַליסטישע יידנ פאר יידישע סאָציאַליסטנ“.[1]

אָט די נאציאָנאַליסטישע שטימונגענ קומענ צומ אויסדרוק אינ דער קאָמעדיע „קלוימערשט א כאסענע“. ווי ווינטשעווסקי דערציילט אינעם פאָרוואָרט צו דער דאָזיקער פּיעסע, האָט ער זיכ אינ איר געשטעלט דרײַ אויפגאבעס: 1. אויסמאָלנ די סוויווע פונ א גרופּע יידישע יונגע אינטעליגענטנ, סאָציאַליסטנ, אינ לאָנדאָנ ארומ 1899. 2. ארויסברענגענ דאָס אויפקומענ פונ נאציאָנאַליסטישע שטימונגענ און געפילנ אינ די קרײַזנ פונ דער אינטעליגענצ — „אָט די דאָזיקע אינטעליגענטנ האָט דער נײַער אנטיסעמיטיזמ אינ די ציוויליזירטע לענדער ביסלעכווײַז אויפגעריסנ די אויגנ, און זיי האָבנ זיכ ארומגעזענ, אז זיי זײַנענ אלצ נאָכ יידנ; אז צווישנ סאָציאַליסטנ זײַנענ קיינ סטאמ-מענטשנ מיט הויל-פּראָלעטארישע באשטרעבונגענ (און ווײַטער גאָרניט) ניטאָ“, „אז עס איז דאָ אזא זאכ, ווי יידישקײַט, צו וועלכנ קלאס און פונ וועלכנ שטאנדפונקט איר זאָלט צו איר ניט צוגיינ“. 3. „ארויסברענגענ, קימאט פארבײַגייענדיק, דעמ מאָדערנעמ קוק אפ די פרוי אלס מענטש“. ווינטשעווסקי מאכט דערבײַ אויפמערקזאמ, אז ביידע לעצטע פראגעס בארירט ער בלויז פארבײַגייענדיק, „קעדיי ניט צו שטערנ די דראמאטישע האנדלונג דורכ טענדענציעזע לאנגע דראָשעס“.

די פּיעסע געהערט צומ קאָמעדיע-זשאנער, זי פארמאָגט א צענטראלע סיוזשעטישע אקס פונ א וואָדעווילישנ כאראקטער, א מײַסע מיט א סאָציאַליסט קרויזקאָפּ, א „פרויענהאסער“, וואָס איז אינ דער יוגנט פארלאָזנ געוואָרנ דורכ א פרוי, און זינט דעמלט קוקט ער מיט פאראכטונג אפ פרויענ און וויל פונ זיי ניט וויסנ; די יונגע „רעוואָליוציאָנערקע“ שיפרע בערמאנ דארפ פאָרנ אינ רוסלאנד אפ אומלעגאלער ארבעט, נייטיקט זיכ אינ א פאס, און קרויזקאָפּ גיט זײַנ האסקאָמע מיט איר פיקטיוו כאסענע צו האָבנ, — פארליבט זיכ אָבער אינ איר אפּדערעמעסנ, און די קלוימערשטע כאסענע ווערט פארוואנדלט אינ א ווירקלעכע. אכוצ אָט דעמ וואָדעווילישנ סיוזשעטישנ צענטראלנ מאָטיוו פארמאָגט די פּיעסע נאָכ א ווײַ קאָמישע עלעמענטנ: די פיגור פונ באָרעכ שטופּ, א גוטמוטיקנ פלאפלער, א באווונדערער פונ די סאָציאַליסטישע גדוילימ פונ דעמ טיפּ קרויזקאָפּ און מיט א מאניע פונ שפּיאָנענ-זוכערײַ; קאָמישע פיגורנ פונ א יידישנ רעסטאָראנ-אייגנטימער און זײַנ קעלנער, פונ באזוכער, פונ קרויזקאָפּס באלעבאָסטע. דער „ערנסטער“ עלעמענט אינ דער פּיעסע — די פּראָבלעמ פונ נאציאָנאַליזמ און סאָציאַליזמ און די פּראָבלעמ פונ

[1] ציטירט לויט כ׳ ק. מארמאָרס ווינטשעווסקי-מאָנאָגראַפיע, „פרײַהײַט“ — אויסגאבע פונ ווינטשעווסקיס שריפטנ, ב. I, זז. 231, 232, 239, 290.

דער באציִונג צו דער פרוי אינ סאָציִאַליסטישע קרײַזנ, — ווערט דערטרונקענ אינ אָט דעמ וואָדעווילישנ שטאָפּ.

די גרונטהעלדנ פונ דער פּיעסע זײַנענ אינטעליגענטנ, יונגע סאָציִאַליסטנ, קרויזקאָפּ, בערמאַנ, זײַנ שוועסטער שיפרע, שטופּ. קרויזקאָפּ אונ בערמאַנ זײַנענ „אַסימיליאַטאָרנ", ד. ה. זיי זעענ ניט אונ ווילנ ניט זענ קיינ שומ ייִדנפראגע, אונ זייער אינטערנאַציִאָנאַליזמ טראָגט א מינ ליוקסעמבורגיִאַנישנ כאַראַקטער. די נאַציִאָנאַליסטישע שטעלונג דריקט אויס אינ דער פּיעסע שיפרע, זי זיגט אפּ אַלע פראָנטנ. אויב ניט איבער איר ברודער, איז איבער קרויזקאָפּנ, זי באַזיגט אי זײַנ פרויענהאַס, אי זײַנ אינדיפערענטיזמ אינ דער ייִדנפראגע. זי איז די אַקטיווסטע פיגור אינ דער גאַנצער פּיעסע, אונ איר מויל איז קעסיידער פול מיט דראָשעס. אויב בערמאַנ אונ קרויזקאָפּ האָבנ א ניהיליסטישע באַציִונג צו דער נאַציִאָנאַלער פראגע, אויב זיי לייקענענ ביכלאַל איר עקזיסטענצ, איז שיפרעס שטעלונג שוינ אנ אויסגעשפּראָכנ נאַציִאָנאַליסטישע. אָט זײַנענ מוסטערנ פונ איר אַרגומענטאַציע: „דו ביסט א ייִד, נאום... א מענטש; וואָס שעמט זיכ מיט זײַנ פאָלק, איז שטענדיק איינער, וואָס זײַנ פאָלק שעמט זיכ מיט אימ, בייס די אַנדערע פעלקער, צו וועלכע ער מאַכט זיכ צו אונ וועלכע ער מאַכט נאָכ, פאַראַכטנ אימ עפּשער נאָכ מער, ווי דעמ ייִדנ, לעמאָשל, וואָס איז א ייִד אונ שעמט זיכ ניט דערמיט"... אונ כאָטש שיפרע דערקלערט, אז זי איז ניט קיינ ציִעניסטקע, איז אָבער אירע רייד פול מיט קאָשערער נאַציִאָנאַליסטישער פראַזעאָלאָגיע, וואָס רײַסט זיכ אָפּט דורכ אינ א שאָוויניסטישנ קוויטש. אזוי, צ. ב., באַקומט אפילע קרויזקאָפּס „פרויענהאַס" א נאַציִאָנאַליסטיש-שאָוויניסטישע אויסטײַטשונג: „וואָלט הער קרויזקאָפּ געהאַט באַ זיכ מיט יאָרנ צוריק, ווענ זײַנ אומגליק האָט אימ געטראָפנ, א פרויענצימער, אפילע אנ אַלטמאָדישע, אָבער א פרויענצימער מיט א פרויענהאַרצ אונ דערצו א ייִדישע, וואָס פאַרשטייט זיכ אפּ אנ אומגליקלעכנ ייִדישנ ליבהאָבער, א ייִדישנ, א ייִדישנ, נאום: איינעמ, וואָס הייבט ניט אָנ שיקערנ אינ אזא פאַל, ווי דאָס וואָלט געטאָנ א גוי... דעד בעסטער גוי... ווענ, זאָג איכ, ער וואָלט געהאַט אזא פערזאָנ לעבנ זיכ, וואָלט ער ניט געוואָרנ א קראַנקער..." די דאָזיקע טעאָריע פונ עפּעס א ספּעציפישנ כאַראַקטער פונ ייִדישנ ליבהאָבער טראָגט שוינ אנ עכט „ראַסיסטישנ" כאַראַקטער אונ בינדט זיכ לאָגיש מיט א שאָוויניסטישע באַציִונג צומ ניטייִדנ.

צי קאָנ מענ זאָגנ אפּ זיכער, אז פונ די אַלע אינטעליגענטנ דריקט אויס שיפרע צומ נאָענטסטנ ווינטשעווסקיס שטעלונג אינ יענער צײַט? איכ מיינ, אז יאָ, כאָטש ווינטשעווסקי לייגט אַרײַנ גלײַכצײַטיק אינ קרויזקאָפּס מויל אזא בײַסיקע אונ דורכויס ריכטיקע רעפּליקע, ווי: „איכ פאַרשטיי, זאָגט מיר, אויב איכ פאַרשטיי ניט... עס איז קעגנ דעמ אַנטיסעמיטיזמוס (לויט שיפרענ—מ. ע.) נור דאָ איינ ברירע: זיכ שמאַדנ, אָדער צוריק אָנטאָנ אפּ זיכ דעמ צעלעמ עלויקימ. אנ ערלעכע, ערנסטע נאַטור, ווי סאָפיע בערמאַנס, איז, הייסט עס, דערפאַר געוואָרנ א קאָשערע ייִדישע נעשאָמע, ווי איר באָבע זיכרוינע ליוראָכע. איצט דאַרפ זי קריגנ א „צענעורענע" אונ ריידנ ייִדיש, ווי די באָבע זיכרוינע ליוראָכע, אונ ווענ זי וועט דערגרייכנ די באָבעס עלטער, מירצעשעמ,

וועט זי אָנטאָנ א קנופּ אונ וועט גייג וועקנ צו סליכעס, זי, די הײַנטיקע רע־וואָליוציאָנערקע. וואָס זאָגט איר, פרײַנט שטופּ?" (אגעוו, פּארגעסט טאקע גלײַכ די „רעוואָליוציאָנערקע", וואָס האָט זיכ אָקאָרשט געריסנ קיינ רוסלאנד, קעדיי „זיכ ארײַנצוואַרפנ אינ דער באוועגונג, נאָר אפ א גאנצנ נײַעם אויפנ", וועגנ דער גאנצער באוועגונג, וויבאלד די קלוימערשטע כאסענע ווערט פאר־וואנדלט אינ אנ עמעסנ שידעכ). ווינטשעווסקיס סימפּאטיעס צו שיפּרענ זײַנענ קלאָר סײַ פונעם פּאָרוואָרט, סײַ פונעם גאנצנ גאנג פונ דער פּיעסע, ווו שיפּרע פײַערט זיג נאָכ זיג, סײַ פונ יענעם סימפּאטיע־אָרעאָל, מיט וועלכנ ער רינגלט ארום די דאָזיקע פיגור.

אזעלכע פיגורנ, ווי שיפּרע, האָבנ, אָנ צווייפל, זיכ גענומענ באווײַזנ אונ פאַרמערנ אינ די אויסלענדישע סטודענטישע יידישע קאָלאָניעס צומ סאָפ פונעם 19־טנ יאָרהונדערט. טיפּישע געשטאלטנ זײַנענ אויכ בערמאנ אונ אפּילע קרויזקאָפּ, ניט געקוקט אפ יענער וואָדעווילישער סיטואציע, אינ וועלכער ווינטשעווסקי שטעלט אוועק דעמ „פּרויענ־פײַנט". די דאָזיקע אינטעליגענטישע סוויווע באקומט זיכ בא ווינטשעווסקינ גאנצ לעבעדיק, כאָטש, פונ איינ זײַט, אידעאליזירט, פונ דער אנדער זײַט, ניט פּארטיפּט, טאקע איבערנ איבערוואָג פונ קאָמעדיע־מאָמענטנ.

V

צווישנ ווינטשעווסקיס קסאָווימ געפינט זיכ נאָכ איינ גרעסערע דראַמע „עסטער", אינ דרײַ אקטנ, פרײַ באארבעט פונ פראנצויזיש. אונדז איז ניט באַ־קאנט ניט דער אָריגינאל, וועלכנ ס'האָט באארבעט ווינטשעווסקי, ניט די דאטע פונ דער באארבעטונג. מע קאָנ אָנעמענ, אז ס'איז געשריבנ ארומ 1920—1922. עס איז א טיפּישע דרײַעק־דראַמע, נאָר פונ „הויכנ", ערנסטנ שניט, ד. ה. די קאָליזיע פונ מאנ־פרוי־ליבהאָבער ווערט דאָ אופגעלייזט ניט קאָמיש, ווי אינ דער בורזשואזער קאָמעדיע, נאָר טראגיש, אביסל אינעמ איבסענ־נוסעכ, מיט א קליינ ביסל קריטיק פונעם בורזשואזנ פאמיליע־לעבנ, מיט א קוואזי־נאָרא־מאָנאָלאָג פונ דער העלדנ עסטער אינ דער לעצטער סצענע. אונ ווײַל אויכ דאָס איז שוינ לאנג אויסגעשפּילט אונ אָפּגענוצט אינ דער בורזשואזער דראַ־מאטורגיע, פאַרמאָגט די פּיעסע א קאָמבינאציע אונ איבערפלעכטונג פונ עט־לעכע דרײַעקנ: דער רײַכער אונ פּאָפּולערער פּרויענדאָקטער פיליפּס פאראט זײַנ פרוי עסטער אפ שריט אונ טריט, אונ זײַנ לעצטער פלירט איז מיט א געוויסע מאדאמ שיינ, — באקומט זיכ א דרײַעק נומער 1: דער דאָקטער, עסטער אונ מאדאמ שיינ; עסטער ווייסט וועגנ די פאראטנ פונ איר מאנ, לײַדט שטיל, אינ איר איז אָבער פארליבט דער פרײַנט פונ הויז, הערצבערג, אונ די גאנצע אופירונג פונעמ דאָקטער שטויסט צומ סאָפ זײַנ פרוי אינ די אָרעמס פונ הערצבערגנ, — באקומט זיכ דרײַעק נומ. 2: דער דאָקטער, עסטער אונ הערצבערג; אינ הערצבערגנ איז אָבער פארליבט עסטערס טאָכטער מי־ריאָמ, — האָבנ מיר שוינ א דרײַעק נומ. 3: עסטער, מיריאָמ אונ הערצבערג. די טראגישע קאָליזיע ווערט נאָכ פארפלאָנטערט אונ פארשארפט דורכ דעמ, וואָס דער דאָקטער האָט פלוצלונג כאראָטע אפ זײַנע מײַסימ־טויווימ אונ וויל

צוריקומען צו דער פרוי, — איז עס שוין צו שפּעט, עסטער האָט כאַראַטע אָפּ איר טאַט — איז עס אויך שוין שפּעט; און וואָס איז שײַעך העלצבערגן, איז ער גלײַכצײַטיק ניט גלײַכגילטיק אויך צו דער טאָכטער. דעם פּלאָנטער קאָן צעהאַקן, וויבאַלד ס'איז אַ טראַגעדיע, בלויז עסטערס טויט.

אַמאָל, מיט 50 יאָר צוריק, האָט מיט די דאָזיקע פּראָבלעמעס דורכגעשטורעמט דעם אייראָפּעיִשן טעאַטער איבסען. די דאָזיקע איבסענישע פּראָבלעמעס האָבן דאַן, ניט געקוקט דערויף, וואָס איבסען און זײַנע תּלמידים האָבן זיי געשטעלט און געפּרוווט פֿאַרענטפֿערן קליינבירגערלעך־עטיציסטיש, געטראָגן אַ באַשטימטע פּראָגרעסיווע אָנלאָדונג. הײַנט איז אַזאַ מין שטעלונג פֿון די פֿאַרשיידענע פּראָבלעמעס פֿונעם בורזשואַזן פֿאַמיליע־לעבן שוין טראַפּאַרעטיש און פֿאַרעלטערט, זייער באַנײַונג, פֿאַרטיפֿונג און פֿאַרברייטערונג איז מעגלעך בלויז פֿון דער הויך פֿון דער פּראָלעטאַרישער וועלטאָנשויונג. ווינטשעווסקין האָט צו דער דאָזיקער פּיעסע געצויגן, ווי עס זעט אויס, איר נאָראַ־טעמאַטיק, די טעמע פֿון דער בורזשואַזער פֿרוי, וואָס האָט נאָך לאַנגע יאָרן פֿון איליוזיעס און לײַדן אויסגעשריִען איר ביטערן פּראָטעסט קעגן דעם גאַנצן סיידער פֿון איר לעבן. און ס'איז קעדײַ דאָ צו דערמאָנען, אַז אָנקומענדיק אין אַמעריקע, אין יאָר 1894, האָט ווינטשעווסקי מיטגעבראַכט אַן איבערזעצונג פֿון איבסענס „נאָראַ", און זי איז געשטעלט געוואָרן דורך יאַקאָב אַדלערן.

אַזוי־אַרום איז אויך „עסטער" אַן עפּיגאָנישע דראַמע, דער לעצטער גילגל פֿון דער אַמאָל אַזוי רומפֿולער און פֿאַרדינסטפֿולער איבסען־שול. די איבסענישע דראַמע האָט פֿאַרמאָגט דרײַ גרויסע מײַלעס: זי האָט געהאַט אַ גרויסע אידייִשע אָנלאָדונג, האָט אַרויסגעבראַכט באַדײַטנדיקע און אַקטועלע געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמעס און געשטעלט זיי שאַרף, מיט ווייטעק און אויפֿרעגונג; זי האָט פֿאַרמאָגט אַ רייע לעבעדיקע און רעאַליסטישע פֿיגורן — נאָראַ, ד"ר. שטאָקמאַן און צענדליקער אַנדערע געשטאַלטן זײַנען געווען דורכויס פֿולבלוטיק און פּלאַסטיש געשילדערט; זי איז, ענדלעך, געווען גלענצנדיק פֿאַרקניפּט, סצעניש אויסגעבויט און פֿאַנאַנדערגעוויקלט. אין דער עפּיגאָנישער „עסטער" זײַנען די כאַראַקטערן שוין שטאַרק בלאַס און ניט גענוג אַנטוויקלט, ניט גענוג מאָטיווירט; דער אידייִשער ניוואָ האָט נאָך מער געליטן, אין פֿאָדערגרונט האָט זיך אַרויסגערוקט די אינטריגע; די קאָמפּליצירטקייט פֿון די געשעענישן האָט פֿאַרשטעלט זייער באַדײַטונג, זייער זין. אָפּן כּעזשבן פֿון דער פּראָבלעמאַטיק און פֿון די כאַראַקטערן איז, אַלזאָ, פּאַראַזיטיש געוואַקסן די מײַסטערישקייט פֿון דער אינטריגע, זי ווערט דאָ פֿאַרקניפּט גיך, קונציק, און די דראַמאַטישע שפּאַנונג האַלט אין איין אָנוואַקסן. ווינטשעווסקי האָט, ווי עס זעט אויס, דורכגעפֿירט גרינטלעכע אָפּעראַציעס אינעם פֿראַנצויזישן טעקסט, ניט קענענדיק אָבער דעם אָריגינאַל, איז אונדז שווער פֿעסטצושטעלן, ווי ווײַט זײַנען געגאַנגען זײַנע ענדערונגען און אין וואָס זיי האָבן זיך אויסגעדריקט.

IV

די 5 איינאַקטערס קאָנען שוין ניט בײַטן דאָס אַלגעמיינע בילד, ביפֿראַט, אַז דאָס איז ס'רוב פֿאַרווײַלונג־שטאָף, לײַכטע וואָדעווילן, איבערגעמאַכט פֿון דער בורזשואַזער נאָוועליסטיק, ווי „דער מיזרעכ־ווינט" אָדער „מאַן און ווײַב".

דאָס בעסטע זײַנען די אָריגינעלע זאַכן, „אַ געהאַרגעטער עדיטאָריעל" — אַ לײַכט־פּאַמפלעטישע שילדערונג פֿון אַ ייִדישער בורזשואַזער פּראָווינץ־רעדאַקציע אין אַמעריקע אין די 90-טער יאָרן, און „אַ כאַסענע און אַ לעווײַע" (1921), אַ שאַרפֿער פּאַמפלעט קעגן דער בורזשואַזער פֿאַמיליע.

אַף ווינטשעווסקיס דראַמאַטישן שאַפֿן ליגט, אַזויאַרום, אין אַ באַדײַטנדיקער מאָס דער שטעמפּל פֿון צופֿעליקײַט. פֿאַראַן בײַ ווינטשעווסקין דראַמעס, — ניטאָ קיין דראַמאַטורגיע, ניטאָ קיין סיסטעמאַטישע אַרבעט אַפֿן דראַמאַטישן געביט. צען יאָר טיילן אָפּ דעם „מירער אילוי" פֿון די אייגנאַקטערדס פֿונעם יאָר 1895 („דער מיזרעכ־ווינט", אַ געהאַרגעטער עדיטאָריעל", „דער טאָטן מעקאַטדעג"), נאָך 17 יאָר גייט אַדורך, ביז ווינטשעווסקי פֿאַרפֿאַסט „דעם לעצטן גאַבאָר" און „קלוימערשט אַ כאַסענע". אַנערעך מיט 10 יאָר שפּעטער אַנטשטייט „עסטער". ניט אַפֿן גאַנצן שטעג פֿון ווינטשעווסקיס שאַפֿן און ניט אין אַ וואָסערן ס'ניט איז באַשטימטן פֿעריאָד פֿאַרנעמט ניט די דראַמע קיין אָנגעזעענעם אָרט. עס איז אויך ניטאָ קיין אָרגאַנישע אידייִשע און קינסטלערישע פֿאַרבינדונג צווישן די איינצלנע דראַמעס. און אויב ווינטשעווסקי האָט געמיינט, אַז ס'איז דאָ אַ טעמאַטישע פֿאַרבינדונג צווישן זײַנע דרײַ גרונט־דראַמעס, ווי די שילדערונג פֿון דרײַ עפּאָכעס אין דער געשיכטע פֿון ייִדן, „די כאַפּערס, די אויפֿקלערער, די ייִדנפּראַגע", — איז עס געווען בלויז אַן אילוזיע, וואָרעם אין אַלע דרײַ פּיעסעס, ווי מיר האָבן געוויזן, איז ניט אויפֿגעדעקט די עפּאָכע און איר פּראָבלעמאַטיק.

אַף די סיבעס פֿון אַזאַ מין דערשײַנונג איז שוין טיילווײַז פֿריער אָנגעוויזן געוואָרן. ווינטשעווסקי האָט אַף אַ רעוואָלוציאָנערן, פּראָלעטאַרישן טעאַטער זיך ניט אָריענטירט און זיך אים ניט פֿאָרגעשטעלט אפֿילו. זײַנע דראַמעס טראָגן אָבער אַן אויסגעשפּראָכן טעאַטראַלן כאַראַקטער, זײַנען בעפֿיירעש באַשטימט פֿאַר דער סצענע, און ניט בלויז צום לייענען. און ־וויבאַלד אַזוי, פֿון זיך שוין ווינטשעווסקי אָריענטירן אַפֿן בורזשואַזן טעאַטער. אַ באַשטימטע ראָליע האָט געשפּילט אויך די מאָגערקײַט פֿון די רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס אין דער דראַמאַטורגיע, אין קעגנזאַץ צו דער ליריק, וווּ ווינטשעווסקי האָט אָנגעטראָפֿן אַ באָדן, שוין אויפֿגעאַקערט דורך הײַנע, פֿרײַליגראַט, הערוועג, ווערט, בעראַנזשע, דיופּאָן, הוד, דזשאָנס, מאַסי, נעקראַסאָוו און אַנדערע פּאָעטן פֿון די טשאַרטיסטישע קאַמפֿן; פֿון די באַריקאַדעס אין דײַטשלאַנד און פֿראַנקרײַך אין די יאָרן 1848 און 1871, פֿון דער רוסישער פֿאָלקיסטווישער באַוועגונג.

דעקאַבער 1934.

דער מירער אילוי

א קאָמעדיע אין דריי אקטן

פערזאָנענ:

רעב כײַקל געלדמאנ — א רײַכער מאלווע.

עמיליע — זײַנ אײנציקע טאָכטער.

דאָקטער לובלינסקי — א יונגער דאָקטער.

דינעצקי — זײַנער א פעלדשער.

רעב צעמאכ — א שאדכנ.

כאיעטשקע — א יונגע מײדל אינ רעב כײַקלס הויז.

ציפע — א שאָכנטע פונ רעב כײַקל.

פרושימ, יונגע קינדער, קלעזמאָרימ, אנ אונטערפירערקע א. א. וו.

אָרט—אנ אויעזדנע שטאָט אינ ליטע.

צײַט—די קעגנוואַרט.

כאראקטערע:

רעב כײַקל —

א שײנ געבויטער ייִד פונ א יאָר פופציק; אנ אלמענ; פרומ אונ א באַל־גײַווע; רעדט לאנגזאמ; אינ דער נאטור ניט שלעכט; קלײדונג אײנפאכ, באָרד לאנג.

עמיליע —

א מײדל פונ א יאָר 18. קײנ שײנהײַט, אָבער אָנגענעמ, כײנעוודיק, מיט א מעסיקנ טעמפעראמענט; קלײדעט זיכ אײנפאכ, אָבער מיט געשמאק.

לובלינסקי —

25 יאָר אלט; זײער באשײדנ; העפלעכ, אָבער ווארפט זיכ ניט ארונטער; טראָגט ברילנ; געקלײדעט אינ שווארצ; העמד-קראגנ אָפגעלײגט; קורצע באָרד אונ שנורבארט;[1] אנ אָנגענעמ געזיכט.

---

1 וואָנצעס.

דינעצקי —
20 יאָר אַלט; ראַזירט; היצקאָפּ; האָט ליב אַ שפּאַס און רעדט שטענדיק מיט האַרץ; טראָגט באַטפּאָרטן.

רעב צעמאַך —
אַלט אַ יאָר 60; ליבט געלט; קען ניט אויסריידן די בוכשטאַבן ז, ס, צ, ש; הינקט צייטנווייז אונטער; טראָגט אַלעמאָל די זעלבע זופּיצע, כוץ שאַבאָסים; שמעקט זייער פיל שנופטאַבאַק. [1]

כאַיעטשקע —
אַ מיידל פון אַ יאָר 17;[2] זייער לעבנהאַפט; קאָכט זיך שנעל אויף; אַ זעלבשטענדיקער כאַראַקטער — איז אומעטום ווי איינדערהיים; דורך עמיליעס איינפלוס איז זי עטוואָס אויסגעבילדעט און קליידעט זיך איינפאַך.

צווישן דעם ערשטן און דעם צווייטן אַקט פאַרגייט אַ מעסלעס. צווישן צווייטן און דריטן עטלעכע טעג.

אין דר. לובלינסקיס צימער דאַרף שטיין אַ שרייבטיש מיט אייניקע ביכער. אין דער לינקער זייט צו דעם פּובליקום — אַ קליידער־שראַנק.

---

1 שמעקטאַבאַק.

2 אין דער „פריינהייט"־אויסגאַבע — 13 יאָר, וואָס איז אָבער ניט וואַרשיינלעך. ווינטשעווסקי האָט זיך שפּעטער געכאַפּט און אויסגעבעסערט אין מאַנוסקריפּט אויף 17 יאָר — ר ע ד.

ערשטער אקט

ע ר ש ט ע ס צ ע נ ע

ע מ י ל י ע.

(אליינ, זי מאכט צו א בוכ, וואָס זי האָט געהאלטנ אינ לעזנ. עס איז טונקל: בייגאשמאָשעס[1]).

ניינ! איכ קענ ניט לעזנ. עס קריכט מיר הײַנט קיינ זאכ אינ קאָפּ... ווונ-דערבאר! וואָס איכ האָב צוויי יאָר נאָכאנאנד געפּילט, ניט וויסנדיק, וואָס דאָ טוט זיכ מיט מיר, איז מיר מיטאמאָל קלאָר געוואָרנ. אונ דורכ וועמענ? דורכ מײַנ פאָטער! וואָלט ער מיר הײַנט ניט דערציילט, אז ער מיינט מיכ צו פארהייראטנ מיט א יעשיווע-באָכער, וואָלט איכ ווארשײַנלעכ ניט געוווסט, ווי ליב אונ טײַער מיר איז מײַנ געהיימער לערער, מײַנ לובלינסקי... ווער ווייס, ווי לאנג נאָכ איכ וואָלט בא אימ בישטיקע גענומענ שטונדנ אונ עס וואָלט מיר גאָר אפ די געדאנקענ ניט ארופגעקומענ, אז ער קענ זײַנ צו מיר עטוואָס אנדערש, ווי א לערער. אונ דאָכ... א! פּוסטע כאלוימעס! ער טראכט געוויס גאָר ניט... אָ, ער קומט...

ל ו ב ל י נ ס ק י.

(ארײַנקומענדיק) ווי גייט עס, ליבע שילערנ?

ע מ י ל י ע.

דאנקע! וואָס איז מיט אײַכ? איר זעט אויס זייער צעטראָגנ?

ל ו ב ל י נ ס ק י.

איכ... איכ ווייס אליינ ניט, וואָס צו זאָגנ... איכ האָב הײַנט געהאט אנ אומגעבעטענעמ גאסט בא זיכ...

ע מ י ל י ע.

(האסטיק) אנ אומגעבעטענעמ גאסט?

ל ו ב ל י נ ס ק י.

יאָ, עמיליע, בא מיר איז געווענ דער זשאנדארמסקי פּאָלקאָווניק אונ האָט געמאכט אנ אָביסק...

---

1 פארנאכט.

עמיליע.

ער האָט, נאַטירלעכ, גאָרניט געפונענ?

לובלינסקי.

פיל יעדנפאַלס ניט... מײַנע געפּערלעכע געדאַנקענ און מײַנע ביטערע געפילע בלײַבנ בײַ מיר אינ קאָפּ און אינ הערצנ און קומענ זעלטנ ווענ אַרויס דורכנ פעדער אויפנ פּאַפּיר. ניינ, ער האָט קיינ שריפטנ ניט געפונענ, ער האָט אָבער מיטגענומענ עטלעכע רעוואָליוציאָנערע ביכלעכ און האָט מיר געגעבנ צו פאַרשטיינ, אַז עס וואָלט פאַר מיר קעדאַיער געווענ זיכ אָפּצוטראָגנ...

עמיליע.

ווי הייסט אָבער... איר מיינט דאָכ ניט צו פאַרלײַזנ? 1

לובלינסקי.

איכ מוז... איכ וואָלט געזאָגט — איכ וויל, ווענ... ווענ ניט איר, עמיליע.

עמיליע.

(זייער אויפגערעגט) וואָס מיינט איר דערמיט?

לובלינסקי.

נו, איכ בינ נאָכ יונג, איכ האָב געלט און וואָלט גערנ זענ די וועלט... די גרויסע וועלט: פראַנקרײַכ, איטאַליע, די שווייצ; אָבער אַוועקפאָרנ און אײַכ לאָזנ אַליינ... איכ מיינ אָנ אַ לערער... דאָס וואָלט מאַכנ צו נישט אונדזערע אַרבעט פונ די גאַנצע לעצטע צוויי יאָר...

עמיליע.

וועגנ דעמ אַליינ באַדאַרפט איר זיכ ניט אויפהאַלטנ. נאַטירלעכ וואָלט איכ וועלנ עטוואָס מער דערגיינ, אָבער לערנענ האָט קיינ שיר. ווענ אײַכ האַלט קיינ אַנדער זאַכ ניט אָפּ, ווי דאָס...

לובלינסקי.

עמיליע, איר זײַט גערעכט. (ער נעמט אירע ביידע הענט אינ זײַנע) הערט-צו, עמיליע, מיר זײַנענ גוטע פרײַנט, איכ וויל פאַר אײַכ קיינ סודעס ניט האָבנ. מײַנ רײַזע הענגט ווירקלעכ אָפּ פונ נאָכ עטוואָס... איכ... איכ ליב...

עמיליע.

(דערשטוינט) איר... ליבט?

לובלינסקי.

יאָ, מײַנ קינד, איכ ליב, און פונ איר, וועלכע איכ ליב, הענגט אָפּ, אויב איכ זאָל וועלנ אָדער מוזנ פאָרנ... מײַנ געליבטע...

עמיליע.

אײַער געליבטע? הערט, אַדאָלף, איר האָט נאָר-וואָס געזאָגט, אַז מיר זײַנענ גוטע פרײַנט... זאָגט מיר, ווי זי הייסט...

לובלינסקי.

איכ וואָלט אײַכ זאָגנ, בעסטע עמיליע, אָבער איכ וואָלט גערנ פריער וויסנ, אויב זי ליבט מיכ. וואָרעמ אינ דעמ פאַל, ווענ ניט, איז גלײַכער, אַז קיינער זאָל ניט וויסנ ווער און וואָס זי איז.

---

1 אינ „פרײַהייט"-אויסגאַבע — „אַוועקפאָרנ".

עמיליע.

זי — אײַך ניט ליבן? גײט, גײט, זי ליבט אײַך גאַנץ געװיס...

לובלינסקי.

דאָס איז בײַ אײַך גאַנץ זיכער?

עמיליע.

אויב זי איז נישט משוגע, איז קײן ספק ניטאָ.

לובלינסקי.

נו, דאַן מעגט איר װיסן, אַז זי הײסט עמיליע געלדמאַן...

עמיליע.

(אים אַרומפאַלנדיק אױפן האַלדז און שלוכצנדיק) אָ, מײַן אַדאָלף!

לובלינסקי.

און טאָמער װיל זי, מעג זי הײסן עמיליע לובלינסקי.

(אין צימער פאַלט אַרײַן אַ לײמענער טאָפּ, װעלכער װערט צעבראָכן מיט אַ טראַסק; גלײַך נאָכדעם קומט לאַכנדיק אַרײַן)

כאַיעטשקע.

מאַזלטאָװ! מאַזלטאָװ!

עמיליע.

כאַיע, ביסטו משוגע? װאָס איז מיט דיר?

כאַיעטשקע.

משוגע? פאַרקרענק איך דעם האָר! װען איך װאָלט געװען משוגע, װאָלט איך געבראָכן שױבן, ניט אַ טאָפּ.

עמיליע.

װאָס איז דיר אײַנגעפאַלן?

כאַיעטשקע.

אין אָנהײב, װען דער דאָקטער האָט גענומען רײדן װעגן אװעקפאָרן, איז מיר אײַנגעפאַלן די האַרץ, נאָכדעם, אַז ער האָט געקאָנטשעט, איז מיר אײַנגעפאַלן דער מאַזלטאָװ אין קאָפּ—און טאַקע מאַזלטאָװ אײַך בײדן! הײַנט לאָז װער זאָגן, אַז כײַקע איז אַ נאַר! האָב איך ניט פאַראַיאָרן שױן געזען, אַז פון אַ גרעגראַפיע, מיט די גראַמאַטיקע, מיט די פראַנצױזישע ביכלעך װעט אַרױסקומען אַ שידעך אָן אַ שאַדכן? לאָמיר רעכענען, רעב כײַקלען װעט די מײַסע ניט שמעקן, אָבער ער קען זיך העלפן: לאָז ער נאָכאַמאָל כאַסענע האָבן—עפּשער װעט אין צװאַנציק יאָר אַרום די צװײטע טאָכטער גײן פאַר אַ יעשיװע־באָכער...

עמיליע.

דו רעדסט נאַרישקײַט.

כאַיעטשקע.

איך רײד אַרום דאָס, װאָס איר טוט, און איר טוט גאַנץ קלוג. האַלעװײַ מאַכט זיך מיר אַ בישטיקעדיקער [1] לערער! און איר, פאַן דאָקטער, האָט אױך, אָסער, [2] געקענט געפינען אַ בעסערן כױלע... װױ מירעלען...

1 אַ געהײמער.

2 געװיס ניט.

לובלינסקי.

וואָרום[1] רופט איר זי כוילע?

כאיעטשקע.

וואָרום? ווײַל, ווי איך זע, ליידט זי שוין פון צוויי יאָר פון א לובלינסקי-פעלער. הערט, ווייסט איר נאָך וואָס! מיר דאַכט זיך, נאָך אַלע אײַערע דאָקטאָריע זײַט איר ניט קליגער, ווי מײַנע זיידע, עליו־השלום. איר היילט מיט זײַנע מיטל, נאָר אַביסל אַנדערש.

לובלינסקי.

וואָס מיינט איר?

כאיעטשקע.

ער פלעגט געפּעקלעכע קראַנקע צולייגן א נאָמען, איר לייגט צו א פּריזווישקע.[2]

(לובלינסקי האָט איבצווישן עמיליען אָרומגענומענע פאַרן טאַליע, ניט באַמערקט פון קיינעם, קומט אַרײַן רעב כײַקל. זאָגנדיק „אשער־יאָצאַר“[3] און זיך ווישנדיק די הענט מיט א בלויע טאַשנטוך).

לובלינסקי.

(אים געוואָר ווערנדיק).

אַדיע, פרײַלין, ווען אײַך וועט ניט ווערן בעסער, שיקט אײַער מיידל צו מיר.

(ער גייט אַוועק).

רעב כײַקל.

וואָס איז דאָס פאַר א מין פאַרדרייעניש אַזעלכער? א?

עמיליע.

דער דאָקטער, איך האָב נאָך אים געשיקט.

רעב כײַקל.

נאָך אים? צו וואָס דאַרפסטו דאָקטוירים? מיט א שאָ צוריק ביסטו, דאַכט זיך, געווען פריש און געזונט. און אַז מען דאַרף שוין יאָ א דאָקטער, מוז מען דאָס דאַפקע שיקן נאָך א יונגן פּראַנטל?

כאיעטשקע.

מיר האָבן אים גענומען, ווײַל ער האָט פאַרצווייאָרן, ווען איר זײַט געווען אין וואַרשע, מירעלען אויסגעהיילט פון היץ־קרענק. אַגעוו, איז אייביק גלײַכער צו רופן יונגע דאָקטוירים. זיי קומען גיכער, נעמען ווייניקער און היילן בעסער.

רעב כײַקל.

אַט, אַט, אַט! ראַכמאָנאָ יאַצילעינו[4] וואָס פאַר א מויל די מיידל האָט דאָס אַביסל! וואָס פאַר א צונג!

---

1 אין „פרײַהייט“־אויסגאַבע—פאַרוואָס“.

2 פאַמיליע־נאָמען.

3 א טפילע באַם וואַשן די הענט, נאָכן אַרויסגיין אַפּן גאַס.

4 גאָט זאָל אונדז אָפּהיטן.

כאיעטשקע.

האָט קיינ פאכעד ניט, רעב כײַקל. מיט מײַנ גרויסנ מויל און מיט מײַנ לאַנגנ צונג עס איכ פונדעסטוועגנ ניט מער, ווי אנדערע, און דאָס איז דאָכ בא אײַכ דעריקער... כוצדעם...

רעב כײַקל.

שוויַג בעהיימע! זאָג מיר, מירל, וואָס האָט דער כעווראַמאַנ דיר, עפּעס ארומגענומענ? הא? מאשמאָעס,[1] דו פארגעסט צײַטנווײַז, אז דו ביסט א באס־ייִסראָעל![2] האָסטו גאָר קיינ בושע און קיינ כארפּע ניט?

כאיעטשקע.

רעב כײַקל, איר שרײַט און וויסט אלײנ ניט אפ וואָס. די מײַסע איז אזוי געווענ. מירעלענ האָט, ניט פאר אונדז אלעמענ גערעדט, מיטאַמאָל גענומענ שטעכנ אינ זײַט. מיר רופנ דעמ דאָקטער. דער דאָקטער קומט צו גײנ, ער זעצט זיכ. „אינ וועלכע זײַט שטעכט אײַכ”? מאכט ער, „אָט־דאָ”? און ווי ער שטעלט אויס די האנט, קומט איר ארײַנ. אָט-דאָס, רעב כײַקל, איז דאָס גאנצע ארומנעמעניש.

רעב כײַקל.

מיר האלטנ אפ א דערעכ! כײַקע איז, ווי איכ זע, בא מיר די באלע־באָסטע און בא מײַנ טאָכטער די ריידערקע. דו, כצופע,[3] וועסט בא מיר ווײַ־טער ריידנ מיט אנ אנדער קאָל, אויב דו וועסט זיכ ווידער כאפּנ ברענגענ שנעקלעכ דאָקטוירימ אינ הויז ארײַנ.— מירל, רעב צעמאכ דער שאדכנ קומט אהער נאָכ מײַרעוו, זע, אז ער זאָל ניט געפינענ קיינ טרייף־פּאָסלענ[4] און קיינ פּאטשערעס.[5] אניט וועסטו בא מיר א העלער[6] נאדנ ניט קריגנ און לעאכער מײַע שאָנימ[7] גייט אלץ אפ אוילעמעס.[8] דו גרויסע מויל, גיי אינ קאָכ וועטשערע.

(ער גייט אוועק).

צווייטע סצענע

(דר. לובלינסקיס שרײַבצימער. — דעס מאָרגנס).

לובלינסקי.

אזוי? ער האָט אײַכ אנטזאגט פונ דער שטעלע?

כאיעטשקע.

אנטזאגט ניט, אָבער ארויסגעטריבנ האָט ער מיר. מיט אונדז, מיידלעכ, מאכט מענ קיינ צערעמאָניעס ניט. מענ טרײַבט אונדז ארויס און מיר גייענ.

---

1 אפּאָנעמ.

2 א ייִדישע טאָכטער.

3 הולטײַקע.

4 א זידל־וואָרט פאר וועלטלעכע ביכער בא פרומע ייִדנ.

5 דאָס זעלביקע. בוכשטעבלעכ—קריסטלעכע טפילעס.

6 א קליינע דײַטשישע מאטבייע.

7 אינ הונדערט יאָר ארומ, געמיינט—נאָכנ טויט.

8 אפ קאָהאָלשע זאכנ.

לובלינסקי.

וואָס האָט רעב כײַקל צו אײַך געהאַט?

כאיעטשקע.

וואָס? הערט צו, וועל איך אײַך דערציילנ. געבטנ אָוונט, ווענ איר זײַט אוועק, האָט רעב כײַקל גענומענ פרעגנ קאשעס. די מײַסע איז אימ עפּעס ניט גלאַט געווענ. מיר האָבנ אימ די קאָפּ פאַרדרייט, אָבער ניט אינגאַנצנ, אונ בא אימ איז געבליבנ א כשאַד, אַז מירעלע איז זייער סאַקאָנעדיק ניט קראַנק געווענ. פונדעסטוועגנ האָט ער איר איינ גרונט האַרצנ האָלט — פּאַרט א באַס־יעכידע. ער האָט זיכ גוט אָנגעבייזערט, אָנגעשריענ אונ איז אוועק דאַווענע מײַרעוו. קומענדיק פונ מײַרעוו, האָט ער געבראַכט רעב צעמאַכנ דעמ שאַדכנ מיט זיכ — דעמ, וואָס גייט אינ א ברייטע זופּיצע. מירעלע איז זיכ געווענ בא איר אינ צימער אונ זי האָט גענבעכ געוויינט...

לובלינסקי.

(מיט א זיפצ) געוויינט? אָרעמס מעדכענ!

כאיעטשקע.

נו, אָרעמ איז זי, לעמאָשל, ניט. כוצ איר שאָדנ אפּ אלע יידישע טעכטער געזאָגט געוואָרנ! נאָר הערט ווײַטער, פאַני דאָקטער. בעקיצער, ער איז געזעסנ מיט רעב צעמאכנ, אונ איכ בינ געשטאַנענ ניט ווײַט פונ טיר, וואָרעמ מיר האָט די האַרצ געזאָגט, אַז עס לוינט זיכ צוצוהאָרכנ. איכ האָב געהערט, אַז דאָ דאַרפ מאָרגנ אָנקומענ פונ מירער יעשיווע א... ווי רופּט מענ דאָס? א הילע...

לובלינסקי.

איר מיינט אנ אילוי.[1]

כאיעטשקע.

לאָז זײַנ אזוי צו רעפּוע: אנ אילע. בעקיצער, ער קומט צו רעב כײַקלענ מיט א געשריפּצ פונ דעמ שיוועראָש אלײנ...

לובלינסקי.

איר ווילט זאָגנ ראָש־יעשיווע,[2] ווײַטער, ווײַטער.

כאיעטשקע.

אויב איר פארשטייט, וואָס איכ מיינ, לאָזט מיר, איכ בעט אײַכ, ריידנ, ווי איכ רייד. שטיינס געזאָגט, ווענ האָב איכ צײַט צו לייענענ דעמ צענערענע![3] לאָשנקוידעש קענ איכ ניט. בעקיצער, ער קומט מיט א געשריפּצ פונ דעמ ראָוו אונ מ'זאָגט, אַז שיינע עטלעכע באלעבאַטימ קוואַפּענענ זיכ אפּ אימ — אזא מינ לאַמדנ איז ער אײַכ! ער האָט, זאָגנ זיי, סליכעס...[4], איכ מיינ סמיכעס, פונ עטלעכע גרויסע ראַבאָנימ, אונ נאָכ רעב צעמאַכס רייד נאָכ איז ער גאָר א גרויסער באַל־מעטופל,[5] באַל־מעיוכעס, מיינ איכ, אויכ. אזוי דערציילט רעב צעמאכ דעמ באלעבאָס. איצט רופּט מיכ רעב כײַקל אונ הייסט מיכ ארײַנבורענגענ

1 אנ אויסשליסלעכ פלינקער לערנער.

2 דער אָנפירער פונ דער יעשיווע.

3 אנ איבערזעצונג פונ כומעש אינ יידיש, מיט קאָמענטאַריעס ספּעציעל פאַר פרויענ.

4 א צײַבעניש אפּ צו מעגנ זײַנ א ראָוו.

5 א מענטש, וואָס האָט אסאַכ קינדער.

שנאפס אונ עפעס צוצובייַסנ. ווי איכ קומ אריַינ צוריק מיט די שנאפס, הער איכ, ווי דער באלעבאָס זאָגט צו רעב צעמאכנ, אז ער לייגט באמ ראָוו איַינ דריַי טויזנט קערבלעכ אזוי גיכ ווי דער הילע קומט אָנ! דאָ, האָב איכ זיכ שויִנ מער ניט געקענט איַינהאלטנ. „וואָס? — האָב איכ אויסגעשריִענ — דריַי טויזנט רובל פאר א יעשיוועבאָכער? ניט דערלעבנ זאָל ער דאָס? פאר די געלט קענ מענ דאָכ קריגנ אנ אפטייקער, וואָס זאָל פונ אימ שמעקנ מייַלנ־וויַיט"! דאָס האָב איכ געזאָגט מיט גרויט אימפעט אונ איידער איכ האָב נאָכ געקאָנטשעט, האָט מייַנ באק שוינ אויסגעזענ, ווי א הייסער ציגל נאָר־וואָס פונ ציגעלניע אַרויס. רעב כייַקל האָט מיר, פארשטייט איר מיכ, געגעבנ אומ־זיסט איינע פונ זייַנע בעסטע פעטש אונ דערצו נאָכ א טשיסטע אָטסטאווקע [1] איכ האָב גענומענ מייַנ העקל־פעקל אונ בינ אוועק.

לובלינסקי.

האָט איר וויניקסטנס געזענ עמיליענ פארנ אוועקגייִנ?

כאיעטשקע.

זאָל רעב כייַקל אזוי זענ דעמ פּאָרעצ, וואָס איז אימ שולדיק צוויי טויזנט רובל. ער האָט מיכ ניט געלאָזנ ארופגיינ צו איר, דער אלטער אשמעדיַי. [2] נו, וואָס מיינט איר צו טאָנ?

לובלינסקי.

איכ האָב א שטיקעלע פלאנ, אונ אויב איר ווילט, קענט איר מיר העלפנ.

כאיעטשקע.

איר זייַט א דאָקטער, אונ איכ זאָל איַיכ העלפנ? ניט שלעכט, כ'לעבנ! אז איר זאָלט לעמאָשל דארפנ בולבעס שאָבנ, איז שייַעכ צו זאָגנ איכ העלפ איַיכ. אָבער דאָ? וואָס קאָנ איַיכ טויגנ מייַנ הילפ? סייַדנ איר ווילט רעב כייַקלענ זידלענ! דאָס, זעט איר, וואָלט איכ שוינ פאר איַיכ געקענט טאָנ.

לובלינסקי.

שערצ בא זייַטע!... [3]

כאיעטשקע.

שמערצ באמ זייַט? כי, כי, כי! אָ, איר דערמאָנט מיכ אָנ דעמ שטאָכ אינ זייַט, וואָס מיר האָבנ רעב כייַקלענ געזאָגט, אז איר האָט בא מירלענ גע־זוכט. כא, כא, כא! אז מיר זייַנענ ניט צעפלאצט געוואָרנ לאכנדיק, איז טאקע ניסימ. הערט וואָס איז געווענ, רעב כייַקל פרעגט...

לובלינסקי.

לאָזט דאָס אפ אנ אנדער מאָל, מיר איז איצט די צייַט צו טייַער.

כאיעטשקע.

אונ בא מיר, זעט איר, וואָלוול, ווי בלאָטע. בעט מיר גוט, גיב איכ איַיכ פינפ טעג צייַט פאר איינ גוט וואָרט, פאר א רעפוע צו אנ איַינגעשניטענעמ פינגער, אָדער צו זייַט־שטעכעניש... כא, כא, כא!

---

1 א רייגע דעמיסיע. געמיינט — איר אָפגעזאָגט פונ דער שטעלע.

3 טייַוול.

3 א שפאס אָנ א זייַט.

לובלינסקי.

גענוג, כײַעטשקע. לאָמיר ריידן, ווי מענטשן. הערט־זיך אײַן. ווייסט איר ווי רעב צעמאכ דער שאַדכנ וווינט?

כאיעטשקע.

וואָרעמ, אירווילט צו אימ גיינ? לאָזט אימ קראנק זײַנ אָנ א דאָקטער.

לובלינסקי.

מיט אײַכ איז הײַנט גאָרניט מעגלעכ צו ריידנ. הערט זיך אײַנ, איכ בעט אײַכ, איר ווייסט דאָכ ווו ער וווינט, ניט וואר? גוט. געלט האָט ער דאָכ, געוויס, אויכ האָלט?

כאיעטשקע.

צי רעב צעמאכ האָט האָלט געלט! ווי א פּיאווקע בלוט, ווי א מיידל כאַ־סענעס, ווי א פּיאניצע בראנפנ, ווי מירעלע אײַכ...

לובלינסקי.

אָ איר ברענגט מיר ארויס פונ געדולד.

כאיעטשקע.

נישקאָשע, איכ וועל אײַכ צוריק ארײַנברענגענ. מײַנע נײַנ מאָס רייד מוזנ ארויס, אניט ווער איכ צעפּלאצט.

לובלינסקי.

אפ דעמ אויפנ מוז איכ גיינ (ער הייבט זיכ אופ) מיט אײַכ איז ניטאָ וואָס צו ריידנ.

כאיעטשקע.

זעצט זיכ, זעצט זיכ, — פאני דאָקטער, זאָל מיר אָפּדארנ מײַנ צונג אינ מיטנ בראָכע־זאָגנ, אויב איכ רייד אויס נאָכ א וואָרט. זאָגט, וואָס זאָל איכ טאָנ?

לובלינסקי.

טאָ זײַט־זשע א מענטש! היער,[1] נעמט אָט די ביידע בריוו, דעמ, וואָס איז אָנ אנ אדרעס, טראָגט אוועק צו מירעלענ, דעמ אנדערנ צו רעב צעמאכנ דעמ שאדכנ. אינעווייניק איז דאָ צענ רובל — זעט־זשע, איר זאָלט אימ ניט פארלירנ.

כאיעטשקע.

איכ לויפ לויפנדיק. (זי גייט אוועק).

לובלינסקי.

(אליינ) דאָ העלפט גאָר ניט. איכ מוז מאכנ א שווינדל. איכ מוז דעמ ערשטנ מאָל אינ מײַנ לעבנ גיינ א קרומענ וועג, אָבער דער צוועק איז א גוטער. אונ מײַנ געוויסנ זאָגט מיר, אז איכ טו קיינ אוולע ני... אויב רעב צעמאכ איז נאָר א כעוורעמאנ, ווי איכ שטעל מיר פאָר, דארפ ניט שווער זײַנ מיט אימ צו קומענ צו א טאָלק... יאָ! דער אילוי מוז גלײַכ צוריקפאָרנ אינ דער מיר, אונ רעב צעמאכ מוז מיכ פאָרשטעלנ אלס אילוי פאר רעב כײַקלענ — צומ גליק, האָט ער מיכ נאָר געזענ אינקדערפינצטער. איכ שרײַב גלײַכ אופ א צע־טעלע, אז איכ פאָר אוועק אפ דרײַ וואָכנ (ער זעצט זיכ אונ שרײַבט), אומ מײַנע

---

1 היער — אָט. אינ דער „פרײַהײַט"־אויסגאבע — הערט.

פּאַציִענטנ זאָלנ מיכ ניט זוכנ, אונ אגעוו וועט דאָט פאַרנ זשאַנדאַרמסקי פּאָל־קאָוניק איכ צוגיצ קומענ. ער טאָר מיר ניט טרעפנ צו אָפּט אינ גאַס אינ מײַנ אייגענער געשטאַלט, אונ וועגנ אימ אליינ איז בעסער, אז איכ זאָל ארומגיינ פאַרשטעלט, אזוי לאַנג, ווי איכ מוז דאָ בלײַבנ. אָ, מײַנ ליבע טײַערע עמיליע! דו פאַרדינסט, אז מענ זאָל זיכ צוליב דיר אביסל אָנשטרענגענ! דו מוזט קריגנ נאַדנ פונ דײַנ קאַרגנ פאָטער; דו מוזט מיר ניט זײַנ צו דאַנקבאַר — ווי דו וואָלסט זײַנ אינ דעמ פאַל, ווענ דו קומסט צו מיר, ווי דו שטייסט אונ גייסט. נאָר אינ גלײַכהײַט איז דאָס ווארע[1] ליבע, אונ דו מוזט ניט מיינענ, אז איכ האָב מיט דיר כאַסענע געהאַט פונ היילע ראַכמאָנעס וועגנ; איכ, ווידער, וויל וויסנ, אז דיכ פאַרבינדט צו מיר ליבע, ניט דאַנקבאַרקײַט. (ער קלינגט) איכ האָב עמיליענ געשריבנ אלצ, וואָס זי האָט צו טאָנ, אונ זי וועט ווארשײַנלעכ שפּילנ איר ראָליע גוט. (קלינגט נאָכאַמאָל) דינעצקי האָט זיכ געמאַכט א מאָדע ניט צו ענטפערנ... נאָ, „מיט וועלפנ ווײַלנ, מיט וועלפנ הוילנ“ — זאָגט דאָס שפּריכוואָרט. ווענ מע האָט צו טאָנ מיט די רוסישע רעגירונג אונ מיט ליבע, ווערט מענ ניט ווילנדיק אַנ אילוי... (ער קלינגט פונדאָסניי) וואָס איז מיט אימ דאָרטנ?

(דינעצקי קומט ארײַנ האַלב־פאַרשלאָפנ מיט א בוכ אינ האַנט, די האָר צערצויזט[2] אונ אָנ א ראָק).

דינעצקי.

האָט איר דאָס געקלונגענ, הער דאָקטער?

לובלינסקי.

נײַנ, דער גרויסער גלאָק פונ קירכ! אינ וואָס ביזטו דאָרטנ געווענ אזוי פאַרטיפט, אז דו האָסט ניט געהערט?

דינעצקי.

איכ האָב געלעזנ דעמ בוכ, וואָס איר האָט מיר געגעבנ; עס איז אזא לאַנגווײַליקער בוכ, אז איכ האָב ניט געהערט, ווי איר האָט געקלונגענ.

לובלינסקי.

וואָס מיינסטו דערמיט? איכ פאַרשטיי דיכ ניט.

דינעצקי.

וואָס איז דאָ ניט צו פאַרשטיינ? עס איז געווענ אזוי לאַנגווײַליק, אז איכ האָב אײַנגעשלאָפנ לעזנדיק,—ווי איר זעט מיכ א לעבעדיקנ! דאָקטער! ווי רופט איר אָט די קרײַנקהײַט, וואָס מענטשנ קענענ דערפונ באַנאַכט ניט שלאָפנ?

לובלינסקי.

שלאָפלאָזיקײַט — אינסאָמניא.

דינעצקי.

פאָלגט מיר, הייסט אלע אײַערע פּאַציענטנ, וואָס לײַדנ פונ אינסאָמניא, לעזנ דעמ בוכ. בעסער, ווי א טיקנ־שוועס,[3] בעסער ווי דעמ שטאָט־מאַגידס דראָשעס, בעסער ווי א שלאָפ־טרונק — ניטאָ אזא מיטל צומ שלאָפנ, ווי דער בוכ.

---

1 אינ „פרײַהײַט“־אויסגאַבע — עמעסע.

2 אינ „פרײַהײַט“־אויסגאַבע — צעשויבערט.

3 אָ רעליגיעזער סייפער, וואָס פרומע ייִדנ לייענענ אימ שווועס בא דער נאַכט.

לובלינסקי.

(פאר זיכ) נאָכ א כאיעטשקע אפ מײַנ קאָפ, מערניט אינ פלודערנ מיט הויכע שטיוול, אלע װערנ װיציק, װענ מיר איז די קאָפ פארדרייט. הער צו, דינעצקי, לאָז דײַנע כאָכמעס אפ שפעטער. דערװײַל נעמ אָט דעמ צעטל אונ קלעפ אימ אָנ אפנ טיר. איכ װעל דרײַ װאָכנ ניט זײַנ אינדערהיימ.

דינעצקי.

דרײַ װאָכנ װעט איר ניט זײַנ אינדערהיימ? אונ דערװײַלע װעט אלע קראנקע היילנ דער אלטער קאָנאָװאל, דאָקטער כאלומאָפ? אָסער, אויב איכ פארגינ דאָס דעמ קװאָרעסמאַנ מיט די כעװרע קאַדישע.[1] אָט װעלנ דאָס די שאָמאָסימ אביסל א הוליע טאָנ! עס װעט גאנצ װילנער בראנפנ ניט קלעקנ.

לובלינסקי.

(פאר זיכ) דער יונג איז נישט נאריש. איכ האָפ נאָכ פונ אימ אמאָל עפעס מאכנ, אָבער גראָדע איצט ערגערט מיכ יעדעס װאָרט, װאָס ער זאָגט (צו דינעצקינ) עס העלפט אָבער ניט, איכ מוז אָפפאָרנ. זע, אז עס זאָל אלעס זײַנ אינ אָרדענונג.

דינעצקי.

זאָל איכ בלײַבנ איינער אליינ אינ הויז?

לובלינסקי.

געװיס! װאָרעמ װאָס? האָסטו דענ מוירע?

דינעצקי.

כוצ פארנ זשאנדארמסקי פאָלקאָװניק, פאר קיינעמ ניט. הערט. װעט ער שוינ מער אהער ניט קומענ?

לובלינסקי.

דאכט זיכ, אז ניט.

דינעצקי.

דאָס איז גוט. איכ װאָלט זיכ גיכער אָנעמענ צו זײַנ אינ א שטוב מיט מופציק טירנ אָנ אײנ איינציקע מעזוזע צענ װינטערדיקע נעכט נאָכאנאַנד, איידער צו זײַנ מיט אימ צװיי מינוט גלאַז־נא-גלאַז[2], — װי איר זעט מיכ א לעבעדיקנ.

לובלינסקי.

גוט, גוט! הער צו מײַנ פרײַנט, איכ גיי איצט אפ א װײַלע אװעק (איכ מוז גיינ באשטעלנ א צימער בא אראנאָװיטשנ) אונ קומ באלד צוריק, טאָמער קומט אהער אנ אלטער ייִד אינ א זופיצע, הייס עמ װארטנ. דו הערסט?

דינעצקי.

איכ הער, איכ הער! (דער דאָקטער גייט אװעק) אונ טאָמער מאכט זיכ ערגעצװו א קראנקער, רעכנ איכ, אז ס'װאָלט גלײַכער זײַנ, אז איכ זאָל זיי די דרײַ װאָכנ אליינ היילנ, איידער זיי זאָלנ ארײַנפאלנ צומ קאָנאָװאל אינ די הענט.

(כאיעטשקע קומט ארײַנ זייער פארסאָפעט אונ קוקט זיכ גוט ארומ, ביז זי דערזעט דינעצקינ).

---

1 א רעליגיעזע געזעלשאפט, װאָס פלעגט אָנפירנ מיט באהאלטנ געשטאָרבענע.

2 אויג אפ אויג.

כ א י ע ט ש ק ע.

ווו איז דער דאָקטער?

ד י נ ע צ ק י.

וואָס אַרט דאָס אײַך?

כ א י ע ט ש ק ע.

מאַכט זיך ניט צום נאַרן, זאָגט, ווו איז ער?

ד י נ ע צ ק י.

ער איז נאָר־וואָס אַרויסגעגאַנגען. האָט איר אים ניט געטראָפן?

כ א י ע ט ש ק ע.

ניין.

ד י נ ע צ ק י.

דאָס איז גוט.

כ א י ע ט ש ק ע.

וואָרום?

ד י נ ע צ ק י.

ווײַל ער וואָלט געהאַט א בייזע באַגעגעניש!

כ א י ע ט ש ק ע.

א בייזער־יאָר אף אײַך, לויזע מויל! זאָגט, וועט ער זיך לאַנג זאַמען?

ד י נ ע צ ק י.

דאַרפט איר דאָס נייטיק וויסן?

כ א י ע ט ש ק ע.

געוויס דאַרף איך.

ד י נ ע צ ק י.

טאָ לאָזט אויסלייגן קאָרטן.

כ א י ע ט ש ק ע.

איר זײַט מעשוגע, אָדער שיקער.

ד י נ ע צ ק י.

איך בין ניכטער און באַם זינען — שיין קינד. אויב אײַך פעלט וואָס, זאָגט מיר, וועל איך אײַך פאַרשרײַבן א רעצעפּט, ווי איר זעט מיך א לעבעדיקן.

כ א י ע ט ש ק ע.

איר? אזא שנעקוץ ווי איר? איר? בא אײַך זײַנען נאָך די באַקן רויט פון יינגע דעם מעלאַמעדס פּעטש. איר שפּילט דאָך געוויס נאָך אין צייכן מיט קליינע מיידלעך. איר זײַט אזוי א דאָקטער, ווי איך א רעבעצן...

ד י נ ע צ ק י.

קיין רעבעצן זײַט איר ניט, אָבער א זאָגערקע אין ווײַבערשע שול וואָלט איר געקענט זײַן נאָך אײַער מײַלכל נאָך. יאָ, א זאָגערקע, ווי איר זעט מיך א לעבעדיקן!

כ א י ע ט ש ק ע.

שווײַגט, גרויסער באַר! איך האָב קיין צײַט ניט מיט אײַך פיל צו ריידן. הערט צו, וואָס איך זאָג אײַך, דאָס איז א וויכטיקער אינטערעס. זאָגט דעם דאָקטער, ווען ער קומט צוריק, אז ער — דער דאָקטער ווייס ווען איך

מיינ — וועט באלד קומענ. פארגעסט ניט. (זי גייט אונ קערט זיכ אומ) שנעק, כאפט זיכ ניט היילנ קיינ קראנקע. מע וועט שטארבנ אָנ אייַכ גענוג, וואָרעמ עס באווייַזט זיכ סקארלאטינ אינ שטאָט. זייַט געזונט, אויב איר קענט, אויב ניט, מאכט אויכ ניט אויס; כוצ דעמ, האָט איר א באלעבאָס א דאָקטער (זי גייט אוועק).

ד י נ ע צ ק י.

דאָס איז אביסל אנ איישעס-כאיל[1] פונ א מיידל. זי געפעלט מיר, ווי איר זעט מיכ א לעבעדיקנ, כאָטש זי האָט נאָכ א גרעסערע מויל, ווי איכ אליינ. זאָל זי זייַנ א דינסטמיידל? פאר א דינסטמיידל רעדט זי צו שיינ... נאָר וואָס האָט עס צו מיר? ווער קומט דאָ? א, דאָס איז די זופיצע! קומט ארייַנ, קומט ארייַנ, רעב ייד, מיר ווארטנ אפ אייַכ.

(דינעצקי פארויכערט א פאפיראָס, רעב צעמאכ, מיינענדיק, אז דאָס איז דער דאָקטער, כאפט שנעל ארויפ די היטל פונ קאָפ אונ בלייַבט שטיינ אינ יארמעלקע).

ר ע ב צ ע מ א כ.

א טיינעמ גוטנ מאָרגנ אייַכ, פאני דאָקטער!

ד י נ ע צ ק י.

(פאר זיכ) אָ, ער מיינט, אז איכ בינ הער לוגלינסקי. א סייכל, ווי איר זעט מיכ א לעבעדיקנ! (צו רעב צעמאכנ) גוט מאָרגנ, גוט מאָרגנ! וואָס פעלט אייַכ רעב קאָרעוו? לייַדט איר פונ מאָגנ, אָדער זייַט איר אזוי ניט געזונט?

ר ע ב צ ע מ א כ.

הע, הע, הע! קלוימער'ט, איר ווייסט ניט, פאני דאָקטער, נאָכ וואָס איכ קומ טו אייַכ... גידונט בינ איכ באָרוכאַטעמ, האלעווייַ ווייַטער.... איכ קומ...

ד י נ ע צ ק י.

אָ, איר קומט אהער געזונטערהייט? מיינט איר עפשער, אז מיר מאכנ דאָ געזונטע מענטשנ קראנק?

ר ע ב צ ע מ א כ.

כאט וועכאָלילע, פאני דאָקטער! ווי אדוי דייַט איר מיר גאָר כוימעט, אד איכ דאָל דאָט קענענ האָבנ בעמאכשאָווע.[2] עלע וואָט? איר ווילט מאטמאָעט מיט אנ אלטנ נאריקנ יידנ אביסל לעטאָנעט מאכנ,[3] נו, אדעראבע, אדעראבע! פארוואָס טאקע ניט? מאכט כוידעק, פאני דאָקטער, עפטער האָב איכ אינ מייַנע יונגע יאָרנ אויכ ניט מעקאיעמ געוועננ, ווי עט באדארפ טו דייַנ, דעמ אומיפניי טייווע טאָקומ,[4] עפטער האָב איכ אויכ כוכעטלולע געמאכט פונ אלטע לייַט? עפטער אויכ... (ער נעמט ארויס די טאבאקעריקע פונ בוזעמ-קעשענע) א טמעק טאבאק? (ער באָט אימ אָנ).

ד י נ ע צ ק י.

איכ דאנק אייַכ, פעטער, איכ שמעק ניט. הייסט, אייַכ פעלט גאָר ניט וועגנ איכ האָב אייַכ דערזענ, האָב איכ געמיינט, אז איר האָט א לונגענ-פע-לער, — ווי איר זעט מיכ א לעבעדיקנ.

---

1 א בעריע.

2 בעמאכשאָווע — אינעמ געדאנק.

3 לעצאָנעס מאכנ — אָפשפאָטנ.

4 אומיפניי טייווע טאָקומ — פאר אנ עלטערנ מענטשנ זאָלטו אופשטיינ.

ר ע ב צ ע מ א כ.

דאָל מיך הענט ניט געוואַשן[1] טוימער אומאַטיל[2] דײַנ, א באַלטפילעאָנ א לונג!

ד י נ ע צ ק י.

אָ, איר זײַט טאקע א באַלטפילע! איך האָב דאָס גלײַך געטראַכט, ווי איר זעט מיך א לעבעדיקן, איר דאַוונט אוואַדע שאַכרויסים[3] אינ א מיניענ צו יאָ־מים-נוראָים[4] ווײַזט מיר אָקאָרשט אײַער האַנט, איך וועל זען, צי דער פולס גייט גוט.

ר ע ב צ ע מ א כ.

ניט נייטיק, פאַני דאָקטער! ניט נייטיק, בענעמאָנעט!

ד י נ ע צ ק י.

ווײַזט, ווײַזט, לאָמיך זען. (ער נעמט אים אָנ האַסטיק פארנ האַנט און שיט דערווײַלע אויס די פושקע טאַבאַק). דער פולס איז גוט.

ר ע ב צ ע מ א כ.

אײַ, אײַ, אײַ! איר האָט מיר אויסגיטאָטנ גאָר די טאַבאַק, פאַני דאָקטער.

(ער נעמט צוזאַמענ פונ דיערד טאַבאַק און שמעקט דערווײַלע).

ד י נ ע צ ק י.

ווו, זאָגט איר, זײַט איר א באַלטפילע?

(אינ דיזעם אויגנבליק זעט מענ צוגייענדיק צום טיר דעם פאָלקאָווניק מיט א זשאַנדאַרם).

ר ע ב צ ע מ א כ.

איך דאַוונ... פאַני דאָקטער, וואָט איט דאָט? גיט א קוק!

ד י נ ע צ ק י.

(ווערנדיק בלאַס און ציטערנדיק) רעב ייִד, דאָט איז... דאָס איז...

(דער פאָלקאָווניק, שטייענדיק דרויסנ, פרעגט דינעצקינ: „דאָקטער לובלינסקי דאָמאַ?[5]).

ניעט וואַשע...[6]

(דער פאָלקאָווניק קוקט אים אָנ, גייט אוועק לאַנגזאַם, האַלב אונטערשמייכלענדיק).

געלויבט דער אויבערשטער, ער גייט אוועק. עס איז מיר אײַנגעפאַלנ דאָס האַרצ פאַר שרעק, ווי איר זעט מיך א לעבעדיקנ. רעב ייִד! רעב ייִד! ווו זײַט איר? ער האָט זיך באַהאַלטנ, ווי איר זעט מיך א לעבעדיקנ! ווו קענ ער, ווער ווייסט, זײַנ? אביסל א טרוס! ניט שלעכט, כ׳לעבנ! א, דאָ קומט דער דאָקטער!

(דאָקטער לובלינסקי קומט אַרײַנ, אויסטוענדיק זײַנע האַנטשו. ער לייגט אוועק זײַנ הוט און וויל זיך זעצנ).

ל ו ב ל י נ ס ק י.

וואָס איז דאָ פאַר א גערודער, דינעצקי?

---

1 הענט ניט געוואַשנ—געמיינט גאָט.

2 שוימער אונ מאַצל זײַנ—אײַנהיטנ, ראַטעווענ.

3 דער ערשטער טייל פונעם דאַוונענ אום שאַבעס און יאָנטויוים.

4 ראָשעשאָנע און יאָנקיפער.

5 אינדערהיים.

6 נייג, אײַער...

דינעצקי.

דער זשאנדארמסקי פּאָלקאָווניק האָט זיך דאָ אפּ אײַך נאָכגעפרעגט. ער איז אהער ניט אריינגעגאנגען, אָבער דער ייִד איז דער זופּיצע איז דאָ געווען, אפּ וועלכן איר האָט געוואַרט, און ווי ער האָט אים דערזען דורכן טיר...

לובלינסקי.

ער איז אַלזאָ יאָ געווען היער[1] דער ייִד?

דינעצקי.

יאָ, אָבער דערזעענדיק דעם פּאָלקאָווניק, האָט ער זיך אזוי דערשראָקן, אז ער איז באַלד פאר שרעק געשטאָרבן.

לובלינסקי.

ווו איז ער?

דינעצקי.

ער האָט זיך ערגעצווו באהאלטן. מיר דוכט זיך, ער מוז זיין אין שראנק. נישקאָשע פון א טרוס! ווי איר זעט מיך א לעבעדיקן!

רעב צעמאך.

(ארויסשטעקנדיק א האלבע קאָפּ פון שראנק).

און איר אלײן האָט טיך קלוימער'ט ניט דערטראָקן?

דינעצקי.

אזוי פעלט אים גאָרניט. דער פולס איז נאָרמאַל.

לובלינסקי.

צו וואָס האָסטו אים אונטערזוכט דעם פולס?

רעב צעמאך.

(ווידער ארויסרוקנדיק די קאָפּ) דאָס האָב איך אויך געוועלט וויסן בענאמאָנעט. און, ווי איך דע, איד ער גאָר קיין דאָקטער ניט. מיר ניט, דיר ניט, כאפּט ער מיך פארן דויפּעק!

לובלינסקי.

קומט ארויס, קומט ארויס, רעב צעמאך!

רעב צעמאך.

ווו איז דער זשאַנדאר, אוועק?

לובלינסקי.

אוועק, ווייט אוועק. קומט ארויס, איך וויל מיט אייך ריידן.

רעב צעמאך.

(נאָך אלץ אין שראנק) דאָ רייד איך גאָרניט, גאָרניט פּאני דאָקטער! איך ווייס, וואָס פאר א מין פּאָלקאָווניק דאָט איד... מ'האָט ארום אייך געשרעדט אין קלויד... איך רייד דאָ ניט... טאקאָנעט נעפּאָטעט...[2] דאָט טמעקט מיט טיביר...

---

1 אין דער „פרייהייט"-אויסגאבע—דאָ.

2 סאקאָנעס־נעפּאָשעס—געפערלעך.

לובלינסקי.

זייער גוט, אויב איר האָט מוירע דאָ מיט מיר צו ריידן, קומט לאָמיר גיין אנדערשווו...

רעב צעמאַך.

טודאמענ מיט אייך גיין! גאָט איך מיט אייך! וואָס רעדט איר? כאַטווע־כאָלילע, איך בין א טאַטע פון קינדער... איך טאָר ניט... וואָס טו איך, אַד מי דעצט מיך אויך אריין! הערט, פּאַני דאָקטער.

(ער קומט זייער לאַנגזאַם ארויס פון שראַנק און קוקט זיך זייער פּאָרזיכטיק ארום אין צימער).

טיקט ארויס אייער מענטן, לאָך ער דען, טי עט דעט טיך ניט א מוגדיר אין גאַט, וואָרעם איך טיי דאָ, ווי אף טפּילקעס...

לובלינסקי.

דינעצקי, גיי ארויס און זע.

(דינעצקי גייט ארויס, פּריִער זיך גוט ארומקוקנדיק דורכן טיר).

רעב צעמאַך.

אטריי אָדאָם מעפּאַכעד טאָמיד [1] דאָס איך מיין קלאל... גלייכער צו דיין אופריכטיק...

דינעצקי.

(אריינקומענדיק) איר קענט גיין, זען זעט זיך קיינער ניט, אָבער גייט אף ניך: וואָס ווייס מען, ווער עס קען זיך אונטערדרייען?

רעב צעמאַך.

גערעכט, גערעכט! איך לויף (ער גייט ארויס).

דינעצקי.

(אים נאָכשרייענדיק) רעב ייִד! רעב ייִד!

רעב צעמאַך.

(צוריקקומענדיק) וואָס ווילט איר?

דינעצקי.

איר האָט דאָ נאָכגעלאָזן א פּאָר שמעקן טאַבאַק אף ד'ערד.

רעב צעמאַך.

גייט, גייט, איר דייט א לעט!

(ער לויפט ארויס זייער האסטיק און צעקלאַפּט זיך דעם נאָז אָן טיר).

ראַכמאָנאַ יאַטיליינו! [2] א גוטן! א גוטן!

(דער פאָרהאַנג פאַלט).

2 אשריי אָדאָם מעפּאַכעד טאָמיד—ווויל איז דעם מענטשן, וואָס איז שטענדיק פאָרזיכטיק.

1 ראַכמאָנאָ יאַציליינו—גאָט זאָל אונדז באהיטן.

צווייטער אקט

ע ר ש ט ע   ס צ ע נ ע

(א כאַלאַסטיאַקס צימער, א טיש מיט ביכער אונ פאפירנ דארופ; כוצ דעמ זעט מענ אפנ טיש א פּאַר זאַקנ, א ווּעסט, א קאמ אונ א בארשט)

ר ע ב   צ ע מ א כ.

מיילע אוואדע בלײַבט עס, פונ דערעכ טאַלעמ וועגנ [1] וועלנ מיר דעמ כאַטנ צוריק אוועקטיקנ אינ דער מיר.

ל ו ב ל י נ ס ק י.

וואַס פאר א טערעצ וועט איר אָבער פאר אימ געפינענ?

ר ע ב   צ ע מ א כ.

פונ דערעכ טאַלעמ וועגנ וועלנ מיר אימ דאַגנ, אז דאָ איז טעטיל איד איט אומדיכער טו דײַנ, מאכמעט דאָ דרייענ דיכ ארומ דאנדארנ.

ל ו ב ל י נ ס ק י.

אונ וועג דארפ ער אַנקומענ?

ר ע ב   צ ע מ א כ.

טײַדנ עס דאַל דיכ אימ כאַלילע וועכאט טרעפנ א טיבע, דארפ ער אַנקר־מענ הײַנט ארומ פיר א דייגער פארטאַג. איכ וועל, מירטעטעמ, גלײַכ בא־גינענ דײַנ אינ דער אכטאניע אונ וועל אימ געבנ אפ הויטאַעט, ער דאַל גלײַכ פאַרנ טוריק אהיימ.

ל ו ב ל י נ ס ק י.

זאָגט מיר, רעב צעמאכ, וואָלט ניט זײַנ א סייכל בא אימ אָפצוקויפנ זײַנע שאבעסדיקע קליידער פאר מיר אַנצוטאָנ אומ צו גיינ צו רעב כײַקלענ מאָרגנ? אזעלכער פירט געוויס מיט זיכ מיט זײַנע יאָנטעוודיקע בגאָדימ, ווענ ער פאָרט טאָנ א שידעכ. וואָס זאָגט איר?

ר ע ב   צ ע מ א כ.

איר דײַט גאנץ גערעכט, בענעמאָנעט. פונ דערעכ טאַלעמ וועגנ קענ מענ אימ עפעט דאָגנ א טערעט ווי עט איד, אונ טאקע אָפקויפנ א מאלבוט אָדער טוויי.

---

1 פונ דערעכ שאַלעמ וועגנ—צוליב שאָלעמ.

לובלינסקי.

וואָס אָבער וועל איך טאָן, אויב רעב כײַקל זאָל דורכויס וועלן אָפּלייגן די כאַסענע אַפּ עטלעכע כאָדאָשים? ווען עס זאָל דויערן צו לאַנג, קען איך בלײַבן אי א נאַר, אי א באַל-אוולע.

רעב צעמאַך.

דערפאַר דאַרפּט איר קיין מוירע ניט האָבן. רעב כײַקל ווייט גאַנג גוט, אַד אַפּ דעם מירער אילוי דײַנען דאָ אַטאַך באַלאָנים. רעב כאַטקל, דער פּאַרנעס [1] פון טול, באַט די זעלביקע נאַדן, וואָט רעב כײַקל, און דאָגט נאָך טו אײַביקע קעטט, אויב דער כאָטן דאָל וועלן. איך ווייט אפילע, אַד רעב כאַטקלט טאָכטער איד אַביטל גיטופלט, אָבער בא אַן אילוי איד דאָט גאָר קיין גרויטער בראַק ניט. כוטדעם, פאַרטייט איר דאָך, אַד ער וואָלט דיך וועגן דעם פאַר דער כאַטענע גאָרניט אַרומדען, הײַנט, דאַרפּט איר וויטן, אַד אַפּ אים קוואָפּעט דיך כײַע-לייע, די טיכל-קרעמערקע, א רײַכע אַלמאָנע, וואָט האָט דרײַ טעכטער, אַלע באָגרעטן טעהעגיו לעפּירקאָן. [2] כוט איר דײַנען דאָ נאָך טוויי באַלעבאַטים כטווים, [3] וואָט וואָלטן אים אָפּטיטן מיט גאָלד. בעקיטער, אָט דאָט אַלט ווייט רעב כײַקל אַדוי גוט, ווי איך, און ער ווערט, אַדעראַבע, דען מיט אַלע קויכעט טו מאַכן די כאַטענע וואָט גיכער. נאָר מירעלען האָט מען געדאַרפּט געבן טו וויטן, ווי אַדוי מען וויל דאָ פון דערעך טאָלעם וועגן רעב כײַקלען אָפּנאַרן.

לובלינסקי.

דאָס איז שוין באַזאָרגט. איך האָב איר צוגעשיקט א בריוו און אין דעם בריוו האָב איך איר דערקלערט מײַן גאַנצן פּלאַן. איך האָב נאָר מוירע פאַר אַן אַנדער זאַך.

רעב צעמאַך.

הײַנע?

לובלינסקי.

רעב כייקל וועט געוויס מיט מיר וועלן ריידן טוירע און איר פאַרשטייט דאָך געוויס אַליין, אַז איך האָב שוין זייער לאַנג א סייפער אין האַנט ניט געהאַלטן.

רעב צעמאַך.

גירטע דעיאַנקוטע [4] פאַרגעטט מען ניט. אָבער אפילע, אַד איר דאָלט טוין טאַקע גאָרניט וויטן, דאַרפּט איר פאַרטיין, אַד רעב כײַקל אַליין איד אויך קיין אויקער האָרים [5] ניט. דאָל דאָט מיר טוקומען, וואָט אים פּעגט טו רעב כאַיִם וואָלאָדינער... עס קען דײַן, אַד ער וועט רעכענען, אַד דאָט, וואָט איר רעדט מיט אים קיין טוירע ניט, איד מאַכמעט איר ווילט אים ניט מאַלבין פּניי כאַ־

---

1 פּאַרנעס—דאָ געמיינט גאַבע.

2 באָגרעסן שעהיגיו לעפּירקאָן—דערוואַקסענע מיידלעך, וואָס איז צײַט זיי כאַסענע מאַכן.

3 כשווים—כאָשעווע.

4 גירסע דעיאַנקוסע—דאָס, וואָס מע האָט געלערנט קינדווײַז.

5 א שאַרפער מויעך. בוכשטעבלעך: ער קערט איבער בערג.

ווייר[1] דײַנ... אונ ווייטש איר נאָכ וואָט? איכ קענ אימ דאָגנ, אד איר דײַט א גרויטער אָנאָוו,[2] טאקע מאכמעט איר דײַט א גרויטער כאריפּ אובאָקי,[3] אטטיי־גער, ווי מענ דאָגט פונעמ ריבּוינעטלוילעמ קאוועיאָכל[4] בימקוימ טעאטאָ מויטיי עט גדולאָטוי.[5]

לובלינסקי.

הײַנט דארפט איר ניט פארגעסנ אימ צו פרעגנ פונוואנענ ער שטאמט, ווי זײַנע עלטערנ הייסנ אונ צי זיי לעבנ נאָכ, טאָמער קומט צו רייד...

רעב צעמאכ.

קעדערעכ האטעווע,[6] אד מענ גייט טוינ יאָ מיט ליגנ — פונ דערעכ טאָלעמ וועגנ, — דארפ מענ דאָט מאכנ טיינ אונ גלאט. בעקיטער, מיר וועלנ דענ, דאָט דאָל אלט געטאָנ ווערנ אל טאָד האיויטער טויוו,[7] מיט מאדל...

(היער הערט זיכ הינטערנ[סצענע] פלוצלונג אסאכ ששימענ שרײַענדיק: וו „פאָליציו יעוואָ“[8] — „פּאָידיאָמ, פּאָידיאָמ, מאָשענ[י]ק“[9]) א.א.וו. רעב צעמאכ באהאלט זיכ הינטערנ דאָקטער)

[?]ראכמאָנא יאטיליינו! דאָט איד דער פּאָלקאָווניק! מענ האָט געכאפּט מיא־טעזניקעס...

(אינ גרויס אופרעגונג קערט ער איבער דעמ טיש אונ וואַרפּט אלצדינג אראָפּ אפ דער ערד).

לובלינסקי.

גאָט איז מיט אײַכ, רעב צעמאכ, וואָס טוט זיכ מיט אײַכ! פארוואָס האָט איר זיכ דאָ אזוי דערשראָקנ? דאָס פירט מענ א גאנעוו, זעט איר דענ ניט?

רעב צעמאכ.

(ציטערנדיק פונ קאָפּ ביז די פיס)

איכ בינ בעטעווע ניט קיינ טרוט... אָבער הײַנטיקע טײַטנ דארפ מענ דיכ היטנ... דער קיידער אליינ איז הײַנט ניט דיכער מיטנ לעבנ...

לובלינסקי.

דאָ זעט איר גראָד גערעכט, אָבער דערווײַלע זעט איר נאָכ קיינ קייסער ניט. א בענ-מעלעכ[10] דאָט יאָ...

רעב צעמאכ.

הערט, פּאני דאָקטער, ווייטש איר אפ קלאָר, אד דאָרטנ איד מער ניט גע־וועננ ווי א גאנעוו, אָדער איר דאָגט פונ דערעכ טאָלעמ וועגנ...

---

1 פארשעמענ דעמ כאווערס פּאָנעמ.

2 א באשיידענער.

3 שארפ אונ באהאוונט (אינ געמאָרע-לערנענ).

4 גאָט.

5 בימקוימ שעאטאָ מויצע עס גדולאָסוי — דאָרט, ווו דו געפינסט זײַנ גרויסקײַט.

6 ווי דער שטייגער איז.

7 אל צאד האיויסער טויוו — אפנ בעסטנ אויפנ.

8 אינ פּאָליציי נעמט אימ.

9 קומ, קומ, שווינדלער.

10 א פרינצ.

לובלינסקי.

א ליגנ? ניינ, רעב צעמאכ. איכ זאָג קיינ ליגנ ניט. נו, איצט גיי איכ אוועק. מאָרגנ גאנצ פֿרי דערוואַרט איכ אײַכ היער.

רעב צעמאכ.

איכ וועל דײַנ בא אײַכ, מירטעטעמ[1] נאָכנ ערטמנ מיניענ, א גוטנ! אינ דרויטנ איד, דאכט דיכ, טיל, א? גייט נאָכ ניט פאני דאָקטער, לאָזט מיר פריער ארויטגיינ... מענ דאָל אונד ניט דענ טודאמענ אפנ גאט... אטריי אָדאָמ מעפאכעד טאָמיד. (גייט ארויס).

לובלינסקי.

(אליינ) איי, האלט איר פונ דעמ פּאָסעק!

צווייטע סצענע

(דערזעלבער צימער, ווי אינ ערשטנ אקט, ערשטע סצענע).

רעב כײַקל.

(אליינ).

די נעכטיקע מײַסע מיט מירעלעס שטעכ אינ זײַט געפעלט מיר ניט א ברעקל. צי האָט זי זיכ עפּעס טאקע ניט צוזאמענגעשמעקט מיט א הײַנטוועלטיקנ יונגאטשל פונ די שקאָלעס. מער וואָלט מיר ניט געפעלט! (ער נעמט ארויס פונ בוזעמ-קעשענע א בריוו) ווי קומט דער בריוו צו איר אינ צימער ארײַנ? ווער האָט אימ געקענט ארײַנברענגענ? צו איר איז דער בריוו געווויס, אָבער דער שווארצ יאָר ווייס, וואָס אינ אימ שטייט. די גאנצע מעגילע איז געשריבנ אפ יעוואָניס...[2] מאשמאָעס, פארשטייט זי דאָכ דעמ לאָשנ, אז מע שרײַבט שוינ צו איר, ווי פּראָסבעס[3] צומ גובערנאטער, לעהאַוודל, אפ רוסיש?! נישקאָשע פונ א האשלאָמע[4] פאר א יידישע טאָכטער! איכ האָב געוווסט, אז פונ די פאטשע-רעס-לייענענ וועט קיינ גוטס ניט ארויסקומענ, אונ דאָס איז אלצ יענטקע כאיע גרונעס ארבעט, די שמאדעלניצע. ווי א ייד היט צו גיינ דאווענ, אזוי פלעגט זי צו איר לויפנ אלע טאָג... וואָס שרײַבט מענ איר, ווער ווייס, אינ דעט בריוו? געפינענ, ווער זאָל איבערלייענענ, קענ מענ יאָ, אָבער טאָמער שטייט אינעווייניק עפּעס אזוינס, וואָס איז א כארפּע פאר מײַנ טאָכטער — קענ ווערנ א שיינ גערודער אינ שטאָט, אונ דאנ... גיי, כאפּ אילוימ! לאָמיכ אקאָרשט איר אויספאָרשנ. עפּשער דערגיי איכ, וואָס דאָ טוט זיכ מיט איר. (ער באהאלט דעמ בריוו אונ שרײַט) מירעלע, מירל, מירקע!

(עמיליע קומט ארײַנ).

קומ אהער, מײַנ טאָכטער, איכ דארפ מיט דיר ארומ עפּעס ריידנ.

---

1 מירצעשעמ.

2 אפ יעוואָניס — געמיינט אפ רוסיש.

3 באקאָשעס.

4 א פארפולקומונג, א מײַלע.

עמיליע.

ארומ וואָס, מאַטע?

רעב כײַקל.

הער צו, מײַנ קינד. דײַנ כאָסנ קומט הײַנט צו אונדז. רעב צעמאַכ האָט מיכ געלאָזנ וויסנ, אז ער וועט אימ ברענגענ אזוי גיכ, ווי ער וועט נאָר קענענ.

עמיליע.

פונ מײַנטוועגנ האָט ער זיכ ניט וואָס צו אײַלנ.

רעב כײַקל.

וואָס מיינסטו דערמיט?

עמיליע

וואָס איכ זאָג? איכ וויל פונ דײַנ אילוי ניט הערנ אונ ניט וויסנ.

רעב כײַקל.

וואָ...אָ?

עמיליע.

איכ רייד, דאכט זיכ, יידיש. איכ וויל עמ ניט קענענ.

רעב כײַקל.

איז די מיידל מעשוגע, שיקער אָדער כאָסערדייע?[1] ריבוינע מאָרע דעקולע אלמע![2] באטראכט נאָר, וואָס דו רעדסט! דו ביסט פונ זינענ אראָפּ, ווי איכ זע.

עמיליע.

דערוויַילע נאָכ ניט. טאָמער אָבער ווער איכ אמאָל ווירקלעכ מעשוגע, וועסטו דאנ צײַט האָבנ מיר צו שאדכענענ מיט א קלויזניק א באנק-קוועטשער. ניט פריער! אָנ א קאַלע מאכט מענ קיינ כאסענע ניט...

רעב כײַקל.

מירעלע, דו ווייסט, אז פאר אזעלכע רייד קענ מענ בא מיר כאפּנ טײַערע פּעטש? מיט וועמענ רעדסטו? דו פארגעסט, מאשמאָעס, ווער איכ בינ, הא?

עמיליע.

טאַטע, איכ פארגעס דאָס גאָר ניט אונ איכ ווייס זאָגאר, אז דו האָסט מיכ האָלט, אָבער דײַנ פּוסטע גײַוועס קענ מיכ אומגליקלעכ מאכנ אפנ גאנצנ לעבנ.

רעב כײַקל.

די מיידל איז גאָר פראָסט מעטורעפ.[3] רופסטו דאָס אנ אומגליק, ווענ מע גיט דיר א מאנ, וואָס איז ראָע[4] צו זײַנ א ראָוו אינ די גרעסטע שטעט פונ גאנצ פּוילנ, ליטע אונ זאמוט[5]! ווענ מענ רעדט דיר א באָכער, וואָס האָט צו זיבעצנ יאָר דרײַ מאָל אויסגעהאט שאס[6] אונ וואָס איז קלאָר אינ פּאָסקימ,[7] ווי־

---

1 צעדרייט, ניט אינגאנצנ באמ זינענ.

2 גאָט דער האר פונ דער גאָרער וועלט.

3 מעשוגע.

4 טויג, פּאסט.

5 א טייל פונ ליטע, אינ קאָוונער געגנט.

6 אויסגעהאט שאס—דורכגעלערנט אלע געמאָרעס.

7 רעליגיעזע געזעצ־ביכער.

איכ אינ אשריי? [1] איז דאָס אנ אומגליק צו נעמענ א מאנ, וואָס איז מעפורסעמ [2] אינ דער גאנצער מעדינע פאר זײַנע צידקעס [3] אונ וואָס קענ פאָשעט קיינ צוויי ניט ציילנ! רופסטו דאָס אנ אומגליק — דו בעהיימע? דו ביסט מעשוגע, כ׳לעבנ!

עמיליע

(זייער אופגערעגט) טאטע, איכ האָב דיר שטענדיק געערט אונ געאכטעט, ווי א גוטע טאָכטער דארפ א פאָטער ערנ. איכ בינ דײַנ איינציקע קינד אונ דו ביסט דער איינציקער פונ מײַנע עלטערנ — וואָרעמ מײַנ מוטער האָב איכ קיינמאָל ניט געקענט. דו קענסט ניט זאָגנ, אז איכ בינ צו דיר געווענ א שלעכטע טאָכטער, אָבער דו וועסט מיכ מיט דײַנ פירונג מאכנ פאר שלעכט. איכ זאָג דיר, אז דו ווערסט מיכ מאכנ... איכ וויל אזוי ווײַט ניט ריידנ... אויב דו ווערסט מיכ צווינגענ צו נעמענ אָט דעמ יעשיווע־באָכער.

רעב כײַקל.

צווינגענ? ווער וויל דיר צווינגענ? אז דו וואָלסט האָבנ סייכל, וואָלסטו מיר די פיס וואשנ אונ די וואסער טרינקענ פאר אזא מאנ — דו וואָלסט אלייג וועלנ...

עמיליע.

נו, טאָ זאָג איכ דיר, אז איכ האָב דעמ סייכל ניט. איכ וועל גיכער גיינ יונגערהייט אינ ד׳ערד ארײַנ, איידער איכ וועל נעמענ א פערע־אָדאָמ, וואָס קענ, ווי דו זאָגסט, קיינ צוויי ניט ציילנ, פאר א מאנ. לאָז ווער עס וויל זײַנ א רעבעצנ אינ א גרויסער שטאָט, איכ וויל בעסער זײַנ א שוסטערקע אינ א קליינע...

רעב כײַקל.

אזו גאָר? א שוסטערקע? איכ האָב געמיינט, אז א מיידל, וואָס קוקט ארײַנ באווינויסיינו האָראבימ, [4] אינ פאטשערע־ביכלעכ, וועט זיכ, לעכאָלעפאָכעס, צילעווענ צו אנ אפטייקער, אָדער צו א דאָקטער... דו, ווי איכ זע, ווילסט גאָר א שוסטער!

עמיליע.

איכ צילעווע זיכ צו גאָרנישט אונ איכ וויל נאָכ גאָרניט כאטענע האָבנ, אָבער זאָגנ מעג איכ דיר — דו ציסט מיכ דאָכ אליינ פארנ צונג! — זאָגנ מעג איכ דיר, אז אינ מײַנע אויגנ איז א שוסטער, אנ ערלעכער שוסטער, אמאל כאָשעווער ווי א יעשיווע־באָכער.

רעב כײַקל.

נישקאָשע, אונ אויגנ האָסטו, כ׳לעבנ! דײַנ מאמע, אָלעהאשאָלעמ, האָט געהאט עפעס אנדערע אויגנ, דײַנ באָבע אונ דײַנ עלטער־באָבע האָבנ, דאכט זיכ, אויכ געהאט אנדערע אויגנ, נאָר, מאשמאָעס, איז דאָכ טאקע דײַנ קוק א בעסערער, ווי אלעמענס! פונדעסטוועגנ... נאָר לאָמיר ריידנ ארומ אנדער זאכ. זאָג מיר, קרוינ־לעבנ, באקומסטו אָפט בריוו — רוסישע בריוו — פונ שוסטערס?

---

1. א טפילע, וואָס פרומע יידנ זאָגנ זי עטלעכע מאָל אינ טאָג.
2. באוווסט.
3. פרומקײַט.
4. איבער אונדזערע גרויסע זיגנד.

ע מ י ל י ע.

(געטראָפן) איך... בריוו? וואָס מיינסטו דערמיט? איך פארשטיי ניט, פּאָטער...

ר ע ב כ ײַ ק ל.

(האסטיק) רוף מיך ניט פּאָטער, איך בעט דיך! איך דארף ניט דײַנע דײַטשערעס[1]! רוף מיך טאטע, ווי איך האָב דײַנ זיידנ, אָלעווהאשאָלעם, גערופנ. זאָג מיר — איך פרעג דיך נאָכאמאָל — שרײַבנ שוסטערס צו דיר אָפּט רוסישע בריוו? לאָמיך וויסנ.

ע מ י ל י ע.

צו מיר שרײַבט... קיינער ניט.

ר ע ב כ ײַ ק ל.

(ארויסנעמענדיק פונ בוזעמ דר. לובלינסקיס בריוו)

אָט דעמ בריוו האָט אויך קיינער ניט געשריבנ? דער קיינער ניט דײַנער שרײַבט א גאנצ שיינע האנט, בענעמאָנעס! קיינער ניט איז, מאשמאָעס, א כאָדאטאַי[2] אָדער א פּראָסבע־שרײַבער.

ע מ י ל י ע.

לאָמיר נאָר זענ, וואָס דאָס איז פאר א בריוו.

ר ע ב כ ײַ ק ל.

זענ? פארוואָס ניט? אָבער פונ ווײַטנ, פאני שוסטערקע, פונ ווײַטנ.

ע מ י ל י ע.

(איבעראשט. — פאר זיך) דאָס איז פונ אימ! (לויט) גיב מיר דעמ בריוו! איך מוז זענ וואָס מענ שרײַבט מיר.

ר ע ב כ ײַ ק ל.

דו מוזט? א מוז איז א ניידער, מײַנ טאָכטער, זאָג דאָס בעסער ניט, וואָרעמ איך וועל דיר...

(ער צינדט אָנ א ליכט אונ פארברענט דעמ בריוו — דאָס טוענדיק זייער געלאסנ)

ע מ י ל י ע.

(פאר זיך) אפ דאָס וואָלט איך ניט גערעכנט. (הויכ) פּאָטער, ווארט א ווײַלינקע, איך קומ באַלד צוריק. (זי לויפט האסטיק ארויס).

ר ע ב כ ײַ ק ל

מירקע! ווו לויפסטו? ביסטו טאקע מעשוגע געוואָרנ? אָ, הײַנטיקע קינדער, הײַנטיקע קינדער! איך מוז איר נאָכגיינ. איך מוז וויסנ, ווהינ זי גייט. (גייט ארויס).

(די סצענע בלײַבט אייניקע אויגנבליקנלער, דאנ נאכהער קומט ארײַנ כאיעטשקע זייער פארסאָפּעט).

כ א י ע ט ש ק ע.

געלויבט דער אויבערשטער! דער אַלטער אשמעדײַ איז ניטאָ אינדערהיימ; איך וועל קענענ מיט מירלענ פרײַ ריידנ... א, ווער וואָלט דאָס אפ דאָקטער געטראכט! ער זאָל דאָס אזוי פירנ מיט א גוטע אומשולדיקע מיידל!

---

1 דײַטש־ריידנ.

2 שטאדלענ.

מירעלע, מירעלע! — דאָס איז קלאָר, ווי דער טאָג. דינעצקי וועט מיר קיינ ליגנ ניט זאָגנ. מיר איז גלײַכ ניט געפעלנ געוואָרנ, וואָס ער האָט מיכ געשיקט צו רעב צעמאכנ, וואָס דארפ ער צעמאכנ? ווי קומט א דאָקטער צו א שאדכנ! — מירעלע! ווו זײַט איר? — די הײַנטיקע לאכנ פונ שאדכאָנים, אָבער אז מע דארפ טאקע א קאלע מיטע צענ טויזנט, שעמט מענ זיכ ניט צו נעמענ אפילע פונ רעב צעמאכס האנט אויכ! מירעלע! אָ, אָט קומט זי... וואָס איז דאָס? אירע אויגנ זײַנענ רויט!

(צו עמיליענ)

וואָס איז אײַכ?

עמיליע.

אָ, איכ וועל דאָס ניט אויסהאלטנ!

כאיעטשקע.

וואָס? וואָס? דערציילט.

עמיליע.

לאָז מיכ קומענ צו אָטעם, איכ, איכ... ווארט, איכ וועל דיר דערציילנ.

כאיעטשקע.

אָט אזוי האָט יעדער זײַנ פעקל! דאכט זיכ, גוטע מעל, גוטע הויוונ, גוט געקנאָטנ, זאלצ אײַנ מאָס אונ עס גייט, דאכט זיכ, אופ אונ עס בעט זיכ אינ אויוונ — מיטאמאָל נא דיר! אָט פלאצט די דייזשע אונ ניטאָ קיינ ברויט! א טעל-אוילעמ פונ די גאנצע האָרעוואניע. הײַנט לעב אפ דער וועלט!

עמיליע.

וואָס בורבלסטו דאָרטנ אונטערנ נאָז?

כאיעטשקע.

איכ רייד מיט זיכ אלײנ... ווער וואָלט דאָס גערעכנט?

עמיליע.

אז מענ זאָל אימ ארײַנזועצנ?

כאיעטשקע.

וועמענ?

עמיליע.

רעדסטו דענ ניט וועגנ דעמ... דעמ דאָקטער?

כאיעטשקע.

געוויס רייד איכ ארומ אימ, אָבער וואָס האָט ארײַנזועצנ צו אימ?

עמיליע.

בעהיימע! וואָס הייסט — וואָס האָט דאָס צו טאָנ מיט אימ? עס האָט, לייד-דער, זייער פיל צו טאָנ מיט אימ. ווייסטו דענ ניט, אז ער זיצט?

כאיעטשקע.

זיצט? ווו?

עמיליע.

ווו? אינ טורמע זיצט ער. אינ א פינצטערע טורמע זיצט ער, צווישנ הוילע פיר ווענט אײַנגעשלאָסנ, ווי א ווילדע כאיע אינ א שטײַג, אונ ניט האָבנ מיט וועמענ א וואָרט אויסצוריידנ, אָנ א בוכ אפילע...

כ א י ע ט ש ק ע.

אָבער ווער זיצט דאָרטן?

ע מ י ל י ע.

ווער? ווער? פון ווען אָן ביסטו דאָס אזוי נאריש געוואָרן? וואָס הייסט ווער? ער, דער דאָקטער, מײַן לובליגנסקי, מײַן לעבן! פארשטייסטו איצט שוין ווער?

כ א י ע ט ש ק ע.

ער זיצט אין טורמע? ווער האָט דאָס אײַך געזאָגט?

ע מ י ל י ע.

וואָס דארף מיר ווער זאָגן? פארשטײ איך דען אליין ניט? איך קום צו לויפן צו זײַן וווינונג, געפֿינ איך די טיר פארשלאָסן און אפֿן טיר א צעטעלע, אז ער איז אָפּגעפֿאָרן. פארשטײ איך דען ניט, וואָס דאָס האָט צו באדײַטן.

כ א י ע ט ש ק ע.

איר לעבט אין טאָעס, עמיליע, איך ווייס בעסער, ווי איר, ווו ער איז און וואָס ער טוט.

ע מ י ל י ע.

דו ווייסט בעסער? וואָס ווייסטו בעסער? רייד, רייד-זשע! די ווערטער ציִען זיך הײַנט בא דיר פֿון מויל אקוראט ווי פֿון פעך. נו, וואָס שווײַגסטו?

כ א י ע ט ש ק ע.

אז איר וואָלט מיר נאָר לאָזן ריידן, וואָלט איך אײַך שוין דערציילן. א בייזער מאזל מײַנער איז דאָס אביסל? ווו נאָר עס איז דאָ א שלעכטע בסורע, מוז איך זײַן די אָנזאָגערקע!

ע מ י ל י ע.

וועסטו ריידן אָדער ניט? וואָס קוועלסטו מיך?

כ א י ע ט ש ק ע.

איר קענט דעם יונגנמאן, וואָס לערנט זיך באם דאָקטער?

ע מ י ל י ע.

(צעשטרייט) ניין.

כ א י ע ט ש ק ע.

איר קענט ניט דעם באָכער, וואָס שווערט זיך ראק „ווי איר זעט מיך א לעבעדיקן“?

ע מ י ל י ע.

אָ, אים מײנסטו? יאָ, יאָ! נו!

כ א י ע ט ש ק ע.

ער האָט מיך דערציילט, אז דער דאָקטער איז געווען עטלעכע מאָל צוזאמען מיט רעב צעמאכן און אז ער איז אוועקגעפֿאָרן טאָג א שידעך...

ע מ י ל י ע.

ווער?

כ א י ע ט ש ק ע.

דער דאָקטער. און ער נעמט א מיידל פונ אראָדנע מיט צענ טויזנט קערבלעכ נאָדנ.

ע מ י ל י ע.

דאָס האָט דיר דערציילט?..

כ א י ע ט ש ק ע.

דינעצקי, זיינ יונגערמאנ.

ע מ י ל י ע.

אָ! (זי פאלט אינ כאלאָשעס).

כ א י ע ט ש ק ע.

זי כאלעשט... עסיק, וואסער, ווו נעמט מענ עסיק? אָ, אָט איז עס! רעב כײַקל! רעב כײַקל!

(רעב כײַקל קומט ארײַנ און אָנע צו באמערקנ עמיליענ, הייבט ער אופ דעמ שטעקנ אפ כאיעטשקענ מיט א שרעקלעכע ווּט).

ר ע ב כ ײַ ק ל.

וואָס רעב כײַקעלסטו מיר דאָ? ארויס, כצופע, פונ מײַנ הויז! א זוואניע זאָל פונ דיר ניט בלײַבנ, א ניט צעשלאָג איכ דיר רוק און לעגד, דו שטיק סאדלע! דיר!

כ א י ע ט ש ק ע.

מעשוגענער ייד! זעט איר ניט, אז אײַער טאָכטער ליגט א געכאלעשטע!

ר ע ב כ ײַ ק ל.

וואָס? א, ראכמאָנא יאציליינו! מירעלע! מירעלע! מײַנ קינד, מײַנ אייג־ציק קינד! מירעלע!

(עמיליע עפנט אופ די אויגנ).

ע מ י ל י ע.

ווער איז דאָ? א, אָ! ביסטו דאָ, טאטע? זעצ זיכ... מיר איז איצט בעסער. זעצ זיכ אוועק אפנ זאָפע... אָט אזוי...

ר ע ב כ ײַ ק ל.

געלויבט דער אויבערשטער, זי וועט געזונט זײַנ.

כ א י ע ט ש ק ע.

אויב איר וועט איר לאָזנ צורו!

ר ע ב כ ײַ ק ל.

ארויס, כצופע, פונ מײַנ שטוב! דאָס האָסטו איר מיסטאָמע טאקע איבער־געשראָקנ, גיי, מע וועט אויסקומענ אָנ דיר.

(כאיעטשקע גייט אוועק).

(פאר זיכ) עס איז בא מיר איצט קיינ שומ סאָפעק ניטאָ, אז דער דאָקטערל יימאכשמוי! [1] — האָט איר צוגעטרונקענ. ווייס דער אויבערשטער, וואָס דערפונ וואָלט געוואָרנ, ווענ דער שווארצ יאָר וואָלט אימ ניט אוועקגעריסנ פונדאנענ. ווי פײַטל דער סארסער [2] האָט מיר נאָר וואָס איג גאס געזאָגט, איז ער אוועק-

---

1 א קלאָלע: זאָל אויסגעמעקט ווערנ זײַנ נאָמענ.

2 דער מעקלער.

געפאָרן קיין הראָדנא א שידעך טאָג. אויב זי וויס דאָס נאָך ניט, איז גלײַ־כער, אז זי זאָל וויסן. איך האָב צו גאָט, אז איך וועל נאָך מירצעשעם אויס־פירן מײַנע מאכשאָווע אפ אלע מײַנע סאָנימס צעפּלאצענעס.

עמיליע.

(פאר זיך) וואָס רעדט ער דאָרטן ארום אוועקפאָרן? די גאנצע שטאָט מוז דערמיט שוין פול זײַן. (הויך) ווער, זאָגסטו, איז אוועקגעפאָרן, טאטע?

רעב כײַקל.

אָט דער יונגער דאָקטער, וואָס מען האָט צו דיר אייערנעכטן גערופן.

עמיליע.

אָ, ער! אן אויסערע פונדעסטוועגן, ער איז א גוטער דאָקטער, קימאַט דער איינציקער אין שטאָט.

רעב כײַקל.

דאָס איז א קנאפּע דײַגע. הײַנטיקע צײַטן זײַנען דאָ מער רופים, ווי כא־לאָים. אָבער כוצדעם, הער איך, אז ער קומט צוריק.

עמיליע.

זאָגט מען אזוי?

רעב כײַקל.

פײַטל דער סארסער זאָגט, אז ער איז נישט מער געפאָרן קיין הראָדנא, ווי כאסענע האָבן. (פאר זיך) איצט איז די מײַסע קלאָר, ווי דער טאָג — צוגע־טרונקענ.

עמיליע.

טאטע, ווען האָסטו געזאָגט, וועט דער כאָסן קומען?

רעב כײַקל.

(מיט סימכע) באלד, מײַן קינד, באלד!

עמיליע.

איך וואָלט וועלן שפּעטער גיין זיך נעמען אפ א פאָר קליידער...

רעב כײַקל.

טאקע אזוי, טאקע אזוי, מײַן טאָכטער. אָט איצט רעדסטו, ווי א מענטש.

עמיליע.

אויב דו האָסט בא זיך, גיב מיר א פּופציקער, איך וועל דיר די רעשטע צו־ריקברענגען — גיב מיר טאקע שוין, איך זאָל דיר ניט דארפן מאראָטשען ארום דעם נאָכמאָל די קאָפּ.

רעב כײַקל.

בעסימכע ראבע,[1] מײַן קינד! נא, אָט איז אײן פינף-און-צוואנציקער דעם אנדערן וועל איך דיר שפּעטער געבן — פײַטל דארף מיר ברענגען געלט.

עמיליע.

אויב דו האָסט ניט מער, העלפט דאָך ניט, אָבער צו וואָס זאָל איך דיר אלע ווײַלע דרייען די קאָפּ...

---

1 מיט גרויס פרייד.

רעב כײַקל.

(פאר זיכ) פופציק רובל אפ א מאָל, דאָס איז עפּעס צו האַמעטנע, נאָר איכ מוז איר איצט אלצ באַכגעבנ (הויכ, איר געבנדיק נאָכ א 25-ער) עפּשער ביסטו אויכ גערעכט, איכ האָב ניט געוואָלט בלײַבנ גאָר אָנ געלט. גיי אָבער נאָכ איצט ניט, מײַנ טאָכטער... רעב צעמאכ דארפ באלד קומענ (ער קוקט ארויס דורכנ פענצטער) אָט גייענ זיי! הערצו מײַנ קינד, נויטנ וועל איכ דיר ניט, וואָס וועט באשערט זײַנ פונ גאָט, וועט ווערנ — טו מיר אָבער ניט אָנ קיינ בזיונות.[1] א, די הײַנטיקע מאסקילימ! [2]ן ווייסטו, וואָס איכ האָב געהערט, מײַנ טאָכטער? מע זאָגט אינ שטאָט, אז דער דאָקטערל, וואָס איז דאָ געוועננ בא דיר, האָט שײנע עטלעכע מיידלעכ די מויכעס פארדרייט. אנדערע ווילנ האָבנ, אז ער האָט זיי מאמעש צוגעטרונקענ. אָ! די פאלשע מאטבייעס! גלאטע צינגעלעכ אינ מויל, שטעכעדיקע דערנער אינ הארצנ... זיי קומענ, מײַנ טאָכטער.

עמיליע.

האלב איז ער גערעכט...

(זי זעצט זיכ אינ דעמ ווינקל, וואָס קוקט אויס פונ דער לינקער זײַט סצענע צומ פובליק צו, אונ פארדעקט די אויגנ מיט א טאשנטוכ. לובלינסקי, פארשטעלט, אונ רעב צעמאכ קומענ ארײַנ).

רעב כײַקל.

ברוכימ האבאָימ,[3] ייִדנ! ברוכימ האבאָימ! אוירעכ,[4] שאָלעמ אלייכעמ! גוט מאָרגנ, רעב צעמאכ. זעצט זיכ, זעצט זיכ!

רעב צעמאכ.

אונדער אוירעכ איד אביטל אָנגעמאטערט פונ וועג. וואָט מאכט די קאלע דאָל לעבנ?

רעב כײַקל.

זי איז לוי אלייכעמ[5] ניט אינגאנצנ! מירעלע, מײַנ קינד, גיי ברענג וואָס ארײַנ — א שנאפּס, פארבײַסנ! מײַנ דינסטמיידל איז גראָד הײַנט אוועק.

עמיליע.

(גיט אפּ כאָסנ א קוק פונ א זײַט, אָבער זי זעט זײַנ געזיכט ניט).

אונ אזא ווילדע בריע זאָל איכ האָבנ פאר א מאנ! ניט דערלעבנ זאָלנ דאָס מײַנע סאָנימ!

רעב כײַקל.

גיי, מײַנ טאָכטער, גיי!

(עמיליע גייט ארויס).

לובלינסקי.

(פאר זיכ) זי שפּילט איר ראָליע זייער גוט.

---

1 ביזיוינעס.
2 אופגעקלערטע.
3 א באגריסונג: געבענטשט זאָלנ זײַנ די ארײַנגעקומענע.
4 גאסט.
5 ניט פאר אײַכ געדאכט.

ר ע ב כ ײַ ק ל.

וואָס זאָגט איר?

ל ו ב ל י נ ס ק י.

איכ זאָג, אז אמ אזעלכע שטולנ, ווי אײַערע, זיצט זיכ גאנצ גוט.

ר ע ב כ ײַ ק ל.

מאשמאָעס, הײַנטיקע אילוימ זײַנענ אויכ ניט וואָס פארצײַטיקע. מע קלײַבט טאקע אוילעמ-האבע אונ מע וויל דערווײַלע אוילעמ-האזע אויכ האָבנ...

ר ע ב צ ע מ א כ.

מאכטייטע, פארוואָס טאקע ניט? עמעט, אונדזערע כאכאָמימ האָבנ געדאָגט: פאט באמעלעכ טויכאל אומאימ באמטוראָ טיטטע,[1] אָבער אד מענ קענ טאקע האָבנ טוירע אוגדולע בעמאָקוימ עכאָד,[2] פארוואָס ווידער ניט?

ר ע ב כ ײַ ק ל.

עפשער זײַט איר אויכ גערעכט, וואָרעמ, נאָכ אלע מײַסעס, מי לאָנו גאָדויל מירעב יעהודאָ האנאָסי?[3]

ר ע ב צ ע מ א כ.

אונדזער אוירעכ ליגט ניט אינ געלט, אָבער אד ער וועט טאקע מיר'טעטעמ האָבנ עטלעכע טויזנט קערבלעכ...

ר ע ב כ ײַ ק ל.

איכ גיב דרײַ...

ר ע ב צ ע מ א כ.

דאָט מײנ איכ דאָכ. אד ער וועט טאקע מיר'טעטעמ האָבנ דרײַ טוידנט ערבלעכ אונ זײַנ אויסקומענעט בעהארכאָווע[4] פונ די ראבאָנעט, וועט ער בעוואדע[5] קענענ דינענ הענט אומגעוואטנ אָנ דײַגעט אוילעמ-האזע[6] אונ טובערענגענ דײַנע יאָרנ אונ טעג אל האטוירע וועאל האָאווידע.[7]

ר ע ב כ ײַ ק ל.

איז רעב פערעצ נאָכ אלצ דער מאשגיעכ[8] פונ דער יעשיווע אינ דער מיר?

ל ו ב ל י נ ס ק י.

יאָ.

ר ע ב כ ײַ ק ל.

גיט די יעשיווע ארויס אסאכ וויל-לערנער?

ל ו ב ל י נ ס ק י.

וויל-לערנער? יאָ.

---

1 פאס באמעלעכ טויכאל אומאימ באמסוראָ טישטע—ברויט מיט זאלצ זאָלסטו עסנ אונ וואסער מיט א מאָס זאָלסטו טרינקענ.

2 טוירע אוגדולע בעמאָקוימ עכאָד—טוירע אונ רײַכקײַט צוזאמענ.

3 ווער איז נאָכ אזוי גרויס ווי רעב יעהודע דער נאָסי.

4 פונ דער ברייטער האנט.

5 געוויס.

6 דײַגעס אוילעמ האזע—זאָרג פאר דער עקזיסטענצ.

7 אינ לערנענ אונ אינ גאָט דינענ.

8 דער אופזעער.

רעב כײַקל.

מאשמאָעס, ניט אלע פונ זיי זײַנענ נאָכדעמ ראָע-לעהויראָע [1] — וואָס?

לובליגסקי.

איכ, לעמאָשל, געוויס ניט.

רעב כײַקל.

(צו רעב צעמאכנ) וואָס פאר אנ אָנאָוו!

רעב צעמאכ.

האָב איכ ניט געדאָגט?

רעב כײַקל.

עפשער מיינט איר, איר זײַט ניט ביכוילעס [2] צו זײַנ א ראָוו, מאכמעס איר ווילט קיינ צײַט ניט מעוואלע זײַנ [3] אפ קאָלשע איניאָנימ? איז דער ווילנער גאָענ, זיכרוינ צאדיק ליווראָכא, [4] געוועג א ראָוו, איז רעב ייִסראָעל סאלאנטער א ראָוו?

לובלינסקי.

ניינ, איכ בינ טאקע ניט ראָע. ווער בינ איכ? א פּאָכעס שעבעפכוסימ. [5]

רעב כײַקל.

(צו רעב צעמאכנ) אײַ, אײַ, אײַ, וואָסערע אניוועס! [6] אָט זעט מענ טאקע דעמ גאָדל האדאָר! [7]

רעב צעמאכ.

איכ האָב אײַכ קיינ ליגנ ניט געדאָגט, — ווו איד די קאלע מיט די טנאפּט?

רעב כײַקל.

עס איז מיסטאָמע אויסגעגאנגענ שנאפּס אינ שטוב, איז זי געגאנגענ קויפנ.

לובלינסקי.

דאָס שיקט זיכ ניט. וואָרעמ אינ פלוג איז דאָכ א קאשע... ניינ, מוז איכ טאקע זאָגנ... א, האָט קיינ פאריבל ניט יידנ, איכ האָב זיכ פארטראכט.

רעב צעמאכ.

ראק אינ טוירע, ראק אינ טוירע ליגט דײַנ קאָפּ... דאָט האָט ער גערעדט מיט דיכ.

רעב כײַקל.

אָ, אזוי? איכ האָב געמיינט, ער רעדט מיט מיר. רעב צעמאכ, די נאדנ ליגט שוינ אײַנגעלייגט באמ ראָוו.

רעב צעמאכ.

ער וויל טאקע ארײַנגיינ צומ ראָוו אונ צומ פארנעט פונ די גרויטע טול אויכ.

---

[1] צוגעפּאסט פאר ראבאָנעס.

[2] אימשטאנד.

[3] פּאטערנ, אָפּגעבנ.

[4] זאָל דעמ צאדיקס אָנדענק דערמאָנט ווערנ צו גוטנ.

[5] דער קלענסטער פונ די קלענסטע.

[6] באשיידנקײַט.

[7] דעמ גרעסטנ פונ דאָר.

רעב כײַקל.

וואָס וועט ער גײן צום פּארנעס? וואָס וועט ער דאָרטן טאָן? באם ראָוו, זעט איר, שיקט זיך.

רעב צעמאַך.

וועג מײנט איר צו מאַכן די כאַטענע?

רעב כײַקל.

וואָס גיכער, מאַכמעס איז מוז נאָכדעם אוועקפאָרן אַפ עטלעכע כאָדאָשים. אויב אונדזער כאָסן וויל, קענען מיר אָפּשטעלן כופּע די קומענדיקע וואָך...

לובלינסקי.

פונדעסטוועג איך דאַכט פאָרט ניט רעכט. בישלוימע נאָך דעם מאָן־דעאָמאר נאָך, [1] וואָס זאָגט... אַ, האָט קײן פאַריבל ניט, וואָס האָט איר געזאָגט?

רעב צעמאַך.

רעב כײַקל זאָגט, אַז אויב איר דאָלט מערוטע דײַן, [2] קען מען מאַכן די כאַטענע די קומענדיקע וואָך, אין אַ מאָזלדיקע טאָג!

לובלינסקי.

אָ, די כאַטענע! נו, פון מײַנטוועגן...

רעב כײַקל.

מירעלע זאַמט זיך פונדעסטוועגן צו לאַנג...

לובלינסקי.

איז דאָס די מירל אַ טאָכטער דעם מעכוטנס אָדער אַ שנור

רעב כײַקל.

די קאַלע.

לובלינסקי

נו, אַז די קאַלע? איז וואָס?

רעב צעמאַך.

גאָט איך מיט אײַך, מוז די דאָך דײַן אַ טאָכטער!

לובלינסקי.

אוודאי! אוואדע, איר זײַט גערעכט. נאָך מעקויעך דעם, וואָס דאָרטן איז אַ טאַרטע דעסאָסרע [3], ווײַל אין דער פלוגטע... [4] נו, מײלע בעכײן? מען קען דאָס פאַרענטפערן... אַ, האָט קײן פאַריבל ניט, מעכוטן... אַזוי בלײַבט עס, זי איז אַ טאָכטער און טאָקע ניט קײן שנור, וואָרעם זאָל עס אַנדערש זײַן, אַז וואָס? אַז אַ שנור? וואָלט זי דאָך קײן קאַלע ניט געקענט זײַן, עלע מוז איך טאָקע זאָגן, אַז אַ טאָכטער.

רעב כײַקל.

וואָס פאַר אַ מויעך! ער איז אַזוי פאַרטראָגן אין טוירע, אַז אים קריכן גאָר וועלטלעכע איניאָנים אין קאָפּ ניט.

---

1 דאָס איז רעכט לויט דעם, וואָס זאָגט.

2 מערוצע זײַן—מאַסקים זײַן.

3 צווײ זאַכן, וואָס ווידערשפּרעכן זיך.

4 אין דער מײנונג־פאַרשײדנהײַט.

רעב צעמאַך.

האָב איך אײַך ניט געזאָגט?

רעב כײַקל.

פונדעסטוועגן זאָגט זי זיך מירעלע צו לאַנג... אַהאַ, אָט קומט זי, איך הער אירע טריט... ניין, דאָס איז גאָר ניט זי... די כצופּע? אויך ניט. אָ, די שאָכנטע. קומט אַרײַן, ציפּע, קומט אַרײַן.

(לובלינסקי קערט זיך אָפּ אום קלוימערשט ציפּען ניט צו זען).

וואָס ברענגט איר גוטס?

ציפּע.

איך בין נאָר וואָס געווען אויפן פּאָטשט...

רעב כײַקל.

האָט מען אײַך עפּעס געגעבן אַ בריוו פאַר מיר?

ציפּע.

ניין, אָבער די פּאָטשט, פאַרשטייט איר מיך, איז אַרויסגעפאָרן פון שטאָט...

רעב כײַקל.

נישקאָשע פון אַ נײַס, כ׳לעבן. די פּאָטשט גייט אַרויס דרײַ מאָל אַלע וואָך...

ציפּע.

איר זײַט גערעכט, נאָר איך האָב געמיינט, אַז איר ווייסט עפּעס ניט, אַ אײַער טאָכטער איז אוועקגעפאָרן.

רעב כײַקל.

מײַן טאָכטער?

לובלינסקי.

אַ, וואָס איז דאָס?

רעב צעמאַך.

ראַכמאָנאָ יאַטיליינו!!

ציפּע.

און לעבן איר איז געזעסן אַן אָפיצער.

פּ אָ ר ה א נ ג.

דריטער אקט

ערשטע סצענע

(דר. לובלינסקיס עמפּאנג־צימער. מאָרגנס)

דינעצקי.

זאָגט מען אינ שטאָט נאָכ אלץ, אז זי איז אנטלאָפֿנ געוואָרנ מיט אנ אָפיצער?

כאיעטשקע.

נאָכ אלץ? זיי הייבנ ערשט אָנ, אונ דאָס זאָגנ אלע, כוץ רעב כײַקלס גוטע פרײַנט, וואָס זיי זײַנען אינגאנצנ צוויי פּארשיינ—רעב פײַטל דער סארסער אונ רעב כײַקל אליינ.

דינעצקי.

איר רעדט, ווי א כאכאָמע, ווי איר זעט מיכ א לעבעדיקנ!

כאיעטשקע.

אונ די גאנצע טומאטאָכע האָט איר אָנגעמאכט, גרויסער נאר! וואָט זײַט איר אויסגעפאלנ צו זאָגנ, אז דער דאָקטער איז אוועקגעפאָרנ טאָג א שידעכ? אז מע האָט שוינ יאָ א צונג, דארפ מענ דאָס ראק באלעבאָצענ?

דינעצקי.

איר זײַט גערעכט, כאיעטשקע, אָבער, ווי איר זעט מיכ א לעבעדיקנ, איכ האָב גאָר אנדערש אליינ ניט גערעכנט; שטעלט זיכ נאָר פאָר! מיט אמאָל ווערט בא אים א פלאנ אוועקצופאָרנ אפ דרײַ וואָכנ פונדערהיימ, פארנ אוועק־פאָרנ הויבט ער זיכ אָנ אורומצופירנ מיט די זופיצע... איכ מיינ מיט דעמ שאדכנ צעמאכ, וואָס שטעקט אינ איר... דערצו הויבט ער זיכ אָנ פונ מיר צו באהאלטנ אונ זיכ פאר מיר צו היטנ. וואָס־זשע האָב איכ געקאָנט אנדערש רעכענענ...

כאיעטשקע.

רעכענענ! מיר אָבער האָט איר ניט געזאָגט, אז איר רעכנט. מיר האָט איר געזאָגט, אז איר ווייסט אפ קלאָר. וועג איכ זאָל הײַנטיקנ טאָג וויסנ, אז איר רעדט ניט פונ סידער, נאָר פונ שלאָפ, וואָלט איכ ניט כאפנ גיינ איבערײַדנ אײַער נארישקײַט.

דינעצקי.

איר זײַט גערעכט, כאַיעטשקע, אָבער, ווי איר זעט מיך א לעבעדיקן, איך האָב קיין בײַז ניט געמיינט. זאָגט מיר, ווו האלט איצט? איז דאָס עמעס, וואָס איך האָב געהערט, אז רעב כײַקל האָט אפּן שטעטל ארויסגעשיקט א שטאַפּעט [1] און אז מען האָט עמיליען אומגעקערט, ווען זי איז שוין געווען אפּן מיטן וועג קיין גראָדנא?

כאַיעטשקע.

דאָס איז עמעס, און ווען רעב כײַקל האָט איר געזאָגט, אז אין שטאָט איז ארויס א קלאַנג, אז זי איז אנטלאָפּן געוואָרן מיט אן אָפיצער, האָט זי פונדאָסניי געכאַלעשט.

דינעצקי.

וואָס איך הער! נו, און וואָס איז איצט?

כאַיעטשקע.

וואָס זאָל איצט זײַן? עמיליע הערט נעבעך ביט אוף צו וויינען, וואָרעם, זי איז אין אײַער דאָקטער פארליבט ביזן האלדז, אָבער איר שאנדע איז אזוי גרויס, אז זי איז שוין אפּ אלץ מערוצע.

דינעצקי.

א ביטערער ראכמאָנעס. ווי איר זעט מיך א לעבעדיקן! צי ער איז יאָ אוועקגעפאָרן טאָג א שידעך, צי ניט — דאָס ווייס איך ניט, נאָר, ווי עס שײַנט, וואָלט לובלינסקי איצט פון איר זיך וועלן אָפּשאָקלען, אניט, וואָלט ער ניט צולאָזן, אז זי זאָל כאסענע האָבן מיט אזא מענוול.

כאַיעטשקע.

ווייס אים דער גוטער יאָר. דערווײַל איז ער ניטאָ, און מירעלע האָט הײַנט פארנאכט כאסענע מיטן מירער אילוי.

דינעצקי.

הײַנט פארנאכט? דאָס איז מעשוגענערווײַז גיך, ווי איר זעט מיך א לעבעדיקן!

כאַיעטשקע.

גיך? א ברעקל ניט. רעב כײַקל האָט מוירע אָפּצולייגן די כאסענע אפילע אפּ הײַנט פארנאכט אום די קאָשערע בעהיימעלע, דער אילוי, זאָל ניט קריגן צו וויסן, וואָס מען רעדט אין שטאָט אפּ די קאַלע.

דינעצקי.

ווו איז ער, אייגנטלעך?

כאַיעטשקע

איך האָב געהערט, אז ער איז בא רעב צעמאכן און אז ער לאָזט צו אים קיינעם ניט צו...

דינעצקי.

די כאסענע וועט מיסטאָמע זייער א פאראדנע ניט זײַן...

---

1 א שאָליעך.

כאיעטשקע.

ווי פאראדנע? רעב כײַקל האָט אפילע זײַנע אייגענע קרוויוּים ניט גע־בעטנ. די כופּע וועט פאָרגעשטעלט ווערנ אויסנ שטאָט, ניט ווײַט פונ די דויטע קרעטשמע. אינגאנצנ וועלנ דאָרטנ זײַנ א מיניענ פּרושים [1], כאָסנ-קאַלע, רעב כײַקל, רעב צעמאכ אונ רעב פײַטל דער סארסער.

דינעצקי.

נו, דערופ וואָלט איכ זיכ ניט געריכט, ווי איר זעט מיכ א לעבעדיקנ!

כאיעטשקע.

הערט, דיניעצקי, געוווּנט זיכ אָפּ פונ אײַער „ווי איר זעט מיכ א לע־בעדיקנ". איר ווייסט, אָסעו, ווי מיעס דאָס איז.

דינעצקי.

אויב אײַכ געפעלט דאָס ניט, וועל איכ דאָס מער ניט זאָגנ.

כאיעטשקע.

זאָגט איר מיר דאָס צו?

דינעצקי.

מיטנ גאנצנ הארצנ, כאיעטשקע, ווי איר זעט מיר א לעב...

כאיעטשקע.

כא, כא, כא! איר זײַט א מאָדנער באָכער, דינעצקי. איר קענט אָנ דעם ניט ארויסריידנ קיינ דרײַ ווערטער.

דינעצקי.

איר זײַט א ווויל מיידל, ווי איר זעט...

כאיעטשקע.

טירעפ! [2] שוינ ווידער?

דינעצקי.

ניינ, ניינ! מער זאָג איכ דאָס ניט. עס וועט מיר קאָסטנ געזונט אפנ פוד, אָבער איכ וועל זענ זיכ דערפונ אָפּצוגעוויינענ, ווײַל אײַכ איז...

כאיעטשקע.

וואָס עפּעס ווײַל מיר? פונ מײַנטוועגנ מעגט איר גיינ מיטנ קאָפּ אראָפּ אונ מיט די פיס ארופ. וואָט מיר ארט פאר אײַכ!

דינעצקי.

אײַכ ארט יאָ פאר מיר, אניט וואָלט איר מיר קיינ מוסער ניט זאָגנ מיט אזויפיל הארצ. ווייסט איר נאָכ וואָס?

כאיעטשקע.

דעהײַבע?

דינעצקי.

איר האָט מיכ האָלט...

---

1 בעסמעדרעש־לערנער, וואָס האָבנ פארלאָזט זייערע פאמיליעס.

2 מעשוגענער.

כ א י ע ט ש ק ע.

איך אײַך האָלט! כא, כא, כא! זאָגט מיר, איך בעט אײַך, פאר וואָסערע מײַסים-טויווים[1]?

ד י נ ע צ ק י.

פאר וואָסערע מײַסים-טויווים ליב איך אײַך?

כ א י ע ט ש ק ע.

זאָלט איר אזוי האָבן אײַער נארישן סייכל, ווי דאָס איז עמעס.

ד י נ ע צ ק י.

ווי איר זעט מיך...

כ א י ע ט ש ק ע.

אויב איר זאָגט דאָס נאָך איין איינציקן מאָל, גיי איך אוועק...

ד י נ י ע צ ק י.

ניין, ניין, מײַן לעבן! אָבער גלויבט מיר, אז פון דעם טאָג אָן, ווי מיר האָבן זיך צעקריגט, האָב איך ניט אופגעהערט ארומ אײַך צו טראכטן.

כ א י ע ט ש ק ע.

אויב דאָס איז עמעס, זײַט איר נאָך א גרעסערער נאר, ווי איך האָב אײַך געהאלטן. וואָס זעט איר אין מיר?

ד י נ ע צ ק י.

און וואָס זעט איר אין מיר?

כ א י ע ט ש ק ע.

כוץ א לויזן מויל, גאָר ניט.

ד י נ ע צ ק י.

און פונדעסטוועגן האָט איר מיך ליב.

כ א י ע ט ש ק ע,

דאָס האָט איר זיך אזוי אײַנגערעדט. מען זאָגט, אן אײַנבילדונג איז ערגער, ווי א קרענק.

ד י נ ע צ ק י.

אײַנגערעדט? אָטער א האָר! הערט כאיעטשקע, וואָס איך וועל אײַך זאָגן: פרובירט נאָר גיין אהיימ און ארומ מיר ניט טראכטן צוויי שאָ אפן זייגער, אויב איר וועט קומען צוריק און מיר זאָגן, אז איך בין אײַך די גאנצע צוויי שאָ אפן זינען ניט ארופ, לאָז איך זיך פאטשן ביז מײַנע באקן וועלן אײַנ-פאלן. צופרידן?

כ א י ע ט ש ק ע.

(פאר זיך) איך הייב אימ אין עמעסן אָן צו ליבן (לויט) גוט, איך וועל גיין מאכן די פראָבע. (זי וויל גיין)

ד י נ ע צ ק י.

(איר אָננעמענדיק פאר ביידע הענט)

---

[1] אין דער „פרײַהײַט”-אויסגאבע קומען נאָך צו די ווערטער „ליב איך אײַך”.

ווארט, אייד'ער איר גייט אוועק. לאָזט מיר איבער א קוש. טאָמער געפינט איר אויס, אז איר האָט מיך פּײַנט, קריגט איר אים צוריק.

כאיעטשקע.

איר זײַט מעשוגע, אפ נעמאָנעס. לאָזט מיך אוועק.

דינעצקי.

איך וועל אײַך ניט לאָזנ, כאיעטשקע. איך האָב אײַך ליב, ווי זיך אליינ, אונ אזוי גיכ, ווי איך וועל פעלדשער, ווערט איר מיינ שיינינקע, קליינינקע, קלוגינקע ווײַבעלע, אונ דערפאַר קומט מיר שוינ...

(ער כאַפּט זי ארײַנ אינ די אָרעמס אונ קושט זי. דערווײַלע קומט ארײַנ רעב צעמאכ אונ בלײַבט שטיינ פארוווּנדערט אינ טיר).

רעב צעמאכ.

(נאָכ א קורצע פּויזע)

א העפקער-וועלט, יידיטע קינדער... אינ מיטנ טאָג... לעייניי האטעמעט[1] טייענ אונ קוטנ דיכ, פאר דער כאטענע, פארנ טנאָים, פארנ טאדכנ...

כאיעטשקע.

דער טאדכנ... דער טאדכנ! דאָס רופעט[2] אײַכ מער, ווי טנאָים, כאסענע אונ אלצ אינ דער וועלט...

רעב צעמאכ.

טווײַג, כטופּע! האָב בוטע פאר אנ עלטערנ, מופקערעט![3] קוטנ דיכ אפ דעם אויפנ! הײַנט ווונדערט מענ דיכ, אד קליינע קינדער טארבנ, ראכמאָנא ליטלאנ...[4]

דינעצקי.

הערט, זופיצע, זײַט ניט קײַנ צוואק! אײַכ פארדריסט ניט, וואָס קליינע קינדער שטארבנ, נאָר וואָס גרויסע שאדכאָנים מעגנ ניט האָבנ פונוואנעמ צו לעבנ. אויב...

רעב צעמאכ.

ווי די, אדוי ער... פאר מיר דאָלטו ניט דײַגענענ, יונגאט. איך וועל מיר-טעטעמ לעבנ אָנ דיר אויכ, אונ טאקע פונ טאדכאָנעט. מיכ דארפנ גרעטערע מענטנ, ווי דו... טו מיר טעמענ דיכ ניט קומענ דאָקטוירימ וועגנ אנ איניענ אונ ווער ביטטו? דו קענט'ט דאָכ נאָכ אפילע קיינ דענעפּט[5] ניט טוטעלנ...

דינעצקי.

(צו כאיעטשקענ) איר הערט, כאיעטשקע? מײַנ כשאד איז פאָרט ניט געוועזנ אומזיסט, ווי איר זעט... ווי איר זעט פונ זײַנע רייד.

כאיעטשקע.

רעב צעמאכ! וואָס זאָגט איר? דאָקטוירימ קענענ אָנ אײַכ ניט אויס-קומענ?

---

1 לעייניי האשעמעש—אינ מיטנ העלנ טאָג.

2 קאָרטעט אײַכ.

3 אויסגעלאסענע.

4 גאָט זאָל אונדז אָפּהיטנ.

5 זענעפּט—גאָרטשיצע.

ר ע ב צ ע מ א כ.

יאָ, דאָט דאָג איך...

כ א י ע ט ש ק ע.

און דאָס איז עמעס?

ר ע ב צ ע מ א כ.

ווי הײַנט איד מיטוואָך אפ דער גאנטער וועלט! און פון די דאָקטוירים דעט מען גאָרניט אדעלכע מופקערײַ, ווי פון יונגע פעלטערלעך—דאָט מעג איך אײַך אויך דאָגן.

כ א י ע ט ש ק ע.

אויב אזוי, מעגט איר מיט אײַערע דאָקטוירים צוזאמען אײַנעמען... איך וויל אזוי ווײַט ניטריידן. קומט אהער, דינעצקי! זעט איר? איך בין פריִער אפ אײַך געווען אין קאעס... שטארק אינקאעס פארן כאפן זיך קושן. אָבער אפ זײַנע צופלאצענעס, קומט, לאָמיר זיך טאקע קושן און לאָז אים, די אלטע פיאווקעלע, [די] אויגן פון קאָפּ ארויסקריכן...

(זי גיט דינעצקין א קוש)

און מיר וועלן טאקע באַסענע האָבן אָן אים. מיר זײַנען ניט קיין דאָקטוירים, מיר דארפן אים ניט... (צו רעב צעמאכן) זאָלט איר אײַער גאנצן לעבן דארפן דאָקטוירים און זיי אײַך!

ד י נ ע צ ק י.

אָמיין!

ר ע ב צ ע מ א כ.

וואָט איד דאָ מיט דיי טוריידן? ווו קען דער דאָקטער דײַן? איך וואָלט וועלן, אד די מײַטע דאָל טוין נעמען א טאָפ! ער איד אוועקגאנגען פון דער־היים... האָב געמיינט, עפטער איד ער דאָ? איך מוד גיין...

כ א י ע ט ש ק ע.

וואָס בורבעלט ער דאָרטן אונטערן נאָז? גייט איר שוין? פארגעסט ניט צו קושן די מעזוזע. דערפון וועלן קינדער ניט שטארבן.

ר ע ב צ ע מ א כ.

כטופע—מארטאאט [1] (ער גייט אוועק).

ד י נ ע צ ק י.

אזא אלטער גאנעוו, אזא אלטער בלוט־זויגער איז אויך א גאָטס־סטראפשע.[2]

כ א י ע ט ש ק ע.

נו, דארף מען לעבן אפ דער וועלט?

ד י נ ע צ ק י.

יאָ, מײַן קרוין, אָבער מע דארף ניט גלויבן אין דאָקטוירים.

(זיי נעמען זיך ארום).

---

1 כצופע—מארשאאס, הולטײַקע—שלעכטע פרוי.

2 גאָטס מאשגיִעך, אופזעער.

צווייטע סצענע

(א גאס אויסן שטאָט. פֿיר אזייגער נאָך האלבן טאָג. ווען דער פאָרהאנג הייבט זיך אוף, זעט מען עמיליען פארשלייערט ווי א קאלע, גייענדיק מיט איר פאָטער—אין יאָנטעווודיקע קליידער—און מיט איין אונטערפֿירערקע. אפֿן מיטן סצענע בלײַבן זיי אלע שטיין).

רעב כײַקל.

מירעלע מײַן קינד, זע, איך בעט דיר, וויין ניט, מײַן קינד!

עמיליע.

איך וויין ניט, פאָטער, איך האָב שוין קיין טרערן ניט מער... פאָטער!

רעב כײַקל.

(צו די אונטערפֿירערקע)

זײַט אזוי גוט, גייט אויסעלע פאָרויס, מיר וועלן גלײַך נאָכקומען. מירעלע וויל מיר עפּעס זאָגן...

(די אונטערפֿירערקע גייט.)

וואָס זאָגסטו, מײַן קינד?

עמיליע.

דו קענסט גאָרניט פארשטיין, ווי ליב איך האָב אים געהאַט.

רעב כײַקל.

ער האָט דיר צוגעטרונקען—דאָס איז קלאָר.

עמיליע.

ווייסטו מיט וואָס, פאָטער? הער, איך וועל דיר זאָגן... דו ווייסט, אז איך בין פאר צוויי יאָר געפערלעך קראנק געווען? ער איז געווען נאָר וואָס גע־קומען פון פעטערבורג... ער האָט זײַנע גאנצע קויכעס פאר מיך אוועקגעלייגט ביז ער האָט מיך אויסגעהיילט...

רעב כײַקל.

מיט גאָטס הילף, מײַן טאָכטער, מיט גאָטס הילף!

עמיליע.

זאָל זײַן אזוי. הער מיך אויס. ער האָט מיך באהאנדלט ניט ווי א דאָק־טער א קראנקע, זאָנדערן ווי א גוטע מאמע א קינד. ער האָט צוליב מיר טעג ביי געזעסן און נעכט ניט געשלאָפן... ביז איך בין איינגאנצן געזונט געוואָרן. דו קענסט אזויפֿיל ניט וויסן, וואָרעם דו ביסט דעמאָלט אינדערהיים ניט גע־ווען. פרעג... (עס פארדריקט איר די האלדז און זי קען ניט ענדיקן ריידן).

רעב כײַקל.

מײַן קינד, הער אוף, הער אוף... וואָס געווען איז געווען... (פאר זיך) מיר דאכט זיך, זי האָט אים איצט נאָך העלמער ווי געהאַט.

עמיליע.

(זיך עטוואָס ערהוילנדיק [1])

לאָז מיך אויסריידן, עפשער וועט מיר ווערן לײַכטער אפֿן הארצן. ... ווען איך בין געזונט געוואָרן, איז ער עטלעכע מאָל געקומען אונדז באזוכן. איינ־

---

[1] ערהוילנדיק—קומענדיק צו זיך.

מאָל האָבן מיר זיך ביידע פאַנאַנדערגערעדט. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אָן אַ פאָטער און אַז זײַן מוטער האָט גענומען אַ צווייטן מאַן, ווען ער איז געווען אין דריטן קלאַס גימנאַזיע, און אַז ער איז דורך דעם פון איר אַביסל אָפּגעפרעמדט געוואָרן. ער האָט געהאַט פון זײַן פאָטער אַ ירושה עטלעכע טויזנט רובל...

רעב כײַקל.

ווו האָט ער דאָס אַהינגעטאָן?

עמיליע.

הער מיך אויס פאָטער...

רעב כײַקל.

רייד, רייד, מיין קינד.

עמיליע.

די ירושה האָט ער צוריקבאַקומען, ווען ער איז געוואָרן אַ מענטש—דאָס הייסט, ווען ער איז אַרײַן אין אוניווערסיטעט. איצט איז ער ניט זייער רײַך. אָבער ער האָט געלט און איך גלויב, אַז ער צעטיילט זייער פיל אינדערשטיל... נאָר אַרום דעם איז איצט ניטאָ וואָס צו ריידן... איך האָב דיר געוואָלט דערציילן אַן אַנדער זאַך. אײנמאָל, ריידנדיק מיט מיר, האָט ער צו מיר געזאָגט: „איר האָט גוטע פייִקייטן—אײַך וואָלט מען דאַרפן אויסבילדן. אויב איר ווילט, וועל איך אײַך געבן שטונדן". פון יענעם טאָג אָן האָב איך בישטיקע[1] פון דיר בא אים געלערנט...

רעב כײַקל.

און דאָס האָט דיר, מיין טאָכטער, טאַקע אוועקגעקוילעט...

עמיליע.

עפּשער אויך... פונדעסטוועגן האָט ער זיך צו מיר די גאַנצע צוויי יאָר ניט דאָס מינדעסטע דערלויבט. מיר פלעגן זיך באַם קומען און באַם אוועקגיין געבן די האַנט און כוץ דעם האָט ער זיך קיינמאָל ניט אָסמילעוועט[2] מיר אפילע אַן איבעריק וואָרט צו זאָגן. איך האָב אַליין ניט געוווּסט, וואָס מיט מיר טוט זיך, נאָר איך האָב אַלץ געטאָן, וואָס איך האָב געמיינט, אַז ער קען דערפון האָבן האַנאָע, און אַזוי ווי איך האָב געוווּסט, אַז ער וויל מיך אויסבילדן, האָב איך געלערנט מיט אַזאַ האַסמאָדע,[3] אַז ער פלעגט זיך זייער אָפט אַליין וווּנדערן, ווי אַזוי אַ מיידל קען דאָס... פון ליבע...

רעב כײַקל.

לאָמיר ריידן פון אַן אַנדער זאַך.

עמיליע

(ניט הערנדיק די אונטערברעכונג[4]).

פון ליבע האָט ער מיט מיר קיינמאָל ניט גערעדט, און ביז דעם טאָג, ווען דו האָסט מיט מיר גענומען ריידן וועגן דעם שידעך... האָב איך אַליין ניט

---

1 געהיים.

2 אין דער „פרײַהײַט"-אויסגאַבע—ניט דערוועגט.

3 פלײַס.

4 דאָס איבערשלאָגן די רייד.

געוווּסט, ווי הייס איך האָב אים געליבט... דאַן... דאַן האָבן מיר זיך דערקלערט און ער האָט מיר דער ערשטער געזאָגט, אַז ער ליבט...

ר ע ב כ ײַ ק ל

נו, זעסטו דאָך, מײַן קינד, ווי גערעכט איך בין. איך האָב דאָס גלײַך געזען... ער איז, ווי אַלע פּוסטע פּראַנטלעך, אין האַרצן פאַלש. וועהאָראַיע,[1] אַזוי גיך, ווי ער האָט געזען, אַז עס האַלט באַם ווערן אַן איניען, האָט ער געמאַכט אַ וואַיוואַך...[2] און ער איז אַנטלאָפן געוואָרן טאַקע ניט מער, ווי פון דיר, וואָרעם איך ווייס אָפּ קלאָר, אַז נאַטשאַלסטווע וועט אים מער ניט טרעוואָזשען[3]... ער האָט עפּעס נויסעכיין געווען בײַ אַ גרויסן טשינאָווניק...[4]

ע מ י ל י ע.

(מיט אַ זיפץ).

בײַ וועמען איז ער ניט נויסעכיין!..

ר ע ב כ ײַ ק ל.

בעקיצער, ער איז אַנטלאָפן פון דיר אַזוי גיך, ווי ער האָט געזען, אַז פון יאַ צעבע קאָכאַם,[5] מיטן שאָלעם-אַלייכעם געבן אַלע טאָג, מיט די גלאַטינקע ריידעלעך מוז ווערן אַ טנאָים. דערפון, מײַן טאָכטער, קענסטו זען, ווי מען קען אָפּ די כעווורעלײַט בויען...

ע מ י ל י ע.

פאַלש איז ער. אַרום דעם איז בײַ מיר שוין קיין טאָפּעק ביטאָ! ווען ניט דאָס, וואָלט איך געוויס בעסער געגאַנגען מיט אַ טאָרבע איבער דער וועלט — וואָרעם מער, ווי אַרויסטרײַבן פון שטוב, קענסטו מיר דאָך ניט — איידער כאַסענע האָבן מיט אַ יעשיווע-באָכער...

ר ע ב כ ײַ ק ל.

אַ יעשיווע-באָכער, אַ יעשיווע-באָכער! מײַן קינד, דו האָסט אַ טאָעס אין דײַן כאָסן. דו מאַכסט זיך אַליין אָן אַ מוירע אומזיסט און אומנישט. דו ביסט ווי אַ קינד, וואָס דערשרעקט זיך פאַרן שאָטן, וואָס זײַן אייגענער גוף מאַכט אָפּן וואַנט. די מײַסע איז גאָרניט אַזוי מוירעדיק, ווי דיר דוכט זיך, וואָרעם נאָך אַלע מײַסעס, איז ווי מע וויל, אַזוי רעדט מען. הײַנטיקע אילוּים זײַנען אויך ניט דאָס, וואָס געווען. עס זײַנען דאָ ראַבאָנים גרויסע מאַסקילים אויך, וואָרעם אונדזערע כאַכאָמים אַליין הייסן אַלץ וויסן פון ווערדאַ מאַ שעטאָשיוו ווענג, דאָס הייסט ביכדיי, אַז מע זאָל וויסן, וואָס צו ענטפערן דעם אַפּיקוירעס. דער כאָסן דײַנער האָט אַ גאָוינישע קאָפּ אָפּ זיך, און אַז דו זאָלסט צו אים שטאַרק צושטיין, קען ער דערגיין מער האַסקאָלע, אַרײַנקוקנדיק אין ספאָרים כיצוינים[6] נאָר איין מאָל אין וואָך, ווען עס איז אין ביינאַשמאָשעס, ווי אַ דאָקטערל, וואָס גייט אויס אַלע גימנאַזיעס מיט אַלע קאַדעמיעס. מאַכ פון

---

1 אַ סימען האָסטו.

2 געמיינט: אַנטלאָפן געוואָרן.

3 באַומרויִקן.

4 געפונען כיין, אויסגעטומעג.

5 כ׳האָב דיך ליב.

6 וועלטלעכע ביכער.

אים, וואָס דו ווילסט, גאָר זע, אז ער זאָל כאָלילע ניט אראָפּ פו גראד וועג... איז ניט רעב עליאָהו ווילנער, זיכרוינ צאדיק ליווראָכאָ, געווענ א מאסקל!

עמיליע.

פּאָטער־לעבנ, דאָס אלצ קענ זיינ, אָבער דאָס איז ניט די הויפּטזאכ. מע ליבט ניט דעמ, וואָס דער סייכל איז מעכאיעוו, אז מע דארפ אים ליבנ, מענ ליבט דעמ, וואָס די הארצ ציט צו אים...

רעב כייקל.

(פאר זיכ) ווי קלוג זי רעדט!

עמיליע.

א קינד, וואָס איז אינ אלעמענס אויגנ שווארצ אונ קליינ אונ נאריש, איז בא זיינ מאמענ אינ די אויגנ קלוג אונ גרויס אונ ווייס. ווארומ? ווייל זי ליבט אימ אונ ליבע איז בלינד, ליבע איז פּארטייִש, דאָס, געדענק איכ, האָסטו מיר אמאָל געזאָגט, שטייט אפילע אינ דער געמאָרע...

רעב כייקל.

דו מיינסט האָוואָ מעקאלקעלעס עס האשוראָ[1]! (פאר זיכ) ווי זי גע־דענקט אלצ!

עמיליע.

יאָ, יאָ! אונ מיינסטו, איכ ווייס ניט, אז לובלינסקי האָט עפּשער אויכ פּעלערנ? איכ גלויב דאָס אפילע ניט, אָבער דערווייל זע איכ גאָר פונ אימ איינ שלעכטע זאכ: — ער איז פאלש. ער וועט, מיסטאָמע, נאָכ ניט איינ מיידל אומגליקלעכ מאכנ! אָבער אזוי...

(זי פארדעקט דאָס געזיכט).

רעב כייקל.

(פאר זיכ) מיינ הארצ איז ניט פונ שטיינ: איכ קענ דעמ ראכמאָנעס ניט צוזענ. הער אויס, מיינ קינד, וואָס איכ וועל דיר זאָגנ, האלעוויי וואָלט ער צו דיר ניט פאלש געווענ, וואָלט...

עמיליע.

עפּשער איז עס גאָרניט, ווי מיר מיינענ, פּאָטער... פּאָטער... עפּשער איז ער מיר פּאָרט געטריי...

רעב כייקל.

עפּשער? וואָס איז דאָ פאר אנ עפּשער? די מייסע איז קלאָר, ווי גאָלד... אָבער איכ זאָג דיר, מיינ קינד, אפ מיינע יידישקייט, אז מיר וואָלטנ ניט גע-זענ מיט אונדזערע אויגנ, אז ער איז צו דיר פאלש, וואָלט איכ שוינ אפ קיינ זאכ ניט געקוקט אונ וואָלט אליינ מאטקימ געווענ אפ א שידעכ... האגאמ דאָס וואָלט געווענ אנ אייביקער פלעק אפ אונדזער גאנצער מישפּאָכע... דו פאר-שטייסט, מיינ קינד, אז איכ בינ פונדעסטוועגנ פּאָרט א טאטע, אונ איכ מיינ דיר געוויס צומ בעסטנ...

---

1 געמיינט, די ליבע פארבלענדט.

עמיליע.

(זיך ווישנדיק די אויגן).

דאָס דאַרפסטו מיר ניט זאָגן, פאָטער... דאָס ווייס איך גאַנץ גוט.

רעב כײַקל.

און טאַקע, ווי איך האָב דיר גאָר וואָס געזאָגט, אַז ער וואָלט גאָר ניט געוועזן קיין פאַלשע מאַטבייע, וואָס האָט גאָר קיינמאָל ניט געהאַט בעדייע מיט דיר כאַטעבע האָבן... ווען ניט דאָס, וואָלט איך געזאָגט: וואָס איז באַשערט פון האַשעם יִסבאָרעך[1] דאָס זאָל זײַן... נאָר וואָס איז דאָ צו ריידן? פון נאַכט טאָג קען א מענטש גיט מאַכן, און וואָס איז פאַלש, איז פאַלש...

עמיליע.

דאָס זע איך איצטער אַליין... אָ, ווי פאַרנאַרט איך בין אין אים געווען! אָ, ווי פאַרנאַרט, ווי פאַרנאַרט!

(זי וויינט ביטערלעך).

רעב כײַקל.

הער אויף, מײַן קינד, הער אויף! (פאַר זיך) מיר איז שוין דער גאַנצער שידעך אַל אפּי וועאַל כאַמאָסי...[2] וויין ניט, מײַן קינד, וויין ניט. דיר וועט מיר־צעשעם נאָך זײַן וויל, ווי די וועלט... (זייער גערירט) דו וועסט נאָך א מאָל מיטן אויבערשטנס הילף...

אונטערפירערקע.

ביזיוינעס, כ׳לעבן! איז דען איצט א צײַט צום ריידן? דער כאָסן שטייט שוין א האַלבע שאָ אונטערן כופּע, און איר שטייט דאָ און רעדט און... ביזיוינעס, ווי איך בין א יִידישע טאָכטער, כאַלאָשעס פאַר מענטשן!

רעב כײַקל.

איר זײַט גערעכט, איר זײַט גערעכט. מיר גייען, קום, מײַן קינד, קום!

עמיליע.

פאָטער, וועט דאָס לאַנג געדויערן?

רעב כײַקל.

וואָס, מײַן קינד?

עמיליע.

די כופּע.

רעב כײַקל.

ניין, מײַן טאָכטער, מיר וועלן דאָס מאַכן אַף גיך... אָבער זײַ א מענטש, מײַן קינד... דו הייבסט איצט אָן צו לעבן...

עמיליע.

צו לעבן?.. קום לאָמיר גיין.

אונטערפירערקע.

קומט, קומט!.. עס איז נאָך א שטיק וועג...

(גייען אוועק).

---

1 גאָט.

2 שטאַרק דערווידער, קעגן מײַן ווילן.

ד ר י ט ע   ס צ ע נ ע

א כופע אונטערנ פרײַענ הימל. זי איז אינ לינקנ ווינקל פונ דעמ הינטערגרונט פונ דער בינע. פיר יונגע קינדער האלטנ די שטענגלעכ. לובלינסקי שטײט מיטנ גע־זיכט צו רעכ צעמאכנ אונ מיטנ רוקנ צומ פובליקומ, ער איז אָנגעטאָנ אינ א לאנגנ זײַדענעמ מאנטל מיט א גארטל ארומ.

ניט ווײַט פונ דער כופע זעט מענ פרושימ ארומגײענדיק אונ רײדנדיק. פונוווײַטנ הײבט זיכ אָנ צו הערנ מוזיק, ווי צומ ברענגענ די קאלע. די מוזיק שפילט די גאנצע צײַט אונ ווערט אלצ לויטער אונ לויטער ביז רעב כײַקל, עמיליע אונ די אונטערפי־רערקע דערשײַנענ אפ דער בינע. דרויסנ הײבט שוינ אָנ טונקל צו ווערנ.—בא רעב צעמאכנ אינ די לינקע האנט זעט מענ פונ ווײַטנ די קסובע.[1]

(דינעצקי מיט כאיעטשקענ קומענ).

ד י נ ע צ ק י.

כאיעטשקע, בא אונדז זאָל זײַנ א היימלעכערע כאסענע...

כ א י ע ט ש ק ע.

פיל אומעטיקער קענ שוינ ניט זײַנ... איכ האָב געזענ היימלעכערע לעווײַעס...

ד י נ ע צ ק י.

א ווונדער פונדעסטוועגנ, ווי אזוי א געבילדעטע מיידל, ווי עמיליע, פויעלט בא זיכ צו נעמענ אזא מינ מענוול פאר א מאנ...

כ א י ע ט ש ק ע.

וואָס זאָל זי געבעכ טאָנ? דער דאָקטער דײַנער איז ניטאָ אינדערהיימ. זי, ווידער, קענ אינ שטאָט די אויגנ ניט ווײַזנ, פאר בושע.

ד י נ ע צ ק י.

דאָס איז אויכ ריכטיק. עס איז דאָ מענטשנ, וואָס שטארבנ פאר ווילטאָג, אונ אנדערע, וואָס האָבנ כאסענע פאר צאָרעס.

כ א י ע ט ש ק ע.

אונ דאָס מאכט איר אלצ אָנ, פײַנע יונגע לײַטלעכ! איכ זאָג אײַכ באַ־צײַטנ, דינעצקי: אויב הײַנטיקע פעלדשערס זײַנענ ניט בעסער, ווי די דאָק־טוירימ, נעמ איכ פאר צאָרעס א קימעכקערער אונ קוש אימ פאר אײַכ אינ די אויגנ, אימ מיט די סאזשע, מיט אלעמענ.

ד י נ ע צ ק י.

זאָרגט ניט, כאיעטשקע, איכ וועל אײַכ זײַנ טרײַ, אונ מיר וועלנ כאסענע האָבנ, אונ מיר וועלנ לעבנ, ווי א פאָר טײַבעלעכ...

כ א י ע ט ש ק ע.

דאָס וועלנ מיר אלצ זענ פארטיקעריהייט...

(זיי גייענ אוועק אָנ א זײַט אונ דערווײַלע קומענ צו געענטער צוויי פרושימ).

ע ר ש ט ע ר   פ אָ ר ו ש.

מאשמאָעס, דער מירער ווייס ניט, אז די קאלע איז געווענ אוועקגעלאָפנ מיט אנ אָפיצער... ווי?

---

1 רעליגיעזער כאסענע־קאָנטראקט.

צווייטער פּאָרוש.

די גאַנצע מײַסע איז אַ ליגן. מע האָט איר געזען אין די זעלביקע ברייטשקע מיט דעם אָפיצער, און ביידע מײַלער האָבן גלײַך געמאַכט אָט דעם שעם-רא[1] אַף איר.

(לובלינסקי לייגט צו די האַנט צום אויער און האָרכט זיך צו).

ערשטער פּאָרוש.

רעדט ניט אַזוי הויך, דער כאָסן קען דערהערן.

צווייטער פּאָרוש.

ער, הערן? מע זאָגט, אַז ער איז אַזוי פאַרטראָגן אין הויכע מאַכשאָוועס, אַז אין מיליי-דעאַלמע[2] איז פּאָשעט שווער זיך מיט אים צונויפרעדן.

ערשטער פּאָרוש.

איז דאָס עמעס, אַז רעב צעמאַך באַקומט צוויי הונדערט קערבלעך שאַד-כאָנעס?

צווייטער פּאָרוש.

מ'זאָגט אַזוי... איך האָב דאָס געהערט הײַנט נאָכן דאַווענען אין בעסמעדרעש.

ערשטער פּאָרוש.

און רעב כײַקל גיט טאַקע דרײַ טויזנט קערבלעך נאַדן?

צווייטער פּאָרוש.

דער פּאַרנעס האָט געגעבן פיר — אַ קלייניקײַט דער מירער אילוי! ווייסט איר, וואָס מע זאָגט? מע האָט די קאַלע גאָר ניט באַוויזן. עס איז עפּעס געווען אַ גרויסער גערודער בײַ רעב כײַקלען און, מאַשמאָעס, וויל מען די כופּע אָפּשטעלן אינגאַנצן.

ערשטער פּאָרוש.

קומט דאָך טאַקע אויס אַף מײַנע רייד. זי האָט טאַקע געמוזט עפּעס וואָס אָפּטאָן, און מע מאַכט אַלץ אין גיך, ביכדיי, אַז דער מירער זאָל פון קיין זאַך ניט וויסן.

צווייטער פּאָרוש.

עפּשער זײַט איר גערעכט. אַ וווּנדער, כ'לעבן, ווי אַזוי דער מירער לאָזט דאָס צו, אַז מע זאָל מאַכן כאַסענע ניט, ווי עס פירט זיך אײַן... אַהאַ! די קאַלע קומט.

(זיי גייען אַוועק אָן אַ זײַט. עס דערשײַנען די קלעזמאָרים מיט די קאַלע, וועלכע איז פאַרשלייערט מיטן דעקטוך. רעב כײַקל מיט די אונטערפירערקע גייען פון ביידע זײַטן).

רעב כײַקל.

(זייער צעטראָגן) די ווײַן! די ווײַן! ווו איז די ווײַן. מעסאַדער קדושן, מאַכט דערפון.

(רעב כײַקל פירט אַרונטער עמיליען אונטערן כופּע — לובלינסקי גיט זיך האַלב אַ קער צו איר, אָבער זי זעט אים ניט).

רעב צעמאַך.

(נאָך דער געוויינלעכער צערעמאָניע).

---

1 שלעכטן נאָמען.
2 וועלטלעכע זאַכן.

כאָטש, איך דער רינג אײַערער?

לובלינסקי.

יאָ!

עמיליע.

(פאר זיך) וואָס איז דאָס פאר א שטימע?

רעב כײַקל.

לייענט די קסובע, רעב צעמאַך.

(רעב צעמאַך הייבט אָן צו לייענען. ווען ער קומט צום כאָסנס נאָמען און זאָגט דעם וואָרט „אווראָהאָם", דערלאַנגט זיך רעב כײַקל א כאַפּ).

רעב כײַקל.

וואָס איז דאָס? רעב צעמאַך, איר האָט א טאָעס געהאַט אין נאָמען. דער כאָסן הייסט דאָך ניט אווראָהאָם — ער הייסט דאָך ייִסראָעל?

(עס ווערט א גערודער. די פּרושים רוקן זיך צו נעענטער. דערווײַלע הויבט עמיליע אוף דעם שלייער און קוקט אָן לובלינסקין פון א זײַט. ער נעמט איר לאַנגזאַם אָן פאַרן האַנט).

עמיליע.

מיר דאַכט זיך... פאָטער, פאָטער, האַלט מיך צו... איך...

רעב כײַקל.

וואָס איז דיר?

לובלינסקי.

שרעקט זיך ניט, איר וועט באַלד גוט ווערן.

(ער גאַרטלט זיך האַסטיק אָפּ און וואַרפט אַראָפּ דעם מאַנטל).

רעב כײַקל.

(ווערנד ער טוט דאָס).

כאָסן! שטייט! גאָט איז מיט אײַך...

לובלינסקי.

איך ווייס, וואָס איך טו, און דער נאָמען אין קסובע איז אויך ריכטיק. דער מירער אילוי הייסט... אווראָהאָם לובלינסקי.

עמיליע.

אָ, מײַן טײַערער, ליבער אַדאָלף!

(זי פאַלט אַרײַן אין זײַנע אָרעמס).

רעב כײַקל.

(צו רעב צעמאַכן) איז דאָס אײַער אילוי! רעב צעמאַך איר האָט... איר האָט מיך...

רעב צעמאַך.

פון דערעך טאָלעם וועגן אביטעלע אָפּגענאַרט. אניט וואָלט אײַער טאָכטער עפּטער כאָלילע געטאָרבן פאר טיוורע לעוו.[1]

כאַיעטשקע.

און ווו איז דער מירער אילוי?

---

1 האַרצ-ווייטעק.

ר ע ב צ ע מ א כ.

אינ דער מיר, כטופע, אינ דער מיר!

ר ע ב כ ײַ ק ל.

נו, מיסטאָמע איז דאָס טאקע אזוי באשערט!

ד י נ ע צ ק י.

אוואדע איז אזוי באשערט. דאָקטער, איכ בלײַב בא אײַכ! דאָס איז גוט, ווי איר זעט מיכ א לעבעדיקנ! קלעזמער, שנעל, פונדאָסנײַ אופגעשפילט — א טענצעלע, כאיעטשקע! א טענצעלע, כאיעטשקע!

(מוזיק, טענצ. ווערנד דעסנ. פאלט דער פאָרהאנג).

לאָנדאָנ, סעפט. 1886.

דער לעצטער נאבאָר

א דראמאטיש צייַטבילד אין דרייַ אקטן מיט אן עפּילאָג.

פאָרוואָרט צום „לעצטנ נאבאָר“.

דער סיוזשעט פונעמ „לעצטנ נאבאָר“ האָט מיר באשעפטיקט מײַנ גאנצנ לעבנ, ווײַל וועגנ דעמ פאקט, אפ וועלכנ די פיעסע איז געבויט, האָב איך געהערט אינ מײַנ פאָטערס הויז, איידער איך האָב נאָך געקענט ארײַנקוקנ אינ א סייפער.

די מײַסטע האָט, פארשטייט זיך, ניט פאסירט גענוי אזוי, ווי זי איז געשילדערט אינ „דעמ לעצטנ נאבאָר“, אָבער פאסירט האָט זי, אונ דער אײַנדרוק אפ מײַנ יונגנ מויעך איז געווענ זייער שטארק.

אינ 1885, א יאָר נאָכדעמ, ווי איך האָב אָנגעהויבנ צו רעדאקטירנ דעמ „פוילישנ יידל“ אינ לאָנדאָנ, האָב איך די דאָזיקע פאסירונג באנוצט פאר א „דראמאטישנ געדיכט“ אינ צוויי קליינע סצענקעלעך, וועלכער האָט געהייסנ: „פאָרט ניט געכאפט“.

צענ יאָר שפעטער, אינ 1895, ווענ איך האָב זיך גענומענ צו דער רעדאקציע פונעמ באָסטאָנער „עמעס“, האָב איך דעמ אינהאלט פונ „פאָרט ניט געכאפט“ ארויסגעגעבנ צו א טוצ יונגע לײַט, אײַנלאדנדיק זיי צו מאכנ דערפונ א סקיצע: די בעסט־געשריבענע זאָל ווערנ געדרוקט. אייניקע מאנוסקריפטנ זײַנענ ארײַנגעקומענ, אָבער זיי האָבנ אלע ניט געטויגט.

דעמזעלביקנ יאָר האָב איך זיך מעיאשעוו געווענ מיט יאקעוו גאָרדינ, מע־קיעך מאכנ דערפונ א דראמע. ער האָט מיר אָפגעראטנ. ער האָט מיר דערקלערט, אז דער סיוזשעט מײַנער האָט העכסטנס געקענט זײַנ אנ אינצידענט אינ א דראמע. איך האָב אימ מוידע געווענ, אז ער איז גערעכט.

א יאָר פופצנ זײַנענ פארגאנגענ. שילדקרויט, מיט א יאָר אָדער צוויי פריער אָנגעקומענ אינ אמעריקע, האָט צוזאמענ מיט מרס. סארא אדלער אָנגעפאנגענ שפילנ אינ דעמ ברוקלינער נאָוועלטי־טעאטער, אונטער דעמ מענעדזשמענט[1] פונ נייטענ מינצ. בא זיי האָט זיך אופגעלייגט א פלאנ צו שטעלנ אינ איינ אָוונט (פונ צײַט צו צײַט) עטלעכע איינאקטערס. מר. מינצ האָט געוווסט וועגנ דעמ „מיזרעך־ווינט“, אונ האָט אימ בא מיר גענומענ אפ געוויסע באדינגונגענ, וועלכע זײַנענ איבעריקנס ניט געהאלטנ געוואָרנ.

---

[1] דירעקציע.

ווען איך האָב דעם „מיזורעכ־ווינט" פאָרגעלייענט פאר זיי דריי: שילדקרויט, מרס. אדלער און מר. מינג, האָבן זיי מיר געמאכט קאָמפלימענטן, שטארק איבערטריבענע, אָבער ערנסטע, און איך האָב אָנגעהויבן צו קלערן: עפשער האָב איך ווירקלעך א האָרעלע דראמאטישן טאלאנט, ווער ווייס?

אין די נעכסטע עטלעכע יאָר האָב איך זיך גענומען איבעראַרבעטן אַן אַלטע קאָמעדיע, וואָס ליגט בא מיר זינט דעם יאָר 1886 אָדער 1887. יאַקעוו גאָרדין, מאָגולעסקאָ, מרס. ליפּצין און אַנדערע האָבן זי געלעזן, מיר ראַטנדיק עס צורעכט צו מאכן, קעדיי עס זאָל טויגן פאר די בינע.

ווען דערפון איז צוליב פיל טעמים גאָרנישט געוואָרן, האָט זיך אין מיר אופגעוועקט דער אַלטער כאָלעם מעקוייעכ דראמאטיזירן דעם אינהאַלט פון „פּאָרטנים געכאפּט".

און ביסלעכווייז איז די פּיעסע אויסגעוואָקסן. „אויסגעוואָקסן" איז דער ריכטיקער וואָרט. צוערשט איז זי געווען אַן איינאַקטער. אַלס אַזעלכער וואָלט זי עפשער געווען ניט שלעכט, אָבער בא מיר האָט זיך דערווייל געיאַוועט אַן אמביציע צו באַשרייבן א ביסעלע דעטאַלירטער און בוילעטער א פּעריאָדע אין דער יידישער געשיכטע, וואָס בלויז די עלטערע שרייבער האָבן דערפון געהאַט עטוואָס פּערזענלעכע דערינערונגען. ווען דער דאָזיקער פּעריאָדע וועל איך רעדן אויספירלעכער אין אַן אַנדער אָרט. דערווייל ווילט זיך נאָר באַמערקן, אַז די עלטערע מענטשן, וואָס קענען געדענקען די 70-ער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט, קלייבן זיך ביסלעכווייז איינער נאָכן אַנדערן אַרויס פון אונדזער וועלט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך האָב קימאַט א פליכט צו דערפילן, אויב, פאַרשטייט זיך, איך האָב דעם נויטיקן טאַלאַנט דערצו.

ווען די פּיעסע איז געווען פאַרטיק אין אַלע דריי אַקטן, האָב איך געפילט, אַז וואָס דער ווערט זאָל ניט זיין פונעם בילד אַלס א צייטבילד, אַלס א שילדערונג פון א געוויסער עפּאָכע אין דעם לעבן פון אונדזער פאָלק, קען די פּיעסע ניט בלייבן געענדיקט ווי זי איז. דער סאָף איז דראמאטיש ניט ריכטיק, און דער אוילעם טאָר ניט אַרויסגיין פונעם טעאַטער, אָדער אוועקלייגן דאָס בוך אונטער דעם איינדרוק, וואָס ער טראָגט אַרויס, דערגייענדיק ביזן סאָף פונעם דריטן אַקט.

פון דער אַנדערער זייט האָט דער היסטאָרישער עמעס פאַרלאַנגט, אַז דאָפּקע אַזוי זאָל זיין דער סאָף פון דער מייסע — אַזוי און ניט אַנדערש.

דאָ איז געווען אַן עמעסע דילעמע. אַזוי שלעכט און אַזוי נאָך ערגער. אין דיזן שלאָגן זיך מיט דער דייע זיינען פאַרגאַנגען 9־10 כאַדאָשים.

איינ טאָג, אַף די בערג, דורכלעזנדיק א ראָמאַן פון דעם גרויסן פראַנצויזישן שריפטשטעלער אַנאַטאָל פראַנס, איז מיר פּלוצלינג איינגעפאַלן, אַז מיין פּראָגע קען געלייזט ווערן, ווען איך זאָל באַנוצן די אידייע פון יענעם ראָמאַנס ענד, האָגאַם מיין פּיעסע האָט אין קיין פּראַט קיין שום שייכעס ניט מיט פראַנס'עס דערציילונג.

איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט, און אין א גאַנץ קורצע צייט איז געווען אופגעשריבן „די מעכיצע", אַן עפּילאָג צום „לעצטן נאַבאָר".

וואָס איז דערמיט אופגעטאָן געוואָרן?

איינפאַכ דאָס, וואָס דער סאָף איז איצט דראַמאַטיש נאַטירלעכ. אופגעטאָן געוואָרן איז דערמיט אויכ אַן אַנדער זאַכ:

דער עפּילאָג איז אַזוי געשריבן, אַז ער קען, אַלס איינאַקטער, געשפּילט ווערן אומאָפּהענגיק פון דעם „לעצטן נאַבאָר". ער איז טאַקע אַזוי געשפּילט געוואָרן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אין איינעם פון די ניו-יאָרקער טעאַטערע.

באַ דיזער געלעגנהייט ווילט זיכ מיר דערציילן עטוואָס, וואָס איז, ערשטנס אַ פּליכט לעגאַבע אַן אַנדערן און, צווייטנס, אַ פאַרגעניגן, האַגאַם דאָס קען עפּשער קלינגען אַלס אַ האָרעלע באַרימערײַ.

דאָס האָט אַ שײַכעס מיט דעם נאָר-וואָס דערמאָנטן אַנאַטאָל פראַנס.

דיזן וועלטבאַרימטן און הײַנטיקן טאָג אָן שום סאָפעק גרעסטן פראַנצויזישן שריפטשטעלער האָב איכ געהאַט אַ געלעגנהייט צו טרעפן דעם 26-טן מײַ 1919 אין זײַן היים אין פראַנקרײַכ, אַ מײַל פינף פון טור, און ערעכ פון 150 מײַל פון פּאַריזש.

געקומען בין איכ צו אים צוליב אַן אופרוף צו דעם פראַנצויזישן פאָלק קעגן די פוילישע פּאָגראָמען, אים בעטנדיק, ער זאָל זײַן דער ערשטער דעם דאָזיקן דאָקומענט צו אונטערשרײַבן, אַזוי ווי ער, דער 76-יאָריקער גרײַז, איז דער עלטסטער, ווי ער איז אויכ דער בעסטער שרײַבער, אין פראַנקרײַכ, יעדנפאַלס פון זײַן צײַט.

דאָ איז ניט דער אָרט זיכ צו פאַרברייטן וועגן מײַן וויזיט באַ אים. איכ האָב געהאַט דאָס גליק צו פאַרווײַלן באַ אים פינף שאָ צײַט און איכ האָב קעדערעכ האַטעווע פיל, פיל צו דערציילן. וואָס איכ בין דאָ אויסן איז אָט וואָס:

אין דעם פאַרלויף פון דער אונטערהאַלטונג האָב איכ אים דערציילט, אַז איכ האָב פון אים געגאַנוועט אַן אידייע: דעם אויסלאָז פון זײַנעם אַ ראָמאַן.

„איכ בין שטאָלץ דאַרויף"—האָט ער מיר מיט עכט-פראַנצויזישער העפלעכקײַט געענטפערט. ער האָט, פאַרשטייט זיכ, דאָס ניט גענומען מײַנער ערנסט.

*
* *

טאָמער ווערט די פּיעסע אַמאָל געשפּילט—און איכ האָף, אַז דאָס וועט געשען אין רוסלאַנד פריער אָדער שפּעטער—וואָלט איכ ניט זײַן דאַקעגען, אַז דער דריטער אַקט זאָל אַ האָרעלע געקירצט ווערן. וועגן דעם אָבער וואָלט איכ וועלן, אַז מע זאָל זיכ מיט מיר דורכריידן אָדער דורכשרײַבן.

דער, וואָס שפּילט סטעפּאַנקען, דאַרף זען ניט צו מאַכן די ראָליע צו ביליק קאָמיש, דורכ דעם לאָשן זײַנעם. סטעפּאַנקעס „האַלב דײַטש, פּאָלאָווינאַ רײַסיש" דאַרף ניט שטערן דעם ערנסט פון דער פּיעסע, ספּעציעל דאָרטן, ווו די שטימונג איז אַ געהויבענע.

פּײַוווקען דאַרף מען אויכ באַהאַנדלען ערנסט.

ער איז אַ 16-יאָריקער באָכער, וואָס האָט זיכ געהאָדעוועט זײַן גאַנצן לעבן אין דאָרף, אַף דער פרײַער לופט. ער איז פּראָסט, אָבער געזונט און פריש—

אינ גופ ווי אינ מויעכ. אז ער ליבט כײַע-סאָרענ, פאלט אימ אפילע אינ כאָלעמ ניט אײַנ. אויכ איז זײַנ ליבע צו איר ניט געשלעכטלעכ. ער פילט בלויז—פילט, זיכ ניט אָפּגעבנדיק וועגנ דעמ קיינ שומ דינ-וועכעזשבנ—אז זי איז דאָס העכסטע, דאָס פײַנסטע, דאָס בעסטע, וואָס ער זעט ארומ זיכ. ער באַווונדערט איר סייכל ניט ווייניקער, ווי איר פיזישע קראפט אָדער איר קוראזש. זײַנ ליבע דריקט זיכ אויס דורכ דעמ, וואָס זײַנ גאנצע נעשאָמע איז פול מיט כײַע-סאָרענ.

פײַוּקע מוז דערפאר געשפּילט ווערנ קעסטיידער פארטראכט, כוץ ווענ ער רעדט מיט איר אליינ, ריכטיקער, ווענ זי רעדט מיט אימ. ער דארפ אינ יעדער אנדערער שטעלונג אויסזענ, ווי אײנער, וואָס איז טויב פאר אנדערע מענטשנס ווערטער, וואָס ענטפערט ניט גערנ אפ פראגנ אונ וואָס מערקט קימאט ניט, ווענ מע אונטערברעכט[1] אימ.

פאָרזיכטיק דארפ אויכ געשפּילט ווערנ די אַלטע 80-יאָריקע באָבע רויזע א פערזאָנ, וואָס זי איז „קאמ־קאמ, וואָס זי לעבט”, וואָס רעדט זייער, זייער לאנגזאמ אונ וואָס ענטפערט אפ יעדע פראגע מיט א „ווער? איכ? הא? יע” אָדער „ניינ”, קענ געמאכט ווערנ פאר א קאָמישע ראָליע, קעדיי צו מאכנ לאכנדיק דעמ אוילעמ. דאָס טאָר בעשומויפנ ניט זײַנ דער פאל, ווײַל זי אונ סטעפאנקענ דארפנ — זי אפ איר אויפנ אונ ער אפ זײַנעמ — ארויסברענגענ דעמ טראגיזמ פונ דער קאנטאָניסטנ-צײַט, וועלכע האָט געשטיקט אונ געדריקט דאָס יידישע פאָלק אונטער ניקאָלײַ דעמ ערשטנ.

די אנדערע פערזאָנענ אינ דער פיעסע זײַנענ, דאכט זיכ, פארשטענדלעכ גענוג פאר יעדנ אינטעליגענטנ שוישפּילער.

(איבערגעדרוקט פונ דער „פאָרווערטס”-אויסגאבע).

---

1 מ׳שלאָגט איבער.

דער לעצטער נאַבאָר

דראַמע אינ דרײַ אַקטנ מיט אַנ עפּילאָג: „די מעכיצע“.

פּערזאָנענ:

מ י כ אָ ל ג ר י צ—
אַ רײַכער יִשווניק, אַנ אַלמענ.

כ ײַ ע־ס אָ ר ע—
זײַנ טאָכטער, אַ יונגע פרוי פונ אַ יאָר 19, אַ נאַטור־קינד, אָבער ניט אומוויסנד, רויט, פריש, פרײַ.

ר אַ כ מ י ע ל—
איר מאַנ, 21 יאָר אַלט, אַ „זײַדענער יונגערמאַנטשיק“, אַ מעיוכעס, אַ וויל־לערנער אונ אַ שטיקעלע מאַסקל.[1]

ב אָ ב ע ר ו י ז ע—
מיכאָלס מוטער, אַנ 80־יאָריקע אַלטיטשקע, קאַמ וואָס זי לעבט, רעדט בעטעווע[2] זייער געלאַסנ.

פ ײַ ו ק ע ד ע מ מ י ל נ ע ר ס—
אַ ייִנגל פונ אַ יאָר 16, אַ מײַדימ,[3] אַ גוטער קאָפּ, נאָר שטענדיק פאַרטראַכט.

ס ט ע פּ אַ נ ק ע—
אַנ אויסגעדינטער ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט, פונ די ערשטע קאַנטאָניסטנ, 45 יאָר אַלט.

וו ע ל פ ק ע ד ע ר ס ב אָ ר ש ט ש י ק—[4]
אַ ייִד פונ אַ יאָר 40, קלוג, גראָב, געשווינד.

ד י כ אַ פ ע ר ס—וועלפקעס באַגלייטער.

אָרט: אַ דאָרפ אינ קאָוונער גובערניע.

צײַט: דער יעסנ פונ 1873, נאָכ יאָנטויווימ.

צווישנ דעמ ערשטנ אַקט אונ דעמ צווייטנ פאַרגייענ דרײַ וואָכנ.

אַרויסצורעדנ דעמ לאָקאַלנ קאָלאָריט דאַרפ מענ אַרויסרעדנ: שינ ווי סאַמעכ, זש... ווי זײַענ, טש ווי צ; אויפ—אַמאָל ווי אופ (שטיי אופ), אַמאָל ווי אַפ (אַפ דער צײַט); אימ ווי עמ, „או“ אימער ווי „אוי“ אינ דײַטש. ניט ווי „אי“ (פּוילישע אויסשפּראַכ).

---

1 אופגעקלערטער.

2 געוויינלעכ.

3 אַ פלינקער, אַ כוואַט.

4 דער אופמאָנער פונ מעלוכע־שטײַערנ אינ ניקאָלײַ דעמ ערשטנס צײַטנ.

ערשטער אקט

(א גרויסער צימער; אין מיכאָלס הויז אין מיטן, אינדערברייט, א דאָפּלטער גאר־דין, אזוי פאנאנדערגעצויגן, אז עס זעט זיך דער גאנצער הינטערגרונט. דאָרטן שטייען נוןביידע זייטן א בעט און א שלאָפבאנק, צווישןביידע א קופערט. פאָרנט איז דאָ לינקס א טיר אין הויף אריין און רעכטס א פענצטער).

ערשטע דערשיינונג

מיכאָל.
סטעפאנ!

סטעפאנקע.
גו־אר!

מיכאָל.
אלץ אריינגענומען? אין בויד גאָרנישט איבערגעבליבן?

סטעפאנקע.
גאָרנישט געלאָזשונ, ווסיאָ זאבראל.[1]

מיכאָל.
דעם סעניק פון געזעס פאָרנט אויך?

סטעפאנקע.
סיעניק זאבראל, ווסיאָ זאבראל.

מיכאָל.
און דעם פערד האָבער?

סטעפאנקע.
גיגיעבון האָבער אי ווסיאָ פּראָטשעע...[2] סראזו[3] אלץ געטאָן! מיר נישט דארף זאָגען: ניעדאראָם[4] פּיפאוטשוואנטשיק יאָר מיקאָלייען גיעדיענט.

מיכאָל.
קאָשער האָט די בעהיימע די פּאָרציע אירע היינט פארדינט, סטעפאנקע! דאָס איז אביסל געווען געשפּרייזט פון שטאָט אהער־צו־צו! פּיס א ביסל געשטעלט!

---

1 אלץ צוגענומען.
2 און דאָס איבעריקע.
3 מיטאמאָל.
4 ניט אומזיסט.

און דער וועג, א ניכפע[1] זאָל עס פארצאפּלען, א הויקער אפ א הויקער און... גאָרנישט! איז זיך געגאנגען מײַן פערדעלע, האָט זיך אפילו א קרים ניט געטאָן, פארדינט זײַן פּאָרציע, קאָשער פארדינט... סטעפאן!

סטעפאנקע.

נו־או!

מיכאָל.

ווו זײַנען די קינדער?

סטעפאנקע.

ראכמיעל מיט בארינײא[2] אין קרעטשמע געבליבן... האָזש מען דאָרטן ראכמילען גיפריעגט ראזליטשנע[3] זאכון. מילנער, קרעטשמאר אליין, אידון, גאָסטי[4] פּאָנימאיעש[5] ראכמילען גיפריגט טאק-לי מאָל זשיך דאָס פריקליוטשאיעט, אלי איבאטשע.[6] ער דאוואי דערציילען, ראזיאסניאיען[7] אלץ קאק סליעדויעט...[8] געליערנטי מענטש ראכמיעל דײַנער...

מיכאָל.

זאָל איך אזוי וויסן פון דײַן קאָפּ, ווי איך ווייס וואָט דו פארטאָלעסט מיר דאָ א מויעך. געפרעגט... געזאָגט?... ווער? וואָס? וועמען?

סטעפאנקע.

א מניע פּאָטשאָם[9] אלץ וויסן? מענטשון גיפריעגט, ער גיענטפערט, איך גיהערט. קום — איך — דערציעל דיר... ווי איך גיקויפט, אזוי פארקויפ איך, א טאם באָך איך וועדאיעט,[10] דאָס אלץ ניט פּאָ מאָיעי טשאסטי...[11] אָט קומט פײַוועקע. פריעג אים.

צווייטע דערשײַנונג

מיכאָל.

קומען די קינדער אהיים, פײַוועקע?

פײַוועקע.

האָבן זיי געלאָזן אין קרעטשמע. ראכמיעל האָט עפּעס פון שטאָט מיטגעבראכט א זאָגער, א מאגיד...

מיכאָל.

א מאגיד? מיטגעבראכט? ניט אפ מײַן ביידל. סײַדן פונהינטן האָט ער זיך אָנגעהאנגען. (שמייכלט. האנאָע האָבנדיק פון דעם ווערטל). אין וואָגן איז געווען פול אָן

1 די פאליקע קרענק, עפּילעפּסיע.

2 באלעבאָסטע.

3 פארשיידענע.

4 געסט, אָרכים.

5 פארשטייסט.

6 האָט דאָס אזוי געטראָפן, אָדער אנדערש.

7 דערקלערן.

8 ווי ס'באדארף צו זײַן.

9 פון וואנען זאָל איך.

10 ווײַטער ווייסט זיי אליין גאָט וואָס זיי ווילן.

11 קערט זיך מיט מיר ניט אָן.

אים. מע האָט זיכ די פיס פארביטנ, די פלייצעס צעריבנ. אגעוו, האָט א זאָגער ניט וואָס צו פאָרנ אינ דאָרפ אריינ.

פ יי וו ק ע.

האָט, פארשטייט איר, דער דאָזיקער מאגיד עס דערציילט מייסעס — גאָר אנ אנטיק!

מ י כ אָ ל.

וואָס רעדסטו פאר נארישקייטנ? עס איז קיינ מאגיד ניט מיטגעפאָרנ מיט אונדז... אינ שטאָט האָט א זאָגער אינ אלטנ קלויז... שאבעס... שאבעס טשוווע [1]... געזאָגט... האָב אימ געהערט... וועט אהער ניט פאָרנ...

פ יי וו ק ע.

כייע-סאָרעלע האָט אליינ געזאָגט. א מאגיד, א מאגיד! סטעפאנ, קומ! זי האָט געהייסנ פאנאנדערנעמענ די סוקע.

ס ט ע פ א נ ק ע.

גיי, קומ׳כ באלד (פייוקע אָפּ). מיכאיל דאווידאָוויטש!

מ י כ אָ ל.

וואָס ווילסטו?

ס ט ע פ א נ ק ע.

וויפל דושעס [2] דארפ אויעזד אייערער שטעלנ?

מ י כ אָ ל.

אינעמ האיאָריקנ נאבאָר? זעקס א האלב. וואָרעמ וואָס? דיכ ברודער, וועט מענ שוינ נאָכאמאָל ניט נעמענ. דארפסט ניט מוירע האָבנ.

ס ט ע פ א נ ק ע.

איכ ניט מיירע פאר זיכ. איכ קרעטשמע דאָ א ייד פונ שטאָט: איז קאבאלא, פאָנימאיעש; [3] טאק וואָט ער זאָגט פאר דעמ מילנער, פייוקא זייני־פאָטער, אז וועלנ זיי נעמענ קאָוואָ בי טאָ ניבילאָ [4] טאָמער זיי פעלט אויס דושי.

מ י כ אָ ל.

לאָזנ זיי נעמענ! ברודער־סטעפאנ, מיר קאָנענ די גאנצע וועלט ניט פארדייגענענ. דער פאָוויט [5] איז גרויס, נעפאשעס זיינענ דאָ גענוג. וועלנ שוינ צונויפסקראבסקענ די עטלעכע, וואָס פעלנ נאָכ. דו גיי, דערווייל, העלפ פייווקענ פאנאנדערנעמענ די סוקע: כייע־סאָרע וויל אזוי; וואָס די אייעלעניש איז, ווייס איכ ניט. זי הייסט. ברענג אריינ די סכאכ: [6] וועט צוניצקומענ.

ס ט ע פ א נ ק ע.

(קראצט זיכ די לינקע פייע) גיי׳כ. אָבער... מיכאיל דאווידאָוויטש! איכ, פאָנימאיעש, פארשטיי א יעייסוק. (קלאפט מיטנ פינגער אינ שטערנ) סמעקאלקא יעסט, [7]

1 דער שאבעס, וואָס צווישנ ראָשעשאָנע אונ יאָנקיפער.

2 נעפאשעס.

3 פונ קאָהאָל, פארשטייסט.

4 ווענענ ס׳ניט איז.

5 אויעזד, באצירק.

6 דער דאכ־צודעק פונ דער סוקע.

7 פאראנ סייכל.

טאק וואָס האָזשׂיך געהערט א וואָרט און פארשטאנט צען. גיעדראָם פּיפּ-אוטשוואנטשיק יאָר מיקאָלייעס געדינט...

מ י כ אָ ל.

וואָס האָסטו פארשטאנען? רייד מיט גאנצע ווערטער. עפן ברייט דעם זאק און לאָז זיך שיטן!

ס ט ע פ א נ ק ע.

קלייבט זיך קאַגאַל צו דיר. מיכאַיל דאווידאָוויטש! וויערנאָ [1] זאָ׳ך דיר.

מ י כ אָ ל.

צו מיר? לאָזן זיי זיך קלייבן. קענען נעמען אלע זין מײנע — א ניכפּע זאָל עס פארצאפּלען.

ס ט ע פ א נ ק ע.

זין טאקע ניט נעמען, אָבער נעמען דיין זיאטיאָק, איידעם דיין! וויל זיי נעמען...

מ י כ אָ ל.

סטעפּאנקע! רעדסט נארישקייט. גיכער וועלן זיי נעמען א שלאנג פארן עק; וועלן ניט סמייענען, ברודער יאָון, צו קורץ די הענט, כא, כא, כא!

ס ט ע פ א נ ק ע.

קיען זיין. גידיעכט, פּאָזשאלוי! [2]

מ י כ אָ ל.

שיין גערעכט! וועלן — נעמען — ראכמיעלן!! דעם באָבּרויסקער אילוי מיט שמיכוש [3] אפּ ראבאָנעס. געקנאָטן און געבאקן פון ראבאָנים און... און אָפּגעבן פאר א זעלנער... כא, כא, כא! יאָרן, ברודער, האָסטו זיך בא מיקאָלייען דערדינט, סייכל פּעלט נאָך.

ס ט ע פ א נ ק ע.

גוט, מיכאַיל דאווידאָוויטש! עפּשער... (אָפּ).

מ י כ אָ ל.

(קוקט ארויס דורכן פענצטער) איך זע זיי קומען — סטעפּאנקע! אים ניט א וואָרט, הערסט? קען זיך איבערשרעקן... איז בא מיר פון די ציטעריקע.

ד ר י ט ע ד ע ר ש י י נ ו נ ג

כ יי ע - ס אָ ר ע.

(אריינקומענדיק) פון וואָס האָסטו דאָס אזוי הארציק געלאכט?

מ י כ אָ ל.

פון אונדזער סטעפּאנקעס א שטיקעלע יידיש.

כ יי ע - ס אָ ר ע.

פון זיין לאָשן איז ניטאָ וואָס צו לאכן, טאטע. א וואונדער, אז ער רעדט נאָך אזוי...

---

1 עמעס.

2 עפּשער.

3 סמיכעס — א צייגעניש אפּ צו מעגן זיין א ראָוו.

מ י כ אָ ל.

ווייס, מײַן טאָכטער, איך ווייס, צו אכט יאָר האָט מען אים אָפּגעגעבן. געוועזן צווישן די ערשטע אין דער צײַט — ווי רופט דאָס באָבע רויזע? אין דער צײַט פון דער... פון ד'ער...

ר א כ מ י ע ל.

(כאַפּט אים אונטער) פון דער בעהאָלע. (צו כײַע־סאָרען) בעהאָלע הייסט שרעקי די שרעקלעכע צײַט בייס מען האָט גענומען קליינע ייִדישע אייפעלעך, האָט זיי געהאָדעוועט פאר סאָלדאטן, געהאָדעוועט פאר גויִים, געשמאדט פאר גויִים...

כ ײַ ע־ס אָ ר ע.

איך ווייס, ראכמיעל, האָב זיך גענוג אָנגעהערט אי פון דער באָבען, אי פון סטעפאנקען... באַר רייד, רייד! בא דיר קומט שטענדיק אלצדינג ארויס עפּעס גלאַטער.

ר א כ מ י ע ל.

און וועגן דעם, זעסטו, איז גראָד ניט לײַכט צו ריידן גלאַט, ניט גלאַט, ניט סקלאַדנע. די בעהאָלע־צײַט וועט בלײַבן אין אונדזער פאָלק עפּעס ווי א וווּנד אין הארצן, ווי... ווי... א פארשטעלטע וווּנד, א באהאלטענע מאקע, וואָס קיין פען קען ניט באשרײַבן, קיין מויל קען ניט שילדערן. דו הייבסט אָן צו ריידן און די ווערטער שטעלן זיך דיר, ווי ביינער אין האלדז, און דו קענסט זיי ניט ארויסברענגען, ניט ארונטערשלינגען... א קינע קען מען אף דעם קלאָגן, א דרוש קען מען אף דעם דארשענען, אָבער דערציילן קען מען ניט...

מ י כ אָ ל.

(אונטערברעכט אים) אָ, דאַר־דארשענען! הער, וואָס פאר א באַלדארשער האָסטו דאָס מיטגעבראכט פון שטאָט?

ר א כ מ י ע ל.

האָב ניט געבראכט, שווער, קיין באלדארשער — וועמען האָט זיך דאָס גע-כאָלעמט?

מ י כ אָ ל.

האָב גלײַך געזאָגט, אָהער סטעפאנקע שווערט מיט שוועס, אז דו האָסט פון שטאָט מיטגעבראכט א זאָגער.

ר א כ מ י ע ל.

איך? א זאָגער? דער באָכער ווייס ניט, וואָס ער רעדט.

מ י כ אָ ל.

פּײַוועקע אויך. עפּעס האָסטו דערציילט אין קרעטשמע מײַסעס פון מענטשן. האָסט וועדליק ווי פּײַוועקע מיט סטעפאנקע זאָגן, געהערט אין שטאָט פון א זאָגער, א מאגיד... האָסט געבראכט... עפּעס אזוינעם...

ר א כ מ י ע ל.

(מיט א שמייכל) אָ, איצט פארשטיי איך, דו פארשטייסט, כײַע־סאָרעלע?

כ ײַ ע ־ ס אָ ר ע.

(טוט א טראכט) ניין, דאכט זיך.

ר א כ מ י ע ל.

דאָס איז א צײַטונג אזוינע: איר נאָמען איז „האמאגיד“.

מ י כ אָ ל.

אַ צײַ... אַ צײַטונג?

ר א כ מ ִ ע ל.

דאָס איז אַ בלאַט, וואָס מע לאָזט ארויס אַלע וואָכ אַ געדרוקטע און דאָרטנ ווערט געשריבנ פונ אַלצ, וואָס קומט פאָר אינ דער וועלט. איז דאָס האָב איכ מיטגעבראַכט פונ שטאָט.

מ י כ אָ ל.

אײַ, איצט דערמאָנ איכ זיכ, האָב עפּעס געזעגנ אזוינס פאַראיאָרנ שווּעס אינ קאָוונע בא אַ יונגנמאַנטשיק אינ יאַנעווער אכסאַניע. אָבער וואָס מײנסטו: פונ אַלצ אינ דער וועלט?

ר א כ מ ִ ע ל.

פּשוטוי קעמאַשמאָוי [1] — פונ אַלצ. אַ סרײפע, ווי עס מאַכט זיכ, אַ שיפ, כאַפּט אײַכ אָנ, גײט אונטער אפנ יאַם, ערגעצווו פאַלט אײַנ אַ הויז, אַ מאַנ איז מעאַגנ [2] אַ ווײַב...

מ י כ אָ ל.

וואָס מײנסטו דערמיט, ראַכמיִעל?

ר א כ מ ִ ע ל.

אַ מאַנ אַנטלויפט פונ אַ ווײַב און מאַכט זי פאַר אַנ אגונע, אָדער, מעלט אײַכ, אַ ראָוו אינ אַ שטאָט צעקריגט זיכ מיטנ ציבור [3], אָדער ערגעצווו ווערט עמיצער באַגאַנווּעט, באַגאַזלט, צוגעהאַרגעט...

מ י כ אָ ל.

ניט אינ קײנ יידישע הויז געדאַכט!

ר א כ מ ִ ע ל.

נו!, יע! אָדער — אַ מאַלע וואָס עס טרעפט זיכ — איכ ווײס, אַ מילכאָמע הײבט זיכ אָנ צווישנ צווײ מעלוכעס, אָדער... דער קײסער קומט ערגעצ אינ אַ שטאָט אָנגעפאָרנ, די קיסרינע ווערט געלעגנ, עמיצער אַ גאָדל בעייִס־ראָיעל [4] שטאַרבט פּלוצים אַוועק, אַ — כאַפּט אײַכ אָנ — אַ גרויסער גוויר ווערט ניפטער [5] אָדער גײט אויס אַ טאָכטער, אָדער מאַכט אַזוי גלאַט אַ טימכע, — איז אָט דאָס אַלצ ווערט אַרײַנגעשריבנ אינ בלאַט אַרײַנ, און ווענ ס'ווערט אָפּגעדרוקט, שיקט מענ דאָס פונאַנדער אינ אַלערלײ מעדינעס אַלע וואָכ...

מ י כ אָ ל.

אַלע וואָכ?

ר א כ מ ִ ע ל.

אַלע ליבע וואָכ!

מ י כ אָ ל.

און פונוואַנענ ווײסנ זײ דאָס אַלצ?

---

1 פּאָשעט און פּראָסט.

2 מאַכנ פאַר אַנ אגונע; אגונע — אַ פרוי, וואָס דער מאַנ האָט זי פאַרלאָזט.

3 אַ געזעמל, אַ געמײנדע.

4 אַ גרויסער מאַנ בא יידנ.

5 שטאַרבט אַוועק.

ראכמיעל.

מע שרײַבט צו זיי. מע שרײַבט אויך, כוץ די נײַס, זאכן, מײַמאָרים[1] און שירים און אמאָל א פּײרעש אפּ א פּאָסעק אין דער טוירע.[2] א כידעש־זאך אין געמאָרע און וואָס ניט?

מיכאָל.

(צעטומלט פון די אלע הארבע ווערטער) אזוי! א ציקאווע זאך, כ׳לעבן! נו! און מעקוייעך טווע און בעהיימעס... פלאקס, וואָל, מילכיקס, אייבס, אייער, געהילצ, היי — ווערט דאָס אויך געשריבן?

ראכמיעל.

ווי אמאָל, קען זײַן. איך לייען ניט אָפט אָט די דאָזיקע בלעטער...

מיכאָל.

אָ! נו, און ווי קומט עס, אז מען רופט אזא מין כאנדריאָנע א מאגיד?

ראכמיעל.

דאָס איז א נאָמען אזוינער. „האמאגיד" באטײַט אויך אן אָנזאָגער אין טאנאך, מיר זאָגן פון אים, קאווע׳אָכל,[3] האמאגיד מײדײשיס אכרית, דער, וואָס זאָגט אין אָנהייב וואָס דער סאָף וועט זײַן.

מיכאָל.

(באמערקט כײַע־סאָרען זיך אויפמערקזאם צוהערנדיק צו ראכמיעלן) וואָס האָסטו אין אים אזוי ארײַנגעלאָזן די אויגן, כײַע־סאָרע? דאָס קען כאָלילע... אן אישע דארף דאָס ניט טאָן, ניין, ראכמיעל?

ראכמיעל.

שטוס, שווער, שטוס!

מיכאָל.

נו, און וואָס האָסטו זיי דאָרטן דערציילט אין קרעטשמע? אדעראבע, לאָז מיר אויך וויסן.

ראכמיעל.

עטלעכע זאכן. קוידעם איז דאָרטן געווען באשריבן... ווארט! מען קומט...

(אין טיר באווײַזט זיך סטעפאנקע).

פערטע דערשײַנונג

סטעפאנקע.

(ווינקט צו מיכאָלן) קומט ארויס, דארף אײַך האָבן. דיעלאָ יעסט![4]

מיכאָל.

לאָז מיר איצט צורו מיט דײַנע דיעלעס.

סטעפאנקע.

קום פון קרעטשמע. וויל מיט אײַך ריידן; איז וואָס איך אײַך דאוועטשא, פריִער געזאָגט...

---

1 ארטיקלען אין א צײַטונג.

2 א פארטײַטשונג פון אן אנזאצ אין דער ביבל.

3 גאָט.

4 פאראן אן איניען.

מ י כ אָ ל.

האָב ניט קײנ איסאָקימ מיט אימ... וועל ניט גײנ צו אימ...

ס ט ע פּ א נ ק ע.

קאק זנאיעש ![1]

מ י כ אָ ל.

מעשוגע יעל איכ ווערנ!

ס ט ע פּ א נ ק ע.

פּאָזשאלוי גערעכט... (טוט זיכ ווידער א קראַצ אינ פּייע) אָבער, מיכאיל דאווי-דאָוויטש, זאָג ער, יעווריי ענטאָט[2], אז קומסטו ניט אינ קרעטשמע, קומט ער אהער!

מ י כ אָ ל.

(ווערט אביסל אומרויִק; טוט זיכ א גלעט דעמ באָרד אונ זאָגט:) אונ עפּשער... מער ווי א גאנצ קענ איכ ניט אָנווערנ... אמאָל קענ דערפונ וואָט ווערנ. געקאָכט האָבנ די יאָנטויווימ געגוג (צו די קינדער) איכ קומ באלד צוריק... וועסט מיר דערציילנ, ראכמיעל... א ציקאווע זאכ, כ׳לעבנ! סריִפעס, אגובעס, מילכאָמעס — מילכאָמעס, זאָגסטו אויכ, נײנ? אונ... אונ... גאָרנישט! אָט ווענ מיר טאקע הערנ. קומ באלד צוריק... (גײט ביזנ טיר אונ קערט זיכ אומ) סטעפּאנ! קומ מיט! (אינ טיר, שטיל צו סטעפּאנקענ) וואָס ווייניקער גערעדט, ער איז בא מיר א ציִ-טעריקע זאכ... (בײדע אָפּ).

ר א כ מ י ע ל.

ער האָט מיטגענומענ סטעפּאנקענ! מאשמאָעס וויל ער ניט, מיר זאָלנ וויסנ צו וואָס מענ דארפ אימ.

כ ײַ ע-ס אָ ר ע.

מיסטאָמע א מישפּעט, דער טאטע, זאָל לעבנ, קריכט אלע ווײַלע ארײַנ זיכ א נײַעמ סיכסעכ.[3] אלצ דורכ אקשאָנעס.

ר א כ מ י ע ל.

אונ אזוי איז ער, דאכט זיכ, גאָר א ראכ-לייוו[4] נײנ?

כ ײַ ע - ס אָ ר ע.

יע, אָבער שפּארט ער זיכ אײַנ, רירסטו אימ ניט פונ אָרט. איצט דערצייל וואָס דאָרטנ איז געשטאנענ אינ דעמ מאגיד דײַנעמ מעקויעכ די שײַקע גאַ-לאָנימ, וואָס דו האָסט אָנגעהויבנ דערציילנ אינ קרעטשמע, בײַמ פּײַוועקע האָט מיר אוועקגערופנ.

ר א כ מ י ע ל.

די מײַסע איז א שיינע אונ איז, מאשמאָעס, טאקע עמעס אויכ, געשריבנ ווערט דאָרטנ אָט וואָס: (כײַע-סאָרע רוקט זיכ צו נעענטער צו אימ אונ דורכ די גאנצע דערציילונג האלט זי די מויל אָפנ, עפּעס אזוי ווי זי וואָלט שלינגענ זײַנע ווערטער) ווערדליק ווי דאָס ווערט באשריבנ פונ א געוויסנ שאפירע פונ ווארשע, איז ערגעצ אינ איטאליענ...

[1] ווי איר ווילט.
[2] אָט דער ייִד.
[3] א קריג.
[4] א ווייכהערציקער.

כ ײַ ע-ס אָ ר ע.

דאָס איז אזא מעדיגע, נײנ?

ר א כ מ י ע ל.

יע, יע! ווערט שוינ דערמאָנט אינ דער געמאָרע, אינ איטאליענ געפינט זיכ רוים, אונ מעקויעכ רוים ווייסטו דאָכ, וואָס איכ האָב דיר דערציילט ווענג דעמ צווייטנ כורבנ. מיילע, איז דאָרטנ ערגעצווו — געדענק ניט דעמ נאָמענ פונ די שטאָט — געווענ א באנדע רויבער, וואָס פלעגנ ראבעווענ אונ אָנטאָנ גרויסע רעציכעס אפ די וועגנ ארומ די וועלדער. ווייהי האיומ,[1] איז אײנער פונ די באנדיטנ מיטנ נאָמענ מאָניקאָ געהארגעט געוואָרנ אינ א געשלעג — צי מיט פאָליצייסקע, צי מיט זעלנער, צי אזוי מיט מענטשנ, שטייט ניט געשריבנ. איז האָט דער מאָניקאָ נאָכגעלאָזנ א יונגע אלמאָנע מיטנ נאָמענ מירייאמ — אז זי זאָל זײַנ געווענ א יידישע, לייגט זיכ ניט אפנ סייכל: בא זיי בײנײהעמ[2] איז אויכ דאָ אזא נאָמענ...

כ ײַ ע-ס אָ ר ע.

(כאפט אונטער) — מאריא — לעמאָשל, סוועגמא מאריא... נו, נו!

ר א כ מ י ע ל.

יע, האָט דאָס מיסטאָמע דער שרײַבער אפ לאָשנ קוידעש געמאכט דערפונ מיריאמ, נו, האָט אָט די יונגע ווײַבל געשוואָרנ, אז זי וועט זיכ נויקעמ זײַנ אָנ די... אָנ אלעמענ, פאר איר מאנס טויט. אונ וואָס, מיינסטו, טוט זי? זי שטעלט זיכ פאר דער רויבער־באנדע אונ זאָגט, זי וועט ווערנ זייער פירערקע, אונ קאכאווע.[3] איצט דארפסטו ויסנ, כײַע-סאָרע, אז די מאריא אָדער מיריאמ איז זייער א שיינע.

כ ײַ ע-ס אָ ר ע.

דו זאָגסט איז: הייכט עס טאקע, אז זי לעבט נאָכ...

ר א כ מ י ע ל.

געוויס. אָט הער ווײַטער, איז די מיריאמ, זאָג איכ, זייער א שיינע, מיט האָר שווארצ, ווי פעכ, אונ מיט אויגנ, וואָס בלישטשענ אונ זײַנענ... פול... מיט גלאנצ. (כײַע-סאָרע ווערט נאָכ מער אופמערקזאמער) מאווריקויס — שרײַבט ער — אומפיקויס נויגא קאָויר"[4] — בעזע האָלאשנ שרײַבט ער אונ זאָגט ווײַטער, אז זי האָט א חארצ פונ א לייב, אונ זי איז שרעקלעכער פונ כאיעס, וואָס פארצוקענ לעבעדיקע ברויִמ. איז זי, הייסט עס, ווערט די פירערקע פונ דער שײַקע אונ מענ פאָלגט איר, ווי סאָלדאטנ א גענעראל, אשטייגער. אונ איצט קומט די רעכטע געדיכטע...

כ ײַ ע-ס אָ ר ע.

איכ הער, איכ הער!

---

[1] אונ עס האָט איינמאָל געטראָפנ; איינמאָל.

[2] צווישנ זיי. דאָ געמיינט צווישנ ניט יידנ.

[3] אונ אזוי איז עס טאקע געווענ.

[4] זיי גלאנצנ אונ שטראלנ.

ראכמיעל.

דארף זיך אין די ווײַבל אײַנליבן א יונגער מענטש, וואָס איז א קורצע צײַט פריער צוגעשטאנען צו דער באנדע — עפשער טאקע לישמיי וועלישמאָ, צוליב איר — און זאָגט דאָס איר... בא זיי איז דאָס...

כײַע-סאָרע.

יע, יע! און זי?

ראכמיעל.

זי וויל פון קיין זאך ניט הערן און שיקט אים אוועק פון זיך מיט א נאָז. מײַן באָכער ווערט איצט מאָלע רעציכע,[1] אנטלויפט פון דער באנדע און ענטפערט איבער[2] די ווײַבל אין די הענט פון נאטשאלסטווע.

כײַע-סאָרע.

פארמישפעט מיסטאָמע אף טויט?

ראכמיעל.

דאכט זיך אף דרײַסיק יאָר טורמע... האָב דעם „האמאגיד" אין קעסטל. וועל שפעטער א קוק טאָן.

(אין פענצטער באווײַזט זיך פײַוקע)

רעב פײַוול האָט זיך צוגעהערט פון יענער זײַט פענצטער.

כײַע-סאָרע.

ער האָט פון קינדווײַז אוף האָלט געהאט מײַסעס...

פײַווקע.

אזעלכע האָב איך ניט געהערט... אָבער אזא מאריא, וואָס רײַט אף א פערד, און איר לאנגע קלייד הענגט אראָפ, און אפן קאָפ האָט זי א טשיפעק עפעס גאָר ניט קיין ווײַבערשן, מיט א הויכע פעדער א ווײַסע... האָב געזען אזא פאָרטרעט אין שטאָט.

כײַע-סאָרע.

ווו האָסטו עס געזען?

פײַווקע.

אין א קראָם ערגעץ. און, ווייסטו, נאָכדעם באנאכט האָב איך די רײַטערקע געזען אין כאָלעם און... ווי איך בין א ייִד — זי האָט געהאט דײַן פּאָנעם, כײַע-סאָרעלע! — הער! דער טאטע האָט געהייסן ארײַנטראָגן די סכאך פון סוקע, צו וואָס דארף ער דאָס? זאָל איך?

כײַע-סאָרע.

טראָג ארײַן. בא אים גייט קיין זאך ניט אין ניוועץ. (צו ראכמיעלן) אזעלכע וואָלט מען ניט געדארפט פארמישפעטן... וואָס מיינסטו? ווען מען וואָלט כאָ-לילע, ניט אין א בייזע שאָ צו ריידן, דיך צוגענומען פון מיר, — מיינסטו איך וואָלט געשוויגן? איך וואָלט מיינסטו, ווי אלע ווײַבער, געבראָכן די הענט און געיאָמערט? געבראָכן וואָלט איך קעפ! קויען וואָלט זיך בא מיר געפונען, גווורע! אין סימביר וואָלט איך נאָכדעם אוועק, אָבער דיך פון מיר וואָלט מען אײנס-צוויי-דרײַ ניט גענומען...

---

1 שטארק אין קאס.

2 אין דער „פרײַהײַט"-אויסגאבע — גיט איבער.

ר א כ מ י ע ל.

אנטקעגנ וואָס זאָגסטו דאָס?

כ ײ ע - ס אָ ר ע.

אנטקעגנ גאָרנישט. דו וועסט מירצעשעמ אײביק זײנ מײַנער... אונ מיר דארפנ ניט קײנ ראבאָנעס! די שטאָט איז ניט פאר אונדז... ווענ איכ קומ אהינ אפ יאָמימנעראָימ, אָדער אפ יאָנמוריומ, איז קעסיידער האלט צו דעמ נאָז! גײנ, דאָ וועסטו זײנ מײַנ ראָוו אונ איכ׳ל זײנ דײַנ רעבעצנ אונ דו׳סט פאסקענענ שײַלעס פאר מיר, מיטנ טאטנ, מיטנ מילנער, מיטנ קרעטשמער אונ א סאָפ, געננוג! נאטע גענוג! [1] אונ דו וועסט בא מיר זײנ רויט אונ געזונט! אונ אײביקע קעסט וועסטו באמ טאטנ עסנ. בינ סײַ־ווי־סײַ זײנ באטיעכידע אונ ספּאָרימ וועסטו זיכ קויפנ אונ וואָס איכ קענ טארשטײנ מיט מײַנ ווײַבערשנ סײכל, וועסטו מיר דערציילנ... אונ דו וועסט בא מיר ווערנ שטארק, ווי א דעמב, אונ פײַנ, ווי א סאָסנע...

ר א כ מ י ע ל.

(לאכט) אונ ווײַט ווי א בעריאָזע...

כ ײ ע - ס אָ ר ע.

יע, יע, ווײַס, אָבער ניט בלײכ, ווי א שטאָטיקער ייִד. ווײַס אונ רויט.

ר א כ מ י ע ל.

(ווידער אינ שפאס) דאָ האָב איכ אפ אײנ בוימ געזענ אזעלכע עפל...

כ ײ ע - ס אָ ר ע.

יע, יע! אונ זײ זײַנענ טאקע זאפטיק אויכ אונ ניט צעקראָכענע. ניט פאר מענטשנ אָנ צײנער... מענ דארפ קענענ בײַסנ, קעדײ זײ צו פארזוכנ. אונ קריגנ דארפ מענ זײ קענענ. אויב מענ וויל ניט ווארטנ ביז זײ פאלנ אלײנ אראָפ... (לאכט) אָט אזוי איז דאָס, כאָכעמ מײַנער! אונ דאָס וועסטו בא מיר ווערנ. נישקאָשע, מענ קענ זײנ פרומ אונ געלערנט אונ דערבײַ זײנ הויכ אונ שײנ אונ רויט! אינ שטאָט עפשער ניט—דאָ קענ מענ. קוק אפ פײַוועקע אונדזערנ...

ר א כ מ י ע ל.

נו, אונ דו?

כ ײ ע - ס אָ ר ע.

איכ וועל זיכ לאָזנ לערנענ... מײנסט, ווײַבער האָבנ קײנ מויכעס ניט? מײנסט, מיר ווילנ ניט וויסנ, וואָס איז דער וועלט טוט זיכ? אינ שטאָט, זאָגט מענ, זײַנענ שוינ הײַנט דאָ אסאכ ווײַבער קענערקעס, אונ ווער רעדט מײדלעכ. איכ וועל...

ר א כ מ י ע ל.

מענ קומט... דער טאטע קומט!

פ י נ פ ט ע ד ע ר ש ײ נ ו נ ג

מ י כ אָ ל.

(מיט קאס, אביסל אײַנגעהאלטנ) א מאקע! א גרויסע מאקע מיט א שײנעמ ווערכ דיר! געטראָפנ וועמענ צו האלטנ צונ נארנ!

[1] איבער־גענוג.

כ ײַ ע ־ ס אָ ר ע.

אפ װעמענ בײזערסטו זיך, טאטע?

מ י כ אָ ל.

אפ װעמענ זאָל איך זיך בײזערנ? א כאָכעמ פונ שטאָט װיל מאכנ כײזעק פונ מיכאָל דעמ יִשװװניק, ניט געטראָפנ דעמ אָרט, ברודערקע!

כ ײַ ע ־ ס אָ ר ע.

טאָ צו װאָס איז דאָ דער קאס? בײטנ קענ ער דאָך דיר ניט. װאָלט גע־ גאנגענ, װאָלט געגאנגענ—גײט ניט, איז רעכט, אז ניט; איז יאכנע ניט קײנ קאלע.

מ י כ אָ ל.

דו פארשטײסט ניט, מײַנ קינד, װעל צוריקקומענ, װעל איך דיר דאָס אלצ דערצײלנ...

כ ײַ ע - ס אָ ר ע.

װארומ דו פאָרסט אװעק?

מ י כ אָ ל.

האָב געהײסנ אײַנשפאנענ די פערד. דער אײסעק איז גאָר, פארשטײסט מיך, א כאָשעװער, פיל װעגנ דעמ צו רײדנ... אָבער מיר װעט יונגע מױשע־ לײזערס ניט...

כ ײַ ע - ס אָ ר ע.

אָ! דאָס האָט זיך דאָס זײַנ פארזעעניש צו מיר א מאָל געשאדכנט, נײנ?

מ י כ אָ ל.

אומ־הומ! ער מײנט, אז ער האָט די מאטבײע, איז... אשטײגער די װעלט זײַנע, די גאנצע װעלט!

כ ײַ ע ־ ס אָ ר ע.

אונ בא דיר איז יעמאָלט[1] דער שידעכ קימאט געװענ א גלײַכע זאכ?

מ י כ אָ ל.

האָב דיר, פונדעסטװעגנ, ניט גענױט...

כ ײַ ע ־ ס אָ ר ע.

מיר נײטנ איז ניט לײַכט. ניט ד ע ר סאָרט, טאטע! אָט קומט די באָבע!

ז ע ק ס ט ע ד ע ר ש ײַ נ ו נ ג

ב אָ ב ע ר ו י ז ע.

מיכאָל! װוּ ביסטו, מיכעלע? הא?

מ י כ אָ ל.

װארומ דו זעסט מיך ניט? אָט בינ איך דאָך. פאר דײַנע אױגנ.

ב אָ ב ע ר ו י ז ע.

װארט, איך׳ל אױסװישנ די שפאקולנ.

מ י כ אָ ל.

קומסט פונ קרעטשמע?

1 אינ דער „פרײַהײַט״-אױסגאבע—דעמאָלט.

באָבע רויזע.

ווער? איך? הא? יע.

מיכאָל

גו, זעצ זיך, מאמע! אָט-דאָ זעצ זיך (זי זעצט זיך אונ פאַרעט ארומ אירע שפּאקולן).

באָבע רויזע

אָ... הער, מיכעלע!

מיכאָל.

נו-ו?

באָבע רויזע

וואָס שפּאנט מען עפּעס די פערד? דו פאָרסט דען שוין ווידער אוועק? הא?

מיכאָל.

יע, איך פאָר. ס'אידאָ א מיטכער. קען דערביי שיין פארדינען. זאָל איך דיר וואָס ברענגען פונ שטאָט?

באָבע רויזע.

ווער? דו? ברענגען פאר מיר? נאכשאָל[1] זאָלסטו'ס טאָן?

מיכאָל.

ווי הייסט נאכשאָל? מאכמעס דו דארפסט...

באָבע רויזע.

ווער? איך? דארפ? וואָס קען איך דארפן? גאָרנישט דארפ איך... סיידן... יע, אויב דו וועסט ניט פארגעסן, ברענג מיט עטלעכע שפּיזלען, האָב איינע פארלאָרן, לאָזן זיך זיין א פּאָר איבעריקע אין שטוב, עפּשער א נייעמ פינגערוט ...ניינ. לאָז זיין... קען סיי־ווי־סיי שוין ניט נייען. אויגן אלצ שוואכער אונ שוואכער... אונ די אייביקע קליידער ליגן שוין לאנג אופגעניייטע.

מיכאָל.

אייביקע קליידער! פונ וואָס זי רעדט? דו האָסט נאָך צייט... ביז לעאכער מייע שאָנים[2] — ווי מען זאָגט. אונ קנאפּ ארבעטסטו?

באָבע רויזע.

ארבעט? ווער? איך? הא? עכ-מיר ארבעט! איך זיצ אמאָל באמ רעדל— דאָס רופסטו אויך אן ארבעט? אפ סאָנע־ציינע געזאָגט געוואָרן... אָבער הער, מיכאָל! איך קומ פונ קרעטשמע...

מיכאָל.

וואַרט א רעגע, מאמע! הער, כייע־סאָרעלע, גיי, זע, צי איך האָב אלצ, וואָס איך דארפ אפן וועג, גרייט מיר אָן די זיידע... ווי רופט מען דאָס ראכמיעל?

ראכמיעל.

ציידע-לאדערעכ[3] מיינט איר.

---

[1] נאכטאָל, נאכשאָל—לעמיי, פארוואָס.
[2] איבער הונדערט יאָר.
[3] שפּייז אפן וועג.

מ י כ אָ ל.

יע, יע! נו, דו ווייסט דאָכ שוינ וואָס איכ דארפ. א לעבעלע ברויט, א שטיקל קאטשקע, עטלעכע עפּל, א טפּילאס האדערעכל אונ מײַנ טאלעס-זאק מיט די טפּילנ. גיי טאקע דו מיט איר, ראכמיִעל. זע זי זאָל קיינ זאכ ניט פארגעסנ.

כ ײַ ע - ט אָ ר ע.

(טוט אפ אימ א קוק — עפּעס ווי איינער זאָגט: „ער מולירוט,[1] דער טאטע!") קומ ראכמיִעל. לאָמיר גיינ. (ביידע אָפּ).

מ י כ אָ ל.

(צו דער אלטער) מאמע, וואָס האָסטו געוואָלט דערציילנ?

ב אָ ב ע ר ו י ז ע.

ווער? איכ? הא? עפּעס האָב איכ טאקע געוואָלט דיר זאָגנ. ווארט! איכ'ל זיכ דערמאָנענ.

מ י כ אָ ל.

דו האָסט עפּעס געהערט אינ קרעטשמע.

ב אָ ב ע ר ו י ז ע

יע... אינ קרעטשמע... הא? ווארט! יע! יע! האָט מענ דאָרטנ גערעדט מעקויעכ דעמ האיאָריקנ נאבאָר. האָט יוינע מוישע-לייזערס געשוואָרנ מיט טויטע שוועס, אז דאָס וועט דיר קאָסטנ טײַער... קיינ באלעבאָס ארומ אונ ארומ — אזוי זאָגט יוינע מוישע-לייזערס — קענ ניט קויפנ קיינ... ווי רופט איר דאָס... קיינ אכוואָטניק[2] כוצ דיר, אונ קאָהאָל פעלט נאָכ דריטהאלבנ נעפאשעס. אונ זיי, די קאָהאָלס-לײַט — זאָגט יוינע מוישע-לייזערס — וועלנ מיט דיר לערנענ באָלאָק...[3]

מ י כ אָ ל.

מאמע! דאָס אלצ איז ניט ווערט אנ אויסגעבלאָזענע איי... מיר הערנ זיי אינ טראָק. זיי וועלנ פונ מיר קיינ געלט מיט סטראשונקעס ניט ארויסרײַסנ. זיי קענענ אזוי נעמענ ראכמיִעלנ, ווי זיי קענענ נעמענ טישקעוויטשעס באָלוואנעס.[4]

ב אָ ב ע ר ו י ז ע.

ווער זײַנענ זיי?

מ י כ אָ ל.

דײַנ דײַגע. איכ ווייס אויכ ניט. עפּעס ערגעצווו אינ ווילנע געפינענ זיכ אזעלכע. ניט אונדזער אייסעק. ראכמיִעלנ וועלנ זיי ניט נעמענ. די שלאָק וועט זיי גיכער נעמענ. די כאָליערע וועט זיי גיכער נעמענ... מיכאָל דעמ יישוווניק סטראשעט מענ ניט. איכ האָר אוועק. זיי וועלנ ביז נאָכנ פריִאָמ אפילע גאָרניט וויסנ ווו איכ בינ... איצט הער, מאמע, הער! דו הערסט דאָכ, נײַנ?

---

[1] פארדרייט דעמ מויעכ.

[2] פרײַוויליקער סאָלדאט.

[3] לערנענ (מיט עמיצנ) באָלאָק — עמיצנ גוט אָנלערנענ.

[4] א פּאָר גרויסע אומגעלומפּערטע סטאטועס אײַנגעמויערט אינעמ פּראָנט פונ גראפ טישקעוויטשעס הויז אינ ווילנע.

באָבע רויזע.

ווער? איך? אוואדע הער איך. נאכשאָל זאָל איך ניט הערן? מײַן ריע מע־טושטעש,[1] אָבער הערן — האלעווײַ ווײַטער!

מיכאָל.

טו הער־זשע! די קינדער טאָרן ניט וויסן, צוליב וואָס איך פאָר אוועק. קיינער טאָר ניט וויסן. דאָס קען מיך קאָסטן פינפהונדערט קארבן מעזומאָנים. איך האָב ניט קיין זין. דאָס איז גאזלאָוואָי! דאָס איז קוילען אָן א כאלעפ, מאמע! און איך זאָג דיר, זיי סמייען ניט אים צו נעמען. זיי סמייען ניט, א ניכפע זאָל זיי פארצאפלען! אָבער דו שווײַג. בא די קינדער וועט רעכט זײַן די לעצטע פרוטע אוועקצוגעבן, אבי זיי זאָלן קיין ביסלע שיוורע לייוו[2] ניט האָבן. דערפאר, מאמע, שטיל ווי א קאָטינקע. ניט גערעדט!

באָבע רויזע.

נאכשאָל זאָל איך רייד׳ן? איי, דער נאבאָר? אפ דעם ווײַנט מען דאָך שוין צו די ערשטע סליכעס... וואָס קען איך שוין אופטאָן מיט מײַן ריידן? איך שווײַג... ער, הענט ניט געוואשן,[3] איז גערעכט, און זײַן מישפעט איז גערעכט. איי וואָס? יויגע מוישע לייזערס? האָסטו דאָך מיט אים אליין גערעדט... צי ער קען, צי ער קען ניט, ווייסטו אוואדע בעסער.

מיכאָל.

אָט אזוי רייד! זיי וועלן בא מיר בלײַבן מיט א נאָז. איך לאָז זיך ניט אײַנשרעקן. טאָ גערענק־זשע, זיי קומען צוריק... איך פארלאָז זיך אפ דיר.

זיבעטע דערשײַנונג

כײַע־סאָרע.

אלץ פארטיק. אין וואָגן איז דאָ אלץ, וואָס דו קענסט באדארפן. פאָר און מאך גוטע מיטכאָרים.

באָבע רויזע.

אָי, טאטע גרויסער! (זי ברעכט אויס אין א שטילן געוויין).

כײַע־סאָרע.

(טוט א קוק אפן פאָטער) באָבינקע, וואָס איז דיר? וואָס איז דאָס מיטאמאָל, טאטע? זי ווײַנט דאָך קיינמאָל ניט, ווען דו פאָרסט אוועק.

באָבע רויזע.

(שלוכצנדיק) דער נאבאָר! די יידישע אײַפּעלעך...

מיכאָל.

אין נאבאָר־צײַט דערמאָנט זי זיך אָן אמאָליקע צײַטן, בייס מען פלעגט נעמען אײַפּעלעך קליינינקע, ציטעריקע...

באָבע רויזע.

פײַגעלעך פון נעסט ארויס... בעגענייווע פלעגט מען זיי נעמען, מיט גע־וואלט, מיט... מיט... מיט — אָי, ווי איז מיר! (זי ווײַנט זיך ווידער שטארק פאנאנדער).

---

1 פארטונקלט, ניט קלאָר.

2 הארצווייטעק, גרויסער פארדראָס.

3 גאָט.

כ ײַ ע"ס אָ ר ע.

ניטע, באָבינקע! װײנ ניט! גענוג. (קורצע פּױזע, די אַלטע װערט אַביסל רויקער).

מ י כ אָ ל.

הער, ראַכמיעל! האָסט דאָך עפּעס געװאָלט מיר דערציילן, װאָס איז דעם מאַגיד דײַנעם איז געשטאַנען! אַהערגעבן, דערצייל!

ר א כ מ י ע ל.

שטייט דאָרטן אַסאַך זאַכן. אָט, לעמאָשל, דרוקט זיך דאָרטן אַ יעדיע פֿון ענגלאַנד... דאָס איז אַ גרויסע מעלוכע, װאָס האָט אַ מעמשאָלע איבערן יאַם און איבער דער יאַבאָשע... איז דאָרטן אַ ייִד געװאָרן אַ שױפֿעט אַ סודיאַ אין אַ פּאַלאַטע.

מ י כ אָ ל.

גיי, גיי — דאָס קען ניט זײַן!

ר א כ מ י ע ל.

זיי װעלן קיין ליגן ניט דרוקן. ס'איז אפֿילע דאָ דער נאָמען זײַנער: דזשעסעל הייסט ער און דאָס איז טאַקע דער ערשטער ייִד, װאָס האָט זוכע געװען צו האָבן אַזאַ געדולע...

מ י כ אָ ל.

האָט ער זיך מיסטאָמע געשמאַדט!

ר א כ מ י ע ל.

דאַפֿקע ניט! געבליבן אַ ייִד מיט אַלעמען צוגלײַך. און דער נאָמען? איז דאָס ניט קיין נאָװינע! אַסאַך ייִדישע נעמען זײַנען גענומען געװאָרן פֿון אוראַלטע צײַטן, אוּן די כאַכאָמים פֿון טאַלמוד אַלייִן מעס האָבן נאָך אין די אַלטע צײַטן, און די כאַכאָמים פֿון טאַלמוד אַליין האָבן געהאַט גױיִשע נעמען, רעב טאַרפֿױן, כאָטש אײַך אָן...

מ י כ אָ ל.

נו, און װאָס נאָך שטייט דאָרטן?

ר א כ מ י ע ל.

אַ מאַלע װאָס? פֿרעגט, װאָס ניט? אָט, לעמאָשל, װערט דאָרטן געמאָלדן, אַז דער קיניג פֿון איטאַליע פֿאָרט איבער עסטרײַך קיין בערלין. בערלין דאָס איז אָפּן דײַטשישן בוידעם... פֿון דאָרטן נעמען זיך בײַ אונדז די בערלינטשיקעס,[1] די הײַנטיקע. נאָר דאָס איז ניט אַהין, ניט אַהער. שרײַבט מען, אַז אַהין פֿאָרט דער קיניג פֿון איטאַליע, קעדײַ זיך צו זען מיטן דײַטשישן קייסער, איז דער קייסער אָבער גראָד אַליין איצט אין עסטרײַך, אין די בעדער, טרעפֿט מען זיך מיט אים דאָרטן און ביידע פֿאָרן זיי צוזאַמען קיין בערלין, װוּ מען פּראַװעט פֿאַרן מײלעך פֿון איטאַליע אַ גרויסן קאַבאָלעס-פּאָנעם. מאַשמאָעס, װעט דאָרטן אין בערלין, פֿאַרשטייט איר, געשלאָסן װערן אַ בונד צװישן די אַלע דרײַ מעלוכעס, קעדײַ, אַז, װי דער פּאָסעק זאָגט, פּען טיקרענאַ מילכאָמאָ [2] זאָלן זיי דרײַ מאַכן יאַדאַכעס אַנטקעגן דעם סוינע.

1 די ערשטע ייִדישע אױפֿקלערער, מאַסקילים.

2 טאָמער טרעפֿט אַ מילכאָמע.

מ י כ אָ ל.

אונ דאָס אלצ ווייס עס אָט די... ווי רופסטו עס... די צײַטונג דײַנע? א ציקאווע זאכ! אונ ווי? שרײַבנ זיי עס טאקע אפ לאָשנ קוידעש?

ר א כ מ י ע ל.

א וואדע אפ לאָשנ קוידעש! —אָ! די באָבע איז אײַנגעשלאָפנ!

מ י כ אָ ל.

נו, מיסטאמע פארשטייענ עס טאקע ייִדנ, אז מענ דערלאנגט זיי אזא מינ פאפיר, ווי איינער זאָגט: אָט לייענ אונ ווייס, וואָס טוט זיכ בא די קייזאָרים מיט די קייזערינעס, מיט די ייִדנ איג די טורקענ פאלאטעס! אונ וואָס ניט! א קלוגע וועלט געוואָרנ. א באלאָנעס, פונדעסטוועגנ, דאָס צו רופנ א מאגיד. אמאָל פלעגט א מאגיד זײַנ א זאָגער!

ס ט ע פ א נ ק ע.

(פונ יענער זײַט פענצטער) כאָזאַנ [1] קיענסט פאָרנ! אלצ פארטיק, פיערד אײַנגעשפאנט.

מ י כ אָ ל.

נו, גייענ מיר! (הייבט זיכ אופ אונ זעצט זיכ צוריק אוועק אפ א מינוט) אז דער אויבערשטער וועט געבנ, וועלנ מיר מאכנ גוטע געשעפטנ אפנ יאָר. זײַט מיר אלע געזונט.

ר א כ מ י ע ל.

פאָרט געזונטערהייט, שווער!

מ י כ אָ ל.

אונ טאָמער דערגיי איכ אזש קיינ ריגע, ברענג איכ מיט שיינע גאָסטינצעס [2], מירצעשעם, פאר אלעמענ.

כ ײַ ע־ס אָ ר ע.

ניט בייטיק, קום דו נאָר צוריק געזונטערהייט!

מ י כ אָ ל.

נו, זײַט־זשע מיר אלע געזונט—דו, באסיעפּידקע מײַנע, אונ איר אלע! ראכמיעל, דער מאגיד דײַנער, א ציקאווע זאכ! (אָפּ).

ב אָ ב ע ר ו י ז ע.

(כאפט זיכ אופ איגעמ טומל) אוועק מיכאָל?

כ ײַ ע־ס אָ ר ע.

ער זעצט זיכ אפנ וואָגנ, באָבע, זאָל איכ אימ ארײַנרופנ! (באָבע רויזע שאָקלט מיטנ קאָפ: ניינ). אָט פאָרט ער ארויס...

כ ײַ ע־ס אָ ר ע.

(רוקט זיכ צו נעענטער צומ מאנ) הער, ראכמיעל, מיר האָבנ פריער גערעדט ארומ אונדזער לעבנ, אונדזער ביידנס לעבנ... איכ זאָג דיר, א ווײַב קענ אויכ זײַנ א מענטש... דו קענסט מיר מאכנ פאר א קענערקע אונ איכ וועל דיר מאכנ פאר א גוואר, פאר א געזונטנ, פרישנ, שטארקנ מאנ. אונ די ראבאָנעס דארפ מענ

---

[1] באלעבאָס.

[2] מאטאָנעס.

ניט... איכ וויל ניט זײַנ קײנ רעבעצנ... אונ דו דארפסט ניט זײַנ קײנ צע-קראָכענער רעוול... אונ לעבנ מיר וועסטנ זיצנ... אזוי לאנג, ווי מיר ביידע זײַנעג צוויי... לעבנ מיר דורכ די לאנגע ווינטער־אָוונטנ, נאָכ א גוטנ שפּאַ-ציר אפּ א שליטל. אונ איכ וועל אויסטאָנ די פּאטשײלקע פונעמ קאָפּ אונ וועל פאנאנדערוואַרפנ מײַנע שווארצע, לאנגע האָר אונ דו וועסט האָבנ פולע הויפנס צו שפּילנ זיכ... אונ לערנענ וועסטנ מיט מיר אונ איכ וועל דיר צאָלנ מיט א פולער האנט... איכ וועל דיר אופּפּאסנ, זיסינקער, גוט וועט אונדז זײַנ!

ר א כ מ י ע ל.

נו, אונ ווענ עס וועט קומענ דער נאבאָר (באָבע רויזע לײגט צו די האנט צומ אויער) אונ ווילדע כאיעס וועלנ קומענ אונ פארצוקנ ייִדישע נעפאשעס ארומ אונדז... אונ מענ וועט נעמענ קינדער פונ טאטעס, טאטעס פונ קינדער... אונ הערצער פונ ייִדישע מאמעס וועלנ ארומ אונדז געבראָכנ ווערנ אײנע נאָכ די אנדערע... וואָס וועלנ מיר ביידע טאָנ? זאָג, כײַעלע!

כ יַ ע - ס אָ ר ע.

איכ ווײס ניט, אָבער רײד, רײד! נאָכ־נאָכ!

ר א כ מ י ע ל.

דו פארשטײסט, מײַנ ווײַבעלע, וואָס א נאבאָר באטײַט בא ייִדנ? דו...

ב אָ ב ע ר ו י ז ע.

(פלאצט אויס מיט א שרעקלעכנ געוויינ).

פ אָ ר ה א נ ג.

צווייטער אקט

די פאָרהויז אין מיכאָל גריצעס הויז. פון ביידע זײַטן זעט זיך א טייל פונעם דאָרף: אין הינטערגרונט לינקס — א ווינטמיל, רעכטס — א קוזניע; טיפער — א קרעטשמע; — ערגעץווו הינטערן הויז הערט זיך פון צײַט צו צײַט א הונט, וואָס בילט, שטייענדיק אפן קייט אין אנדערע הינט, וואָס רופן זיך אָפ. — אין מיטן סצענע זיצט באָבע רויזע בא א רעדל און שפינט, בײַסמײַסע זינגענדיק מיט טרערן אין קאָל אזוי ווי פאר זיך. עס איז ארום פיר אזייגער נאָך האלבן טאָג:

ערשטע דערשײַנונג

באָבע רויזע (זינגט).

„איידער צו טראָגן יאָוואנקעס שווערד,
„בעסער צו ליגן צען קלאפטער אין דר'ערד!"
אָי, א כורבן, א פינצטערער!

(טוט א זיפץ און א דריי מיטן רעדל. עס רײַסט זיך איבער דער פלאקס־פאָדעם, וואָס זי ציט מיט די פינגער).

אָי, ווי איז מיר! אוואדע א בייזער סימן, אי, אפ שלעכטס, לויטער אפ שלעכטס ווײַזט דאָך אלץ אין אזעלכע צײַטן!

(מאכט צורעכט דעם פאָדעם און זינגט ווײַטער)

„איידער צו עסן יאָוואנקעס קאשע..."
אָי, ווי איז מיר!

(זיפצט זיך אָפ און זינגט).

„איידער צו טראָגן יאָוואנקעס היטל..."

(טוט נאָך א האסטיקן דריי מיטן רעדל; אין טיר לינקס באווײַזט זיך פײַוועקע).

פײַוועקע.
גאָט העלפ, באָבע!
באָבע רויזע.

(שאָקלט צו איר ענטפער און זינגט ווײַטער:)

„איידער צו טראָגן יאָוואנקעס שווערד,
„בעסער צו ליגן צען קלאפטער אין דער ערד!"

(טוט ווידעט א זיפצ)

אָ, ווי איז צו מײַנע יאָרן!

פ ײַ ו ק ע.

הערט, באָבע רויזע, מע זאָגט, איר געדענקט נאָכ דעמ ערשטנ נאבאָר... [1]

ב אָ ב ע ר וי ז ע.

וואָ-אָס?

פ ײַ ו ק ע.

אז איר געדענקט, ווי מע'ט אָנגעהויבנ נעמענ יידישע זעלנער.

ב אָ ב ע ר וי ז ע.

ווער? איכ? הא? יע. אָ, וויי איז צו מיר! נאכשאָל זאָל איכ פארגעסנ?

פ ײַ ו ק ע.

ווי אלט, אשטייגער, זײַט איר דעמאָלט געווענ?

ב אָ ב ע ר וי ז ע.

(הערט ניט, האָט דערווײַל גענומענ שפינענ, אָבער לאנגזאמ).

פ ײַ ו ק ע.

באָבע!

ב אָ ב ע ר ו י ז ע.

נו — ו!

פ ײַ ו ק ע.

ווי אלט, מעלט אײַכ, זײַט איר געווענ באמ ערשטנ נאבאָר?

ב אָ ב ע ר ו י ז ע.

ווער? איכ? הא? פרעג מיר א גרינגערע זאכ.

(פארטראכט זיכ, דאנ זינגט זי מיט א האלבנ מויל):

„איידער צו טראָגנ יאָוואנקעס שווערד...

אָי, אָי, אָי!

פ ײַ ו ק ע.

ווייסט איר, באָבע? אָט יוינע דער בעקער... ער מאָלט ווייצ באמ טאטנ... אנוסטנ [2] זאָגט ער אונדז, אז פונ פעטערבורג קומט אינ גיכנ אראָפ אנ אוקאז, אז מע זאָל מער ניט כאפנ קיינ רעקרוטנ.

ב אָ ב ע ר ו י ז ע.

טאטע גרויסער! פונ זײַנ... פונ יוינעס מויל אינ דײַנע אויערנ ארײַנ!

פ ײַ ו ק ע.

באָבע רויזע! איר פארשטייט ניט... מע וועט קיינ רעקרוטנ ניט כאפנ מער, אָבער איטליכער וועט מוזנ גיינ אינ סלוזשבע ארײַנ.

ב אָ ב ע ר ו י ז ע.

ווי דייסט איטליכער? ראכמילינקע, כאס וועשאָלעמ, אויכ?

פ ײַ ו ק ע.

איטליכער איבער צוואנציק; ראכמיִעל ניט, קלער איכ, אימ...

ב אָ ב ע ר ו י ז ע.

יע, יע! אוואדע... אימ ניט, מאכמעס...

---

[1] דער ערשטער פריזיוו — אינ יאָר 1827.

[2] אנומלטנ.

פ ײַ ו ק ע.

מאכמעס ער... ער קאָנ פארנ אוקאַז נאָכ זײַנ א זעלנער.

ב אָ ב ע ר ו י ז ע.

א פּיפּעצ[1] דיר אפנ צונג, דו שײגעצ אײנער!

פ ײַ ו ק ע.

(ווי ניט אימ מײנט מענ דאָס).

הערט באָבע!

ב אָ ב ע ר ו י ז ע.

כ'הער, נו?

פ ײַ ו ק ע.

ווײסט איר, ווען ז'האָבנ געדארפט אָפּגעבנ?

ב אָ ב ע ר ו י ז ע.

וואָס דולסטו מיר א מויעכ?

פ ײַ ו ק ע.

זײ האָבנ געדארפט אָפּגעבנ כײַע־סאָרעלענ!

ב אָ ב ע ר ו י ז ע.

כײַע־סאָרעלענ? פאר וואָס? פאר א זעלנער? ביסט מעשוגע, שיקער, צי כאָסערדײע! ווי הײסט... כײַע־סאָרעלענ?

פ ײַ ו ק ע.

מער מאַנצבילֿ פאר ראכמיעלנ... באָבע! כײַע־סאָרעלע איז אײַכ א בעריע א ווײַבל, א כוואטסקע נעקײווע, פײַער אונ פלאַמ איז זי אײַכ! אָ, באָבע, וואָסט ווײסט איר, ווער זי איז! פרעגט אײַכ בעכײרעמ. כײַע־סאָרעלע — דאָס קענ אײַכ קלעטערנ, באָבע, קלעטערנ, ווי א קאצ אונ שפּרינגענ ווי א... ווי קראָליק...

ב אָ ב ע ר ו י ז ע.

לעהאַוודל זאָג, לעהאַוודל, לויז מויל, דו!

פ ײַ ו ק ע.

אונ, באָבע! כײַע־סאָרעלע קענ אײַכ טרײַבנ א טראָיקע פונ די בעסטע פּאָטשט־פערד, קענ זיכ שטעלנ אנטקעגנ דעמ אסעסאָר מיט אלע דעסיאטני־קעס. אונ באָבע!

ב אָ ב ע ר ו י ז ע.

כ'הער, וואָס מינטערסטו מיכ!

פ ײַ ו ק ע.

טאָ הערט־זשע! דעמ דינסטיק פאר איר כאסענע איז זי אײַכ ארופּגעקלע־טערט אפ דעמ דעמב, וואָס בא דער קרעטשמע... איכ בינ געשטאנענ אונטנ, באָבע... איכ בינ, דאכט זיכ, ניט קײנ טרוס, אָבער דער צווײַג האָט עפּעס אזוי ווי א קרעכצ געטאָנ, האָט זיכ מיר געדאכט, אָט־אָט צעברעכט ער זיכ אונ זי פאלט, כאָלילע, אראָפּ...

---

1 א מאקע.

באָבע רויזע.

געבנוג דיר מאָלן, לויז מויל! איך האָב פון דיר שוין אַ לאָך אין קאָפּ...

פײַוקע.

האָב געמיינט, הייסט עס, אָט-אָט פאַלט זי... און מיר איז די האַרץ אײַנ-געפאַלן פאַר שרעק... און, באָבע, הערט, ווי איך בין אַ ייִד...

באָבע רויזע.

שווער זיך ניט, דו, פּיטערנאָטער דו, הערסט?

פײַוקע.

באָבע, ווי איך בין אַ ייִד, האָב אויסגעשטעלט די הענט איר אונטערצו-כאַפּן, טאָמער פאַלט זי, כאָלירע...

באָבע רויזע.

אונטערכאַפּן? מיט די הענט? ווער? דו? האַ? טפו, ניט געדאַכט זאָל דאָס ווערן!

פײַוקע.

כ'ווייס, פּאָטער-נו,[1] כ'ווייס! צו שווער... וואָלט מיסטאָמע געפאַלן מיט איר איינגעם, אָבער אַלץ, קלער איך, אָט צעברעכט מען זיך אַ פוס בײַ אַזאַ מין פאַל... וואָלט דאָס עפּשער ניט געווען אירעו... נאָר קלעטערן! גיטאָ קיין צו הויך פאַר כײַע-סאָרעלען! (פויזע. ער כאַפּט אָפּ דעם אָטעם). הערט, באָבע!

באָבע רויזע:

שווײַג ווידער, פּעגאַ-ראַ,[2] וועסט מיר אופהערן צו באָבענען!

פײַוקע.

הערט, באָבע! איז דאָס עמעס, וואָס מען זאָגט?

באָבע רויזע.

וואָס, קלעק?

פײַוקע.

איז דאָס עמעס, אַז ווען הינט נעמען סקאַווטשען, קומט דער מאַלכאַמאָ-וועס אָן?

באָבע רויזע.

(אין אַ ווייכערן טאָן) עמעס, פײַוקע, עמעס! ראַכמיִעל האָט'ס נעכטן געזאָגט...

פײַוקע.

און, ווי זינגט איר, באָבע?

(ער פּרובירט איר נאָכמאַכן, פאַרהיקעט זיך).

ווי זאָגט איר, באָבע? „בע-עסער צו ליגן..."

באָבע רויזע:

(פאַרכליפּעט זיך און זינגט קימאַט וויינענדיק):

„איידער צו טראָגן יאָוואַנקעס שווערד

„בע-סער צו ליגן צען קלאַפטער אין דר'ערד!"

אַטאַך, אַטאַך גלײַכער, טאַטע באַרמ.האַרציקער... איידער די כאַפּערס...

(איר קאָל ווערט דערשטיקט אין טרערן).

---

1 געוויס, זעלבסטפאַרשטענדלעך.

2. אָנשיקעניש.

צווייטע דערשיינונג

(אומבאמערקט פון זיי קומט אריין ראכמיעל, זיך ווישנדיק די הענט מיט א פאטשיילקע און עפעס מאכנדיק מיט די ליפן).

פייוקע.

גלייכער דער מאלכאמאָוועס?

ראכמיעל.

(קומט נעענטער) וואָרעם ווי האָט דאָוויד האמעלעך געזאָגט צו גאָד דעם נאָווי, פייוקע? ניפלא נא—מאכט ער—לאָמיר אריינפאלן בעיאד אדשעם — אין זיינע הענט, קאוועיאָכל—אוויאד אָדאָם אל עפוילא—אָבער אין מענטשנס הענט ענטפער מיר ניט איבער... האָסט שוין געדאווענט מינכע, פייוועלע?

פייוקע.

(רעדט פאר זיך איבער מיט געפיל, קימאט אין דעם זעלביקן טאָן, ווי ראכמיעל):

אוויאד אָדאָם אל עפוילאָ אָבער אין מענטשנס הענט ענטפער מיר ניט איבער... מינכע? וואָס איז די איילעניש?

ראכמיעל.

שוין לאנג זינט דו ביסט באר-מיצווע געוואָרן?

פייוקע.

שוין באלד דריי יאָר, ניין? צו וואָס פרעגט איר דאָס?

ראכמיעל.

איך, יונגווארג, איז גוט. אָי, איז איך גוט! דער נאָבאָר שרעקט איך ניט. דער שעד נעמט איך ניט. דעם אָל-טוירע [1] פילט איר ניט. קיין אָל-מאל-כוס [2] האָט איר ניט. אָט זעסטו, פייוקע? לאנג ביסטו שוין באר-מיצווע געוואָרן. דער יאָך פון יידישקייט איז אפ דיינע פלייצעס. דער טאטע האָט א באָרעך שעפּאָטראני [3] געמאכט צו זיין הייליקן נאָמען... דו זינדיקסט איצט, ברודערקע, שוין אפ דיין אייגענעם כעזשבן און פון דעסטוועגן איז נאָך בא דיר דערוויילע אלץ ווי געווען: דו פילסט ניט דעם יאָך, דו שטיפסט, דו לויפסט, דו לאכסט אפן קאָל... דיך ארט דעם טאטנס פראצע ניט מער, וויפל אים ארט די ארבעט פון זיינע מילשטיינער, וואָס גייען קעסיידער... גייען און מאָלן.. אָט דרייט עס זיך, און עס מאָלט זיך, עס זיפט זיך, עס שיט זיך, און מעל ווערט... און ברויט ווערט... הייסע בולקעלעך, און יונגווארג עסט, יונגווארג שטאָפּט זיך... קיין ווייב האָט דאָס ניט, קיין זאָרג האָט דאָס ניט.

פייוקע.

(זיך אופכאפנדיק ווי פון שלאָף) הערט, ראכמיעל! אז כייע-סאָרעלע לאָזט אין איך אריין אירע גרויסע אויגן... אירע גרויסע שווארצע אויגן, נעמט איך, אשטייגער, ניט אָן אן איימע? [4]

---

1 דער יאָך פון טוירע.

2 דער יאָך פון מעלוכע.

3 געבענטשט איז גאָט, וואָס איך בין פּאָטער געוואָרן. א בראָכע, וואָס דער רעליגיעזער פאָטער מאכט, ווען זיין זון ווערט בארמיצווע.

4 א שרעק.

ר א כ מ י ע ל.

(קוקט אים אָן פארוואונדערט) קיין אנדערע ראַיינעס[1] האָסטו מאשמאָעס גאָר ניט, דו שנעקוץ דו!

פ יי ו ו ק ע.

הערט, ראכמיעל! איך בין ניט קיין טרוס, ניט איך! האלעוויי בין איך אין אייערע יאָרן און ס׳קומען די כאפערס... איר וואָלט געזען... כ׳וואָלט זיך אָסער באהאלטן. מאלע וואָס סטעפּאנקע דערציילט, אלץ געווען אמאָל. אויס שפּיצרוטענעס[2] זאָגט דער טאטע; מ׳שמייסט שוין ניט מער. ניטאָ אמאָליקע צייטן. האָב גלאט קיין מוירע ניט...

ר א כ מ י ע ל.

אזוי, מיין כוואט! און עסן פון קעסל! און די קאזארמע מיטן רייעך פון מאכאָרקע, מיטן לעבן צווישן סאָנע-יִסראָעל... מיט שטורכעס אין זייט, מיט זשיד פּארכ א גאנצן ליבן טאָג אין די אויערן... און דריי פיים-סכירעס, און אלע ווײַלע א מילכאָמע מיטן טערק... און זיך דערדינען—ווי זאָגט סטעפּאנקע?—דעם הויכן טשין פון סוקין סין...[3] ווײַל דו ביסט ניט מער ווי א ייִד, פארשטייסטו? איר, יונגע לייצים, רעדט... „האָב גלאט קיין מוירע ניט!"

פ יי ו ו ק ע.

ניין, קיין מוירע ניט, ראכמיעל, פאר קיין זאך ניט, אָבער פאר כייע־סאָרעס קוק ווער איך אמאָל א צעציטערטער. און, דאכט זיך, וואָס?

ר א כ מ י ע ל.

דאכט זיך, נאָז! כוילעם נאָז, זאָג איך דיר! גיי, שנעקוץ, דאוונען מינכע, כייע־סאָרע איז איצט שוין א ווײַבל און דוואָרים אכיירים[4] מיט דיר צוזאמען האָט זי פריער אויך ניט געפּיטערט.

פ יי ו ו ק ע.

(אזויווי ער וואָלט גאָרניט אונטערבראָכן געוואָרן) דאכט זיך גאָרנישט, הא? אָבער אין אירע אויגן... אין אירע אויגן, ראכמיעל... אין אירע שווארצע אויגן... פארשטייט איר, איז... איר ווייסט דאָך מיסטאָמע, וואָס איך מיין...

ר א כ מ י ע ל.

דו רעדסט פון היץ.

פ יי ו ו ק ע.

זי קוקט אייך, אשטייגער, אָן, און אײַך ווערט עפּעס ווארעם אין בוזעם... הערט, ראכמיעל! ביים איך בין נאָך געווען גאָר א ברעקל ייִנגל, אין ברייטע מײַטקעס, און זי איז נאָך געווען א מיידל א יאָר פופצן, און מיר האָבן געלערנט באם מעלאמעד, וואָס מע׳ט געהאלטן פאר איר... און מיר פלעגן פארנאכט זיך א לאָז טאָן ביידע אין וואלד ארײַן איידער ס׳פלעגט פינצטער ווערן...

---

1 געדאנקען.

2 שטראָף אין דער צייט פון ניקאָליי I, וואָס פלעגט באשטיין אין דעם, וואָס מע פלעגט דעם באשטראָפטן דורכטרײַבן דורכן „סטרוי" און שלאָגן אים דערבײַ מיט ספּעציעלע רוטער.

3 הינטישער זון.

4 געמיינט כאזיירים.

און זי פלעגט מיר אזוי אָנעמען פארן האנט (ער טוט עס צו ראכמיעלן, און ראכמיעל טוט א שפרונג פון אָרט) אָי, ראכמיעל!

ראכמיעל.

באָבע רויזע, וואָס וויל ער פון מיר, דעם מילנערס קאדיש?

באָבע רויזע.

(זי כאפט זיך אויף פון שלאָף) ווער? ער? הא? אדעראבע פרעג אים.

פײַווקע.

הערט ראכמיעל, אײַך איז גאָרנישט... אז זי נעמט אײַך אָן פארן האנט? הא? און, ראכמיעל, און, אשטייגער, זיי, די כאפערס, קומען נאָך אײַך, און זיי נעמען אײַך און טוען אײַך אָן סאָלדאטסקע קליידער...

באָבע רויזע.

דעם צונג בײַס אָפ, דו שטיק סאדלע...

פײַווקע.

נו, און איר גייט אוועק, ווײַט, ווײַט פון איר, אהין אין מערכאקים [1] אוועק... אין טיף ראָסייע, ווו סטעפאנקע איז געווען... וואָס, אשטייגער, וואָלט איר טאָן אָן איר, אָן כײַע-סאָרעלען, הא?

(פון גאנץ ווײַט דערהערן זיך הינט בילנדיק)

דאָס וויינען הינט. איך ווייס, ווען זיי לאכן און ווען זיי וויינען. דאָס זײַנען דערשראָקענע הינט. ס'קומט דער מאלכאמאָוועס אָן אין דאָרף, ניין, ראכמיעל? (פאר זיך) ער, אָדער וועלפקע....

ראכמיעל.

באָבע רויזע, וואָס וויל ער פון מיר? זאָגט, וואָס וויל ער!

(אין טיר באווײַזט זיך סטעפאנקע. ער גיט פײַווקען א ווונק. שנעל לויפט ער צו אים צו, און ביידע גייען האסטיק ארויס).

ראכמיעל.

אוועק! באָבע, ער איז אוועק... נישקאָשע, פון ווילדקרויט וואקסט דאָ באם מיל בא אײַך! (פויזע) באָבע רויזע, האָט איר געזען כײַע-סאָרעלען נאָכן אָנבײַסן?

באָבע רויזע.

ווער? איך? הא? יע. שמײַעט עפעס ארום דעם גאנצן טאָג. רעדט ניט. עסט ניט. עפשער איז דאָס עמעט — א קאשע אפ א מײַסע!

ראכמיעל.

עמעס? וואָס איז עמעט?

באָבע רויזע.

שרעק זיך ניט, מײַן קינד... אין האָלאָזעם... דאָ ניט ווײַט... אן אומגליק אביסל! פונדאָסניי די אָסנאָווע איבערגעריסן!

(זי פאדעט ארום די פלאקס אפן שפינדל)

ראכמיעל.

(אומגעדולדיק) וואָס דאָ ניט ווײַט, באָבע?

---

[1] ווײַטע ערטער.

באָבע רויזע.

וואָס דאָ ניט ווייִס? טאַקע וואָס? יע, דאָ ניט ווייַס, אינ האָלאָזעם, זאָגט פּייווקע, זוכט מען פונ נעכטנ אָנ א באָכער... וואָס איז... ווי זאָגנ זיי? וואָס איז זאַטשיסלעט [1] אינ הייִנטיקנ נאַבאָר... אינ די זעקט א־האַלב נעפּאַשעס, וואָס דער פּאָוויט דאַרפ געבנ אונדזערער.

ראַכמיִעל.

עפּשער... עלע וואָס? זי וואָלט מיר געזאָגט? אָ, באָבע קרוינ, איז מיר ביטער! כייִע־סאָרעלע איז פונ עטלעכע טעג גאָר ניט דיזעלביקע... גאָר ניט די בעריע מיטמויל־שילשוים. [2] מיר ווערט שרעקלעכ, ווענ איכ דערזע איר... מייִנ הארצ קלאַפּט, ווי מיט האַמערס...

(בא באָבע רויזע שטעלט זיכ אָפּ דער רעדל, דער שפּינ־פּאָדעמ פאַלט איר ארויס פונ דער האַנט, אונ זי ווערט האַלב אייִנגעשלאָפנ. ראַכמיִעל רעדט איצט מער צו זיכ, ווי צו איר).

ראַכמיִעל.

כייִע־סאָרעלע טראָגט זיכ ארום מיט א סאָד, מיט א שרעקלעכנ סאָד אינ בוזעמ. עפּעס רעדט זי מיט מיר מיט אזויפיל זיסקייִט, מיט אזא מאָרעשכוי־רעדיקע מסיקעס [3] גאָר ניט ווערליק נאָכ איר טעווע נאָכ, זי האַלט מיכ נאָר מער ווי פריִער פאַר א נעבעכל, א שוואַכ באַשעפעניש... עפּשער, ווער ווייסט? עפּשער קלייַבט מענ זיכ דאָס טאַקע צו מיר? עפּשער...

באָבע רויזע.

(זינגט, ווי דורכנ כאָלעמ, מיט א פאַרשלאָפענעמ, שטילנ, שוואַכנ קאָל, מיט האַלבע ווערטער):

„איי... ער... או... טראַ... יאָוואנ... עס...
„בעסער... או... אָ... ...”

(לאָזט אראָפּ דעמ קאָפּ, אונ אייִנגעשלאָפענע).

ראַכמיִעל.

(אינ דעמזעלביקנ טאָנ)

„איידער צו טראָגנ יאָוואַנקעס שווערד,
„בעסער צו ליגנ צענ קלאַפטער אינ דר'ערד!”

דריטע דערשייִנונג

(אינ טיר באַווייַזט זיכ כייִע־סאָרע, הינטער איר פּייווקע מיט אנ ערנסטנ פּאָנעמ. ראַכמיִעל באַמערקט זיי ניט).

כייִע־סאָרע.

געדענקשע, פּייווקע, אזוי גיכ, ווי דו זעסט זיי אנ ערעכ פאַר א וויאָרסט פונדאַנענ, דערלאַנגסטו א סוויסטש איינמאָל, צוויי מאָל, דרייַ מאָל. שטיי אָבער גאָר אויבנ.

פּייווקע.

פאַרשטייט זיכ. הויכ שטיי איכ אפ דעמ דאָזיקנ דעמב, דו געדענקסט? אפ דעמ סאַמע דעמב... נאָכ דאָ פיל בלעטער, זיי וועלנ מיכ פאַרשטעלנ.

---

[1] פאַרעכנט.

[2] פונ בעכטנ־אייערנעכטנ.

[3] אָנגענעמקייַט, צוגעלאָזנקייַט.

כײַע-טאָרע.

(חײַוס אים אָפּ ראכמיִעלן)

רײד ניט אזוי הויך.

פּײַוקע.

(אביסל נידעריקער) קען זען װײַטער װי א װיִאָרסט. װעל זײ דערקענען. און, כײַע-סאָרעלע, געדענקסט די װיצקע[1]? דו האָסט לאגנוימער[2] פאר מיר אָפּגעשניטן? האָב דערפון א פײַפל געמאכט. לײג זי צו צו די ליפּן... (ער פּאָסמאקעװעט זיך)

כײַע-טאָרע.

גײ, מאך זיך ניט נאריש! (ער גײט). ראכמיִעל! (ער טוט זיך האסטיק א כאַפּ) װאָס ביסטו אזוי פארטראכט? קום אהער, זעצ זיך דאָ לעבן מיר, אפן באנק... לאָמיר רײדן שטיל: באָבע רויזע האָט אײַנגעדרעמלט.

ראכמיִעל.

איז דאָ ניט געװען פּײַוקע װידער? האָב עפּעס װי דורכן כאָלעם זײַן קאָל געהערט.

כײַע טאָרע.

יע, האָב אים געשיקט א גאנג. װאָרעם װאָס?

ראכמיִעל.

זעסטו, כײַע-סאָרעלע? זײ איז בעסער װי אונדז: איר און אים. באָבע רויזען, מײן איך, און פּײַוקען. צום האָבן דײַגעס איז זי, זאָל געזונט זײַן-שוין צו אלט, און ער נאָך צו יונג... װײסטו? פּײַוקע... ער דרײט זיך דאָ ארום דעם גאנצן טאָג הײַנט... פּײַוקע האָט מיר עפּעס געזאָגט, װאָס איך האָב אין פלוג געװאָרפן אלײן װיסן בעסער װי ער. גערעדט האָט ער װעגן דײַנע אויגן און... עפּעס איז דער זאָג זײַנער מיר געװען א נײַער. דו װײסט, כײַע-סאָרעלע, א געמאָרע איז דאָ אין טאאניס,[3] אז װען א קאלע האָט שײנע אויגן, דארף מען שוין װײַטער ניט קוקן.

כײַע-טאָרע.

גײ, גײ, נארעלע מײַנער, אָבער װאָס מײנסטו מיטן טאאניס?

ראכמיִעל.

(שמײכלט אונטער) טאאניס? דאָס איז די מעסיכטע[4] טאאניס, אזא סײפער אין שאס,[5] א געמאָרע אזוינע. נאָר דו האָסט ניט פיל געלערנט.

כײַע-טאָרע.

(סטארעט זיך אויך צו שמײכלען) אָ, איך קען דאװנען אין א סידער, װי א מאנצבײל. (פאר זיך) טאטע-פאָטער, װי הײבט מען אָן מיט אים צו רײדן? (הויך) פּײַוקעס טאטע קען אפילע דאָס אויך ניט. צװישן אײַך, מאנצבײלן, װארפן זיך אויך דורך אלערלײ.

---

1 דאָס צװײַגל.

2 יִדישער רעליגיִעזער פּרילינג־יאָנטעװ.

3 דער טיטל פון א געמאָרע.

4 א געמאָרע־טראקטאט.

5 אלע געמאָרעס צוזאמען.

ר א כ מ ִ ע ל.

ווי זאָגט יענער? ווען ניט די ווערעמדיקע, וואָלט מען ארבעס ניט גע-דארפט קלייבן...

כ ײַ ע ־ ס אָ ר ע.

אוואדע! אָבער (מיט אן אָנשטרענגונג) הער, איך מוז דיר עפּעס זאָגן...

ר א כ מ ִ ע ל.

(דערשראָקן) כייע - סאָרעלע! וואָס איז מיט דיר! עפּעס ציטערט היינט דער קאָל דיינער... וואָס אזוינס קענסטו מיר האָבן צו זאָגן, אז דו...

כ ײַ ע-ס אָ ר ע.

גאָרנישט, גאָרנישט! בין עפּעס, ניט פאר דיר געדאכט, ניט אין גאנצן.

ר א כ מ ִ ע ל.

דו זאָגסט, דו מוזט מיר עפּעס זאָגן... דו מוזט. וואָס קען דאָס זיין?

כ ײַ ע - ס אָ ר ע.

אָט טאקע, אז דיין גיבערטע איז ניט אין גאנצן...

ר א כ מ ִ ע ל.

עפּשער? ...

כ ײַ ע־ס אָ ר ע.

דאכט זיך, נאָך ניט. באָבע רויזע זאָגט, קאָלזמאַן עס נודיעט ניט און מען ברעכט ניט, איז א סימען...

ר א כ מ ִ ע ל.

אז, הייסט עס, גאָר ניט... אָבער אין דיין קאָל הערט זיך אן אנדער... ווי זאָל איך דיר זאָגן... ס'קלעפּט זיך בא מיר היינט עפּעס אויך ניט א וואָרט צו א וואָרט... הער, כייע-סאָרעלע!

כ ײַ ע-ס אָ ר ע.

(נעמט אים אָן בא דער האנט) יע, מיין זיסער...

ר א כ מ ִ ע ל

כייע - סאָרעלע, דו ווייסט, מיר טוט באַנג, וואָס דיין פאָטער איז גראָד איצט אין שטאָט — אזוי ווייט פון אונדז. פאָרט ער דאָך אַלע יאָר אוועק נאָך יאָנטויווים?

כ ײַ ע - ס אָ ר ע.

נ־ניין, אָבער הער...

ר א כ מ ִ ע ל.

טאָ פאר וואָס עפּעס האַי-יאָר?

כ ײַ ע - ס אָ ר ע.

איך ווייס ניט, הער וואָס איך'ל דיר זאָגן.

ר א כ מ ִ ע ל

וואַרט א ווײַלינקע, כייע - סאָרעלע. האָט זיך קאָהאָל מיט אים ניט געזעגנט פארן אוועקפאָרן זיינעם?

כ ײַ ע־ס אָ ר ע.

קאָהאָל? דאכט זיך, אז ניט.

ר א כ מ ִ ע ל.

עמיצער איז נאָכ... נאָכ סוקעס געווענ אינ קרעטשמע, א שטאָטיקער באלעבאָס אונ דער שווער האָט זיכ מיט אים, דאכט זיכ, געזעג...

כ ײַ ע ־ ס אָ ר ע.

קענ זײַנ, אָבער הער... מיר ווילט זיכ מיט דיר ריידנ... געדענקסטו, ווענ דו ביסט פאראיאָרנ אהער געקומענ צו מיר? כאָסנ־ווײַז? דער טאטע האָט דיכ געבראכט צו מיר, קלוימערשט אזוי גלאט. האָט געוווסט, אז מיר גיט מענ ניט עפּעס אבי וועמענ אונ, אשטייגער, מארש צו דער כופּע! ער האָט מוירע געהאט, דו וועסט מיר ניט געפעלנ. אונ אינ אָנהייב האָב איכ דיר טאקע ניט געוואָלט. גאָר אינ אָנהייב... בייס דו ביסט ארײַנגעקומענ אינ שטוב. מיידלווײַז האָב איכ אנדערש געקלערט... א גוואר האָט מײַנ כאָסנ געדארפט זײַנ, א מענטש, וואָס קענ טראָגנ א ביקס (זי כאפּט זיכ, אז זי האָט זיכ אויטגערעדט א נארישקײַט, גיט זיכ אָבער ניט אונטער) אונ קענ שמעקנ פולווער; א כעוורע-מאנ וואָס קענ קוקנ א וואָלפ גלײַכ אינ די אויגנ. אונ דו ביסט געווענ אזא שוואכינקער, א פוכלינקער, אנ איידעלער (גיט אים א פײַערדיקנ קוש) שלימעזאלניקל!.. נו, אונ אָט הייבסטו אָנ צו ריידנ... (זי גייט מער אונ מער ארײַנ אינ אנ עקסטאז) אונ דײַנ פּאָנעם ווערט עפּעס אזוי ווי באלויכטנ פונ דער ליכטיקער זונ... אונ דײַנ קאָל איז אזוי זיס, אונ די ווערטער שיטנ זיכ, ווי פּערל פונ דײַנ מויל... קיינמאָל האָב איכ א מאנצביל ניט געהערט אזוי ריידנ, אפילע ניט אינ שטאָט ווענ איכ פלעג אמאָל קומענ צו מומע ציפּענ צוגעסט... יע, ווי פּערל שיטנ זיכ די ווערטער דײַנע, אונ מײַנ הארצ, דאכט זיכ, שטארבט אָפּ, אונ איכ בינ עפּעט אזוי ווי אינ א כאָלעם. אונ... אונ... (זי נעמט ארײַנ זײַנ פּאָנעם אינ ביידע הענט אונ קושט אים לײַדנשאפטלעכ) אונ, ווייסט? עפּעס וואקסטו אויס פאר מײַנע אויגנ... ס'איז דאָ אזא פלאנצ, זאָגט מענ, כ'ווייס ניט ווי זי הייסט, וואָס מע קענ קימאט זענ וואקסנדיק... אָט, ווי זי, וואקסטו אויס אינ מײַנע אויגנ אונ דו ווערסט מיר עפּעס אויס גרויס, שטארק, הויכ אונ... אונ מיר ווילט זיכ דיר גלײַכ צודריקנ צום הארצנ, גלייכ, גלײַכ! אונ יאָרנ זײַנענ מיר די כאדאָשים, וואָס פארגייענ פאר אונדזער כאסענע אונ... דו ווייסט עס ניט... גענכט זיצ איכ אָפּ אונ לייענ אונ לערנ, האָב מוירע די יישווווניצע קענ דיר עפּשער ניט געפעלנ...

ר א כ מ ִ ע ל.

נו, מיר זײַנענ דאָכ שוינ געווענ פארקנאסט!

כ ײַ ע - ס אָ ר ע.

נארעלע! וואָס טויג מיר פארקנאסט, אפילע מעקאדעש זײַנ, אויב איכ געפעל דיר נישט? מײַנ טאטע האָט פאר זײַנ געלט עפּשער געקענט קריגנ אנ איידעם — א יאכסנ, א לאמדנ. איכ בינ ניט קיינ טאטע. איכ קויפ ניט פאר געלט. איכ נעמ אים, וואָס גיט זיכ מיר, אניט שפּרינג איכ גיכער ארײַנ אינ טײַכ מיט צענ פוד בלײַ אָפּ די פיס... (דער וואנט־זייגער שלאָגט פינפ) הער צו, מײַנ זיסער...

ר א כ מ ִ ע ל.

רייד, רייד! דו ווייסט? אזוי האָבנ מיר ביידע נאָכ קיינמאָל ניט גערעדט.

כ ײַ ע-ס אָ ר ע.

נו, טאָ הער זשע...

ר א כ מ ִ ע ל.

ווארט א רעגע. אז עס קומט שוין יאָ צו רייד, לאָמיר דיר אויך עפּעס דערציילן. איך ווייס, ס'איז עפּשער א נארישקײַט.

כ ײַ ע־ס אָ ר ע.

דערצייל, זיסינקער.

ר א כ מ ִ ע ל.

דו ווייסט דאָך, אין כומעש איז דאָ א סעדרע[1] „כײַע סאָרע" גייט טאקע איבער אכט טאָג. איז ווען איך בין נאָך אונדזוערע טנאָיִם צוריק געקומען אין שטאָט, פלעג איך אלע טאָג אין קלויז באַם דאווענען, צו שאכרים, צו מינכע און צו מײַרעוו, ווילנדיק-ניט-ווילנדיק, צוגיין צום אלמער ספאָרים, פלעג ארויס-נעמען א כומעש, פלעג מישן פארטראכט א בלאט נאָך א בלאט און שטענדיק פלעג איך אופמישן די סעדרע „כײַע סאָרע" און... לאך ניט! און פלעג מאָל פאר מאָל אוועקלייגן דעם סייפער מיט... מיט א קוש. דאכט זיך וואָס? אָבער פאָרט... א נארישקײַט, ניין?

כ ײַ ע־ס אָ ר ע.

ווער ווייס! אָבער הער....

(אין טיר באווײַזט זיך סטעפאנקע. ראכמיִעל זעט אים ניט. כײַע־סאָרע גיט אים א ווונק ער זאָל א ווײַלע ווארטן דרויסן. סטעפאנקע ציט זיך צוריק).

כ ײַ ע-ס אָ ר ע

(צו ראכמיִעלן) ריידנדיק פונעם קלויז... האָסט דאָך נאָך ניט געדאווענט קיין מינכע. גיי ארײַן אין שטוב... סטעפאנקע האָט מיר געבראכט פון שטאָט אײַנ-געקויפטע זאכן. איידער דו דאווענסט אָפּ, בין איך פארטיק מיט אים... מוז דורכ-זען, וואָס ער האָט מיר געבראכט.

ר א כ מ ִ ע ל.

גערעכט, גערעכט, אָבער פאטער פאטער אים אָפּ וואָס גיכער. (פאר זיך) איינ גאָט אין הימל ווייס, וואָס דאָ טוט זיך.

פ ע ר ט ע ד ע ר ש ײַ נ ו נ ג

כ ײַ ע-ס אָ ר ע.

ווו נעמט מען קויעך מיט אים צו ריידן, ווי מען דארף? (קוקט ארויס דורכן פענצטער און רופט שטילערהייט) סטעפאנקע, סטעפאן! אהער קום!

ס ט ע פּ א נ ק ע.

(רעדט אויך שטיל) ניטשעוואָ, באריניא![2] האָבסט נאָך צײַט. זיי זעען זשיך נאָך ניט. נאָך אין האָלאָזעם. דיאוואָלי...[3] וויערנאָ, זאָיך דיר, באריניא, יעי באָגו![4]

---

1 א טייל פון כומעש.

2 נישקאָשע, באלעבאָסטע.

3 טײַוואָלים.

4 בא גאָט שווער איך!

כ יַ ע-ס אָ ר ע.

גוט, אויב אזוי, האָבן מיר נאָך (קלערט א ווײַלע) לעכאָלעפּאָכעס א שאָ אָנדערהאלבן צײַט? בא מיר איז אלץ אָנגעגרייט. פּיַיוקע שטייט אפן וואך.

ס ט ע פּ א נ ק ע.

באריניא, פּארוואָס דײַן באטיושקא[1] נישט געקעיפּט אַן אָכוואָטניק פּאר אימ? כאָטש אימ, קאזשים[2] געלט גענוג, ניעטאק־לי?[3]

כ יַ ע־ס אָ ר ע.

האָב אוועקגעשיקט... קיינער טאָר דאָס ניט וויסן, סטעפּאנ... א מענטשן אינ שטאָט. דער פּאָטער אָבער מוז זײַן אפן וועג קיינ ריגע. עפּשער וועט מען זערגיינ, ווו ער געפינט זיך איצט, עפּשער ניט. ווער האָט זיך געקענט רעכענען אפּ אזאַ'ן אומגליק?

ס ט ע פּ א נ ק ע.

מײַנ באטקאָ'ס[4] ווערטער—סלאָוואָ וו'סלאָוואָ![5] געדענק, יעי באָגו! ער געזאָגט, ווענ איך שוינ געוועזט אָפּגעגעבנ... א וויעד[6] איך יעמאָלט געוועזט נאָר א פּיטשוק, דאזשע[7] פּאר מײַנ וואָזראסט[8] קליינ, „קראָשקא זשידיאָנאָק"[9] פּלעגט דיאדקאָ[10] מיך רופנ. אכט יאָר אלט געוועזט (כיַיע־סאָרע קוקט אומרויִק ארויס פונעמ פענצטער). ניע ביעזפּאָקאָיסא, באריניא,[11] האָבסט נאָך צײַט. א זאמיעם[12] פּײַוקע, ער קוק אויס... פּײַוקע מאָלאָדיעצ... (שרײַט ארויס דורכנ פענצטער) עי, פּײַוקא! פּײַוקא! דו, בראט,[13] קוק אויס!

(באָבע רויזע בורבלט עפּעס און רײַבט זיך די אויגנ).

כ יַ ע־ס אָ ר ע.

האָסט אופגעוועקט די באָבען. שרײַענ דארפ מענ גלאט ניט, סטעפּאנ...

ב אָ ב ע ר ו י ז ע.

(נעמט ארײַנ דעמ פלאקס־פּאָדעמ אינ האנט און דרייט, האלב ניט וויסנדיק, וואָס זי טוט, דעמ רעדל און זינגט ווי פריער).

„איידער צו עסנ יאָזואנקעס קאשע..."

אָי־אָי־אָי!

ס ט ע פּ א נ ק ע.

(טוט זיך א כאפּ) אָ, וואָט, וואָט, וואָט![14] דאָס מענ אינ אונדזער צײַט געזונגט באבא! געדיענק, יעי באָגו, געדיענק! (כיַיע־סאָרע קוקט ווידער ארויס פונ

---

1 טאטע.
2 דאכט זיך.
3 ניט וואָר?
4 טאטעס.
5 וואָרט אינ וואָרט.
6 דאָך.
7 אפילע.
8 עלטער.
9 קליינ יידעלע
10 פעטער. דאָ געמיינט—אנ עלטסטער.
11 באומרויִק זיך ניט, באלעבאָסטע.
12 דערנאָך.
13 ברודער.
14 אָט, אָט, אָט!

פענצטער) דראָם[1] באַריניאַ, האָבסט נאָך צײַט. דא אי[2] פײַװוקאַ... ער ניט דרעמליעט. טאַק װאָט:[3] איינמאָל, איך שוין געװען א ריאַדאָװאָי, א גאַנצער סאָלדאַט, זנאַטשיט,[4] פוראַזשקאַ,[5] שינעל, ביקס, ראַניעץ—אַלץ װי׳ס פּאָלאָגאַיעט[6] זשיך. אי װאָט קום איך מיטן פּאָלק מײַנעם קיין סלאָנים. ביט װײַט פון מײַן... װי זאָגט מען עס? פון מײַן ראָדינאַ,[7] גיים, זנאַטשיט, װו איך זשיך געהאָדעװעט. דאָ האָזש מען אונז, פּיעכאָטנע, אָפּרעדיעלאַיעט פּאָ בילעטאַם[8] איבער די באַלעבאַטים. טאַק װאָט איינע אָװנט, אין יעסן, װי איצט, זיטשיך מיט א טרובקע אין מויל אַפּ א סקאַמייקע[9] פאַרן הויז... (כײַע־סאָרע װערט אַלץ אומרויִקער) סקאַזאַנאָ,[10] האָבסט נאָך צײַט, באַריניאַ! טשעװאָ זשיך טרעװאָזשען פּאָנאַפּראַסנו!?[11] נו, זיטשיך און קוק איך אַרויס אַפּן גאַס. פּלוצים, זע איך א גאַנצע סטאַיע קינדער לויפן נאָך א װײַבל, אָפּגעריסן; אָפּגע...

כ ײַ ע-ס אָ ר ע

(כאַפּט אים אונטער, קוקנדיק אָן א זײַט) אָפּגעשליסן...

ס ט ע פּ א נ ק ע.

יע, אָפּגעשליסן. האָר ראַספּוסטשעט,[12] װײַנט טראָגט אין אַלע זײַטן.. אויגן אויסגע... אויסגעגלאָצטע, װי בא א טויטע; אַפּ איין פוס טראַנטע, טריאַפּקי, פּאָנימאַיעש,[13] די אַנדערע גאָר הויל, טאָלקאָ[14] מיט בלאָטע באַדעקט. טרוקענע בלאָטע, פּאָנימאַיעש און זינגט, און װיינט; װײַנט, טאָ׳עסט ס׳נאַפּיעװאָם..[15] מיט א...

כ ײַ ע-ס אָ ר ע.

(װי פריִער) א ניגן... נו?

ס ט ע פּ א נ ק ע.

די װייסט? װאָט װי אידון װיינען נאַקאַנוניע[16] יאָנקיפּער אינאָװנט, אין שול, און דאָס נעמט דורך און דורך... און די װערטער טאָטש װ׳טאָטש[17] װי

---

1 אומזיסט
2 און אויך.
3 איז אָט.
4 הייסט עס.
5 א היטל.
6 װי ס׳פאָדערט.
7 היים.
8 פוסגייער באַשטימט לויט בילעטן.
9 באַנק.
10 שוין געזאָגט.
11 צו װאָס זיך אומזיסט באַאומרויִקן.
12 פאַנאַנדערגעלאָזן.
13 שמאַטעס, פאַרשטייסט.
14 נאָר.
15 ס׳הייסט מיט א געזאַנג.
16 ערעװ.
17 פונקט אַזוי.

באבושקאים (באָבע רויזע ווערט אופמערקזאַם) וואָס זשי האָט טאָלקאָ שטאָ[1] געזונגט...
א נוקא. באבושקא, ספּאָי![2]

באָבע רויזע

(פאַרשלאָפן און פויל):

„איידער צו טראָגן יאָוואנקעס היטל...״

אָי, א כורבן א גרויסער!

סטעפּאַנקע.

וואָט, וואָט, וואָט! און די ווײַבל, זנאַטשיט, גייט און זינגט, די רעביאַטיש־קעס[3] איר נאָך... אי וואָט קומט זי נעענטער. ווידנאָ, קראַסאָטקא[4] געווען אַמאָל, שטעדן הויך, נאָז ווי אָפּגעטאָקט, מײַלכעלע ווי בא זשאַוואָראָנאָק[5] א קליינינקע. ס'ווילט זשיך וויינען, יעי באָגו! (כײַע־סאָרע ווערט נאָך אומגעדולדיקער) באַרינִיא, דו האָבסט נאָך צײַט, וויערנאָ גאָוואָריו! טאַק וואָט,[6] ווער'ך געוואָר, אַזש ווײַבל ס'אומא סאָשלא,[7] מעשוגע, זנאַטשיט. מאַכמעס האָט'ן איר ביאָכידל, סיראָטקא[8] דערצו נאָך, געכאַפּט, ווי מיך א קליינינקן, א ברעקעלע, אי סדאלי.[9] א וואָט, באָבע רויזע, קאַזשיס, ווידער אײַנגעשלאָפן!

כײַע־סאָרע.

שש... סטעפּאַן, לײַכט מאַכן זיך דײַנע אויגן צו, באָבע אַלטע. אהא! ראַכ־מיעל קומט. סטעפּאַן, טראָג זיך אָפּ!

סטעפּאַנקע.

לאַדנאָ![10] כ'גיי. אָבער גוד ספּאָקאָינא[11], כײַע מיכאַילאָוונא, האָבסט נאָך צײַט. און מיר מיט פּײַוועקע האָלט אויגן אָפּן. ניעדראָם פּיפּוטשוואַנטשיק יאָר מיקאָלאיען געדיענט.

פינפטע דערשײַנונג

כײַע־סאָרע.

מיר קומט אָן דער ריידן מיט אים שווער, ווי קריאַס יאַמסופּ[12] (ראַכמיעל קומט אַרײַן) ראַכמיעל!

ראַכמיעל.

נו?

---

1 אָקאָרשט.
2 נו, באָבינקע, זינג.
3 כעווריע.
4 קענטיק, א שיינהײַט.
5 לערכע, לארק.
6 כ'זאָג דעם עמעס! איז אָט.
7 אראָפּ פון זינען.
א יאָסעמל.
9 און אָפּגעגעבן.
10 גוט.
11 זײַ רויִק.
12 ווי שפּאַלטן דעם יאַמסוף, געמיינט — זייער שווער.

כ יַ ע - ס אָ ר ע.

זעצ זיכ דאָ לעבנ מיר. (זיכ מאכנדיק א הארצ) ראכמיִעל, דו וואָלסט איצט ניט וועלנ לאָזנ דיַינ וויַיב אונ אוועקגיינ, הא?

ר א כ מ ִ ע ל.

וואָס איז דאָ צו ריידנ?

כ יַ ע - ס אָ ר ע.

דו וואָלסט ניט קענענ לעבנ אָנ מיר, ווי איכ וואָלט ניט קענענ לעבנ אָנ דיר, ניינ?

ר א כ מ ִ ע ל.

נו, אוואדע!

כ יַ ע - ס אָ ר ע.

וויל מענ אונדז אָבער פאנאנדערשיידנ.

ר א כ מ ִ ע ל.

ווי הייסט, פאנאנדערשיידנ?

כ יַ ע-ס אָ ר ע.

מענ וויל דיר פונ מיר אוועקנעמענ.

ר א כ מ ִ ע ל.

מיר? פונ דיר? וו... ווער אשטייגער?

כ יַ ע-ס אָ ר ע.

ווער? קאָהאָל.

ר א כ מ ִ ע ל.

(עס ווארפט אימ א צאָנ אָנ א צאָנ) קאָהאָל? מיכ אָפגעבנ ווילנ זיי פאר א זעל...

כ יַ ע-ס אָ ר ע.

פאר א זעלנער. (זי שטעלט זיכ אוועק בעקוימא זקופאָ) [1] אָבער זיי וועלנ דאָס ניט דערלעבנ.

ר א כ מ ִ ע ל.

ווי הייסט? זיי וועלנ...

כ יַ ע - ס אָ ר ע.

זיי וועלנ ניט נעמענ, מאכמעס איכ וועל ניט לאָזנ.

ר א כ מ ִ ע ל.

(קעסיידער ציטערנדיק) קינד דו! וואָס, לעערעכ, קענסטו, אָט אפילע דו, טאָנ אנטקעגנ קאָהאָל?

כ יַ ע - ס אָ ר ע.

ניט מיט קויעכ. מיט סייכל.

ר א כ מ ִ ע ל.

דעהיַינע?

כ יַ ע-ס אָ ר ע.

האָב פארשפרייט א סלוכ [2], אז דו ביסט, ניט פאר קיינ יידנ געדאכט, זייער קראנק, אז דו... איכ וויל די ווערטער פונ מיַינ מויל ניט ארויסברענגענ... ביסט...

---

[1] מיט אנ אופגעהויבענעמ קאָפ.

[2] א קלאנג.

ר א כ מ י ע ל.

אל טיפטאב פע לעסאָטנ...[1] איכ פארשטיי, נו?

כ יַי ע-ס אָ ר ע.

פארשטייט זיכ, דאָס וועט זיי ניט אָפּהאלטנ... מענטשנ, ווי זיי, קענ מענ ניט לײַכט מולירנ...[2] הײַנט נאָכ דערוואַרט איכ די ניט-געבעטענע געסט... עפּשער אינ א שאָ ארום.

ר א כ מ י ע ל.

טאָ וואָס־זשע?

כ יַי ע-ס אָ ר ע.

מיר וועלנ זיי פאָרט אָפּנארנ. אלצ איז אָנגעגרייט... זיי וועלנ אוועקגיינ מיט ליידיקנ. אינ עסצימער אונטערנ שלאָפּבאנק האָב איכ א מיכסע...[3] ליכט... אלצ ווי ס'באַדארפ צו זײַנ. דו וועסט זיכ מאכנ פאר...

ר א כ מ י ע ל.

(אינ גרויס שרעק) פאר ט... טויט? ניינ, ניינ, ניינ!

כ יַי ע-ס אָ ר ע.

ליבסטער, עס איז קיינ אנדער מיטל ניטאָ. מיינסט, איכ האָב זיכ דיר נישט — מיר נישט... מיט א לײַכטנ הארצנ... געגומענ צו אזא זאכ, אָבער אלע וועגנ זײַנעב אָפּגעשניטנ. זיי האָבנ אפּ אונדז הונדערט אויגנ. וואָלט דער טאטע געווענ אינדערהיימ, וואָלטנ מיר זיכ עפּשער אויסגעקויפט מיט א גרויסנ פידיענ...[4]

ר א כ מ י ע ל.

כײַע־סאָרעלע... דאָס איז דײַנ טאטע, נעמ ניט פאר אומגוט... אָבער ער האָט דאָס געטאָנ אומישנע... ער איז דערפאר טאקע אוועקגעפאָרנ...

כ יַי ע-ס אָ ר ע.

(קאלט) ניט דו רעדסט, זיסינקער, דער ווייטעק רעדט אינ דיר.

ר א כ מ י ע ל.

ניינ, ניינ! איכ ווייס, וואָס איכ רייד. אָט צוליב דעמ גרויסנ פידיענ איז ער טאקע אוועקגעפאָרנ... האָט כאָלילע ניט געמיינט קיינ בייז... איכ האָב דיר שוינ געזאָגט, ער האָט זיכ נאָכ יאָנטעוו געזוגנ מיט א שטאָטיקנ באלעבאָס דאָ אינ קרעטשמע... פארשטיי איצט אלצ... אלצ איז מיר מיטאמאָל קלאָר געוואָרנ... אלצ... מע האָט פארלאנגט א גרויסע מאטבייע... זײַנע מיסטאָמע געווענ אכוואָט-ניקעס. דער טאטע האָט געקלערט, זיי וועלנ זײַנ איידעמ, דעמ מעיוכעס, ניט סמייענ צו נעמענ און וועלנ ביז איבערנ פריאָמ אפילע ניט וויסנ ווו ער איז בא אימ מיט סטראשונקעס ארויסצומאנעווענ גרויסע געלט... איצט איז שלעכט..

כ יַי ע־ס אָ ר ע.

קאָנ זײַנ,[5] דו ביסט גערעכט... אָבער איצט טאָר מענ וועגנ קיינ אנדער זאכ ניט טראכטנ, ווי דיכ ארויסצוראטעווענ פונ זייערע הענט... איצט וואָלט עפּשער

---

1 געמיינט: ברענג ניט ארויס פארנ מויל.

2 אָפּנארנ, פארדרייענ א קאָפּ.

3 א צודעק, די שווארצע שטיק מאטעריע, וואָס מיט איר דעקט מענ צו א טויטנ.

4 אויסקויפ־געלט.

5 אינעמ מאנוסקריפּט—קענ זײַנ.

שוינ קיינ גרויסער פּידיִענ אויכ ניט געהאָלפֿנ, קאָהאָל פּעלנ נאָכ דריטהאַלבנ נעפּאשעס... צום פּריִאָמ איז ניט געבליבנ פּיל צײַט... עפּשער ווילנ זיי זיכ אפּ דעמ אויפֿנ נויקעמ זײַנ אָנ דעמ טאטנ... ווער ווייס? עפּשער איז... קאריק ריידנדיק, זיי טאקע ענג אינ מויעכ, דערהויפּט, אויב זיי געפינענ ניט דעמ באָכער אינ האָלאָזעמ. זיסינקער, עס איז נאָר דאָ איינ בריירע... (אירע אויגנ ווערנ פּול, אָבער זי באהערשט זיכ) אונ דו ווייסט דאָכ: איינ בריירע איז קיינ בריירע.

ר א כ מ ִ י ע ל.

עפּשער זיכ ערגעצוּו באהאלטנ?

כ ײַ ע־ס אָ ר ע.

ווו? אינ שטאָט געפינט מענ אויכ באהאלטענע, אונ דאָרטנ זײַנענ דאָ אסאכ הײַזער אונ אסאכ ווינקלעכ. דאָ ביסטו אינ ערגעצ ניט זיכער. איכ טאָר דיכ ניט שטעלנ אינ סאקאָנע...

ר א כ מ ִ י ע ל.

ווייסט אפּ קלאָר, אז זיי האָבנ אנ אויג אפּ מיר?

כ ײַ ע־ס אָ ר ע.

טויזנט אויגנ...

ר א כ מ ִ י ע ל.

ווי דער מאלכאמאָוועס! (ער זיפּצט זיכ אָפּ)

כ ײַ ע־ס אָ ר ע.

(אביסל ערגערלעכ) רייד ניט אזעלכע רייד, זיסינקער! איכ זאָג דיר, זיי האָבנ אויגנ אומעטום אונ אײַלנ זיכ אפּילע גאָרניט. זיי קלערנ, מענ קומט אונ מענ נעמט — זיכער, ווי אינ קעשענע, — זיכערע יעסורימ אפּ זיי! (אינ טיר באווײַזט זיכ סטעפּאנקע)

ר א כ מ ִ י ע ל.

פונוואנענ ווייסטו דאָס אלצ?

כ ײַ ע־ס אָ ר ע.

שוינ נאָענט פונ צוויי וואָכנ זינט איכ לאָז פונ זיי אנ אויג ניט אראָפּ. סטעפּאנקע קומט ארײַנ).

ז ע ק ס ט ע ד ע ר ש ײַ נ ו נ ג

כ ײַ ע־ס אָ ר ע.

וואָט ווילסטו, סטעפּאנ!

ס ט ע פּ א נ ק ע.

ניטשעוואָ, באריניא, האָב דיר געוואָלט זאָגנ: האָבסט נאָכ צײַט, געקומענ מענטש פונ האָלאָזעמ אינ מיל, מיט ברויט, פשעניצא [1] פּאָנימאיעש. זאָג ער, וועלפּקע געקערט אומ גאנצ דערפּעל. זוכ, ווי מיט ליכט, דעמ פּארעג. [2] הידנאָ, [3] אנטלאָפנ שוינ לאנג.

[1] ווייצ.

[2] באָכער.

[3] קאָנטיק.

כײַע־סאָרע.

פּײַװוקע אפּנ בוים?

סטעפּאנקע.

דא, [1] באורייניא, פּײַװוקע מאַלאַדיעצ!

כײַע־סאָרע.

(צום מאנ) פּײַװוקע, פּארשטײסט, פּײַװוקע דעמ מילנערס שטײט הויכ אפּ א דעמב אונ האלט זײַנע שארפע אויגנ אָפּנ.

ראכמיִעל.

(בורבלענדיק אונטערנ נאָז) זײַנע שארפע אויגנ!

כײַע־סאָרע.

װאָס זאָגסטו?

ראכמיִעל.

גאָרנישט, אזא באָכער, װי פּײַװוקע...

כײַע־סאָרע.

קומט שטארק צוניצ, דו װײסט ניט, װי געטרײַ ער איז מיר. פאר מיר איז אימ קײנ זאכ ניט צו שװער. פונ קינדװײַז אופ געװענ אזוי. קענ זיכ אפּ אימ פארלאָזנ.

ראכמיִעל.

(פארטראכט) װײַזט אויס אזוי!

כײַע־סאָרע.

װי אפּ זיכ אלײנ. באװײַזנ זיי זיכ (ראכמיִעלנ טוט א שוידער) אינ א מעהא־לעכ פונ א װיאָרסט, גיט ער א פײַפ. דאנ האָבנ מיר נאָכ א פערטל שאָ צײַט. אלצ איז אָנגעגרײט. דו װעסט... ליגנ אינ קאמער... זיי װעלנ דיכ זענ פונ װײַטנ דורכנ טיר... ארײַנגײנ װעלנ זיי ניט סמײעבעג. קײנ אנדער מיטל איז ניטאָ, זיסינקער, ניטאָ, גאָט איז מײַנ אײדעס, ניטאָ!

ראכמיִעל.

אָבער אפילע: אַי, זיי װעלנ ניט גלויבנ! װעלנ ארײַנגײנ...

כײַע־סאָרע.

סײַדנ זיי שפּרײַזנ איבער מיר! װעלנ ניט סמײעבעג, זאָג איכ דיר. מײַנ גרויסער קלאָג װעט זיי אָפּהאלטנ... װעל זיכ ניט דארפנ מאכנ קלאָגנדיק; מײַנ צאר איז גרויס גענוג אונ גרויס איז מײַנ סאקאָנע, ער אינ הימל װײס! אגעװו, װעלנ מיר באָבע רויזע זאָגנ — איכ אונ פּײַװוקע — אז... דו װילסט, װאָס זאָגנ? — אז דו ביסט טאקע אינ דערעמעסנ... זי װעט גלויבנ אונ װעט אויכ גענוג װײנענ.

ראכמיִעל.

עפּשער פארשטעלסטו מיכ בעסער פאר א...

כײַע־סאָרע.

פאר א װײַבל? האָב װעגנ דעמ אויכ געטראכט. אָבער קוידעמ [2] װוּ נעמט מענ אינ דאָרפ א בריטװע. אָפּשערנ דײַנ באָרד װעט ניט טויגנ. אגעװו איז

---

[1] יאָ.

[2] ערשטנס, פריִער פאר אלצ.

דאָס שוין אזוי גוט באוווסט, אָט דער קונצ, מיין איכ, אז עס פאַלנ דערופ אַלע כאפּערס פריִער ווי אפּ אַלצ.

ר א כ מ ִי ע ל.

און טאָמער קומענ זיי פּאָרט אריַינ אונ הייבּנ אופּ די מ... מיכסע?...

כ יַ ע-ס אָ ר ע.

איכ זאָג דיר, זיסינקער, זיי וועלנ ניט סמייענע. ייִדנ האָבנ כוצ אַלע מיַי-סעס בושע פארנ...

ר א כ מ ִי ע ל.

בושע פארנ טויט... עמעס, אָבער זע, טו א טראכט, עפּשער איז פּאָרט עפּעס דאָ אנ אנדער פּאָרטל.

כ יַ ע-ס אָ ר ע.

ניטאָ, זיסינקער, ניטאָ! טו, ווי איכ הייס דיר! (עס הערט זיכ א סוויסטש) שוינ! אָ, טאטע אינ הימל! דערבּארעמ זיכ אפּ אונדז. (ראכמיִעל גייט האסטיק ארויס).

ב אָ ב ע ר ו י ז ע.

(כאפּט זיכ אופּ, רייַבּט זיכ די אויגנ) שוינ שפּעט?

כ יַ ע־ס אָ ר ע.

(ברעכט די הענט) באָבינקע, אנ אומגליק האָט אונדז געטראָפנ! אויס איז מיַינ וועלט.

פ יַ ו ו ק ע.

(אריַינלויפנדיק, אינ גרויס אופרעגונג) נאָכ ניט... דערווייַל נאָכ ניטאָ, כיַיע-סאָרעלע... האָב געהאט א טאָעס!

פ אָ ר ה א נ ג.

דריטער אקט

דער צימער פונעמ ערשטנ אקט, מער נישט דער גארדינ אינ דערברייט פונעמ צימער איז איצט פארצויגנ. דורכנ לײַװנט זעט זיכ דאָס פינקלענ פונ ליכט אינעמ הינטערגרונט. דרויסנ הייבט בײסלעכווײַז אָנ צו ווערנ טונקל. עס איז שוינ ארומ פינפ אזייגער.

ע ר ש ט ע ד ע ר ש ײַ נ ו נ ג

כ ײַ ע-ס אָ ר ע.

(אינ טיר ארײַנקומענדיק) ביסטו זיכער, פײַוועלע, אז דאָס האָט זיכ דיר נאָר אָפּגעדאכט.

פ ײַ ו ק ע.

זיכער, זיכער, כײַע-סאָרעלע. וועל דיר ניט נארנ.

כ ײַ ע-ס אָ ר ע.

וויאזוי האָסטו דאָס געמאכט אזא טאָעס?

פ ײַ ו ק ע.

האָב געזענ פונ וויַטנ א גרויסע בויד, פאָרנדיק אהערצו־צו. האָב׳כ געקלערט, דאָס מוז זיכ װעלפקע לאָזנ אהער, ער מיט זײַנע קאט-לייצאָנימ.[1]

כ ײַ ע-ס אָ ר ע.

נו, געלויבט דער אויבעוישטער דערפאר! גלײַכער אזא טאָעס איידער, כאָלילע, פארקערט. גיי צוריק, פײַוועלע, קלעטער נאָכ אמאָל ארופ אפנ דעמב און... מיילע, דיר דארפ מענ ניט זאָגנ וואָס צו טאָנ. (גייט ארומ אופגערעגט איבערנ צימער און ברעכט די הענט) אָי, פײַוועלע, וואָס וואָלט איכ איצט געטאָנ אָנ דיר? ראכמיעל, דו בלײַב אינעווייניק, קומ ניט ארויס, קעדיי ניט צו רייצנ זיכ מיטנ סאָטנ, ווי דו זאָגסט... ראכמיעל! איכ קלער, איכ׳ל פאָרט ארויסקוקנ אפנ וועג. פײַוועלע, בלײַב דאָ מיט ראכמיעלנ.

ר א כ מ י ע ל.

זאמ זיכ ניט! זע, צי׳ז, נאָכ אלעמענ, ניטאָ ערגעץ אנ אנדער מיטל... די איימע פונ ליגנ אפ דר׳ערד! גיי, זע טאקע אליינ... מײַנ הארצ קלאפט. עפּשער איז דער שרעק גאָר איבגאנצנ אָנ אומזיסטיקער.

---

[1] שיידימ־קאָמפאניע.

כײַע-סאָרע.

האַלעװײַ, ריבױנעשעלױלעם! אָבער... (גײט אַרױס).

פײַװקע.

הערט, ראַכמיִעל!

ראַכמיִעל.

(אַלץ פֿון אינעװײניק) נו?

פײַװקע.

איר װײסט? כײַע-סאָרעלע האַלט דאָס בעסאָד...

ראַכמיִעל.

עפּעס אַזױנס, װאָס דו אײנער װײסט?

פײַװקע.

יע, מיר דערצײלט זי אַלץ.

ראַכמיִעל.

אַזױ? (פֿאַר זיך) זײַנע „שאַרפֿע אױגנ" און אירע „שװאַרצע אױגנ" — ער'ע-לע און זי'עלע! אָ! (ער זיפֿצט זיך אָפּ; צו פּײַװקען) אַ סאָד, זאָגסטו? זי האַלט דאָס בעסאָד... נאָר אָט דו װעסט מיר'ס זאָגנ, האַ? מיר האַלטנ אָפּ אַ דערעכ, נו?

פײַװקע.

אײערנעכטנ האָט כײַע־סאָרעלע אױעקגעשיקט דעם טאַטנס אַ מענטש — פֿונ מיל, פֿאַרשטײט איר — אינ שטאָט אַרײַנ זוכנ דעם שװער אײַערנ.

ראַכמיִעל.

עמ װעט מענ ניט געפֿינענ... ברודערקע.

פײַװקע.

האָט מיטגעגעבנ אַ שײנע מאַטבײע, האָט באַפֿױלנ ניט זשאַלעװענ קײנ הױצאָעס, אַבי אימ געפֿינענ; האָט אױסגערעכנט אַלע ערטער און װינקעלעכ, װוּ ער קענ זיכ אײַנגעפֿינענ... הײַנט פּאָרטלעכ און... װי רופֿט איר דאָס... האָט זי אײַכ! אַ שפּאַס, איר מױעכ!

ראַכמיִעל.

(מיט שטײַגנדיקנ פּאַרדרוס אינ קאָל) אַזױ! (אונטערנ נאָז) צעשמאָלצנ װערסטו נאָר אינ דער היסלאָװעס [1] װעגנ איר...

פײַװקע.

הערט, ראַכמיִעל! זי קלערט, פֿאַרשטײט איר, דער שװער קענ דאָ נאָכ הײַנט זײַנ... עפּשער נאָכ פֿריִער, װי װעלפּקע מיט די כאַפּערס...

ראַכמיִעל.

(אינ אַ פֿרײַנטלעכערנ טאָנ) אַזױ! און... װאָס באַהאַלט זי זיכ פֿונ מיר?

פײַװקע.

מ'סטאָמע דאַרף מענ... זי װײס, װאָס זי טוט. איר װײסט, ראַכמיִעל?

ראַכמיִעל.

נו?

---

[1] באַגײַסטערונג.

פּײַווקע.

עפּשער האָט זי מוירע... אשטייגער, ווענ איר קלערט, אָט-אָט קומט דער שווער, וועט איר ניט וועלנ... איר פֿאָלגנ, זיך פֿאַרשטעלנ פֿאַר...

ראכמיִעל.

פֿאַרשטיי, איך פֿאַרשטיי. דאַרפֿסט ניט אויסטײַטשנ. (קורצע פּויזע) פּײַווקע, הער!

פּײַווקע.

וואָס זאָגט איר?

ראכמיִעל.

לאָז זײַנ... (נאָך א קורצע פּויזע) דו זאָגסט, דו האָסט מוירע פֿאַר איר בליק? ניינ?

פּײַווקע.

(פֿאַרכאָלעמט זיך) אונ... אונ איר ניט? אונ, דאַכט זיך, זי איז אזא גוטע, קענ איר פֿונ קינדווײַז אופֿ. א דימענטענע האַרצ, אונ קוקט זי אײַך אָנ... עפּעס ווי דער אסעסאָר [1] אַלײנ וואָלט אײַך אָנקוקנ. כײַע-סאָרעלע, פֿאַרשטייט איר?..

ראכמיִעל.

(וויל ניט מעור הערנ) דײַנ מאַטע, ווי אַלט, לעערעך, קענ ער זײַנ?

פּײַווקע.

(האַסטיק) אײַנ מיכאָלס עלטער... כײַע-סאָרעלע, פֿאַרשטייט איר, ראכמיִעל, איז א ווײַבל עפּעס גאָרניט, ווי אַלע ווײַבלעך... זי האַלט אפֿילע דעם שווער אײַערנ אינ די לייצעס... אַלעמענ... זי קירעווועט אונ מענ גייט. איר קענט טרײַבנ א פֿערד? פֿונוואַנענ זאָלט איר קענענ? איך קענ. זי שרײַט ניט, זי ליאַרעמט ניט... מענ פֿאָלגט איר... א גוטער טרײַבער, באַדאַרפֿ ניט קיינ בײַטש... וואָס ווייסט איר, ווער זי איז... א גוטער טרײַבער, פֿילט די בעהיימע דעם באַלעבאָס אינ דעם צי מיט די לייצעס... פֿרעגט בא מיר!

ראכמיִעל.

(פֿאַר זיך) מעליצע געפֿינט זיך בא אים, דעם שנעק, ווענ ער רעדט וועגנ איר... אונ דאַכט זיך, זי איז מיר אזוי צוגעטאָנ...

פּײַווקע.

אָט איז זי! ז'קומט צוריק!

צווייטע דערשײַנונג

כײַע-סאָרע.

נאָך צײַט, נאָך צײַט! געלויבט איז גאָט דערפֿאַר! פּײַוועלע, איצט גיי דו אַרופֿ אפֿנ בוימ... גיי גלײַך. (סטעפּאַנקע באַווײַזט זיך אינ טיר. פּײַווקע האָט געהאַלטנ אינ גיינ. בלײַבט שטיינ) עפּעס נײַעס, סטעפּאַנ?

סטעפּאַנקע.

אינ מיל געקומענ א ייִד מיט טוו... מיט פּשעניצא צו מאָלנ, זאָגט, ער געזעט דײַנ באַטיושקאַ, — אינ שטאָט, מאָל! [2]

---

1 א גרויסער טשינאָווניק.

2 אפּאָנעמ, ווײַזט אויס.

כ ײַ ע - ס אָ ר ע.

האַלעווײַ וואָלטן מיר עס שױן זען! קען נאָך קומען, מיט גאָטס הילף, אין צײַט, אָבער מיר פאַרלאָזן זיך ניט אױף נסים. ראַכמיִעל, דו הערסט? דער טאַטע קען נאָך עפּשער באַלד קומען. האָב געשיקט נאָך אים, ער איז אין שטאָט... פונדעסטוועגן, פּײַוועלע, צוריק אױפן וואַך! (פּײַווקע אָפּ).

ר אַ כ מ יִ ע ל.

(קוקט אַרײַן דורכן געעפנטן גאַרדין) כײַע-סאָרע, ווייסט, וואָס איך האָב[פאַר א פּלאַן? דו זאָגסט, אַז פּײַווקע וועט אַ פּײַף טאָן, וועלן זײ זײַן איבער אַ וויאָרסט פונדאַנען. נײַן?

כ ײַ ע - ס אָ ר ע.

און מיר וועלן נאָך האָבן אַ פערטל שעה צײַט.

ר אַ כ מ יִ ע ל.

וועל איך דיר זאָגן, וואָס מיר קענען טאָן. סטעפּאַן, דו הער צו מיט קאָפּ...

ס ט ע פּ אַ נ ק ע.

יעשטשאָ-בי,[1] איך שױן הער קאַק סלעדויעט[2].

ר אַ כ מ יִ ע ל.

לאָז סטעפּאַן אײַנשפּאַנען אַ פערד, דעם פלינקסטן, וואָס מיר האָבן, אים האַלטן אָנגעגרייט אין סטאָדאָלע... איך בײַט זיך מיט סטעפּאַנען די קליידער... ער איז אין מײַן הויך. וועט ס'דערהערט זיך פּײַווקעס סוויסטש, שטעלט ער זיך אוועק אַ קלאַפּטער צען פון הויז... (ווערט אַלץ מער אױפגערעגט, וואָס לענגער ער רעדט) און ווען זײ זײַנען אַ קורצן מעהאַלעך פון אים, אַ פערטל וויאָרסט, לעערעך, טוט ער זיך אַ לאָז לױפן אױף דעם וועג קײן סטאַראָלופּקע. זײ מיי-נען, אַז דאָס בין איך און... און טוען זיך אַ לאָז אים יאָגן. איך זיץ דער-ווײַל שױן אין דעם וועגל אין סטאָדאָלע... דו גיסט מיר צו וויסן... עפּשער שפּרינגסטו אַליין אַרײַן צו מיר אין וועגל און... און בייס זײ פליִען, ווי די רוכעס, קײן סטאַראָלופּקע, פאָרן מיר קײן האָלאָזעם, פונוואַנען זײ קומען.. און אַז גאָט גיט...

ס ט ע פּ אַ נ ק ע.

ראַכמיִעל מאָלאָדיעץ, יעי באָגו! איך קען לױפן! כאַפּן זײ מיר ניט גלײַך... לױף, דורכן וואַלד... בױד קען ניט... פּאָן מאַיעש... ביז זײ מיר כאַפּן, דו זאַ־גאָראַמי[3]! מאָלאָדיעץ, ראַכמיִעל, יעי באָגו, מאָלאָדיעץ!

כ ײַ ע - ס אָ ר ע.

דײַן פּלאַן, זיסינקער, איז עפּשער ניט שלעכט. אָבער בױען דערױף קען מען ניט. זײ זײַנען אַסאַך, דאַרפן ניט אַלע לױפן נאָך סטעפּאַנקען... מיר... איך מײן, זײ קענען לאָזן אױפּאָר דאָ באַ אונדז... וועלן דאָס געוויס טאָן... ווי דירן מיר זיך אַרױס פון סטאָדאָלע... אַגעוו, קענען זײ גלאַט לאָזן אױפן וועג פון האָלאָזעם אַ מענטשן, אָדער צוויי... מיר קענען זײ אַרײַנפאָרן אין סאַמע

---

1 באָך וויאַזוי.

2 ווי ס'באַדאַרף צו זײַן.

3 הינטער די בערג, געמײנט — שױן ווײַט.

פאסטקע ארײַן. נײן, טײַערער, קײן אנדער מיטל זע איך ניט. מיר זײַנען שױן לאַנג ארומגערינגלט... דאָס פֿיל איך בא זיך... מיר מוזן זײ לאָזן קומען אין שטוב ארײַן, און גאָט װעט אונדז פֿון דער סאקאַנע ארױסטראָגן...

ר א כ מ י ע ל.

(פֿון הינטערן גארדין) כ'גלױב, דו ביסט געדעכט! און קײן אנדער מיטל איז אױך ניטאָ? און באָבע רױזע?

כ ײַ ע - ס אָ ר ע.

זי שלאָפֿט אין פֿאָרהױז. שלאָפֿט זיצנדיק. װעלן איר ניט אופֿװעקן ביז מיר הערן דעם פֿײַפֿ... האלב װײס זי שױן און איז נעבעך אײַנגעשלאָפֿן װײנענדיק.

ר א כ מ י ע ל.

און איר װעט איר זאָגן?

ס ט ע פ א נ ק ע.

פּאַניאַטנאָ! [1] װעט גלױבן, סטארושקא. [2] פּאָפּלעקציא, סקאזשעם [3].

כ ײַ ע - ס אָ ר ע.

געװיס, געװיס! װארט, סטעפאן, װאָס האָב איך דיר געװאָלט זאָגן? אלץ, דאכט זיך, אָנגעגרײט? סטעפאן, געדענק, טאָמער קומט דיר אױס װאָס צו זאָגן: שױן א פּאָר שאָ, װי ער... ער איז... הײסט דאָס... ניט געװאָרן, מײַן טײַערער!

ס ט ע פ א נ ק ע.

לאדנאָ, באריניא. [4]

כ ײַ ע - ס אָ ר ע.

און באָבע רױזע דארף מען אױך אזױ זאָגן. איצט גײ, מײַן פֿרײַנט... װי גוט איר זײַט אלע צו מיר... אָ, דער אױבערשטער װעט געבן, װעט נאָך דער טאטע אונטערפֿאָרן, און מיר װעלן די גאנצע פֿארשטעלעניש ניט דארפֿן... סטעפאן! הער, נאָך װאָס! כעװורע קאדישע... דו װײסט דאָך װעמען איך מײן...

ס ט ע פ א נ ק ע.

װײס איך, װײס איך.

כ ײַ ע - ס אָ ר ע.

כעװורע קאדישע, הײסט דאָס, זײַנען דאָ שױן געװען... האָבן אראָפּגענומען... נאָר רײד ניט, אױב מען פֿרעגט ניט... סטאם ניט בײטיק צו רײדן... זײַ אָבער בא דער האנט... מאלע װאָס קען זיך מאכן... און איצט ראכמיעל...

ר א כ מ י ע ל.

(שפּרינגט ארױס פֿון הינטערן גארדין) כײַע-סאָרע! כײַע-סאָרע!

כ ײַ ע - ס אָ ר ע.

(קומט האסטיק צוריק) װאָס װילסטו, גוטינקער?

---

1 פֿארשטענדלעך.

2 אלטיטשקע.

3 מיר'ן זאָגן, ס'איז אפּאָפּלעקציע.

4 גוט, באלעבאָסטע.

ר א כ מ ִ ע ל.

דאַרפסטו'ס אים אַזוי גייטיק?

כ ײַ ע ־ ס אָ ר ע.

(אפּן שווּעל, ריידנדיק אין גרויס האַסט) וועמען? סטעפּאַנקען?

ר א כ מ ִ ע ל.

ניין, ניין... ניט אים... איך מיין...

כ ײַ ע - ס אָ ר ע.

גאָט איז מיט דיר... וואָס האָלסטו מיך... די מינוטן זײַנען געציילטע...

זאָג, גיך: וועמען מיינסטו?

ר א כ מ ִ ע ל.

וועמען זאָל איך מיינען? אים... פּײַוואָקען... קענסט דאָס אָן אים גאָרניט אויסקומען...

כ ײַ ע - ס אָ ר ע.

(טוט זיך א כאַפּ באַם קאָפּ און זיפצט זיך אָפּ) אויסקומען אָן פּײַוואָקען? וואָס מיינסטו?

ר א כ מ ִ ע ל.

וואָלסט זיך ניט קענען באַגיין הײַנט אָן אים?

כ ײַ ע - ס אָ ר ע.

באַגיין זיך אָן א י ם? ראַכמיִעל, וואָס רעדסטו? פּײַוואָקע איז דאָך מײַן רעכטע האַנט... אַלעמאָל, אויבּעראַט[1] הײַנט... איצט... אים איז דאָך פאַר מיר קיין זאַך אין דער וועלט ניט צו שווער... ער וואָלט דאָך פאַר מיר אין פײַער און אין וואַסער גייען... די פיס וואַשן און די וואַסער טרינקען... ער פאַר מיר, א קליינינקײַט... אביסל!... (זי טוט א שפּרײַז איבערן שוועל אַרויסצוגיין).

ר א כ מ ִ ע ל.

כײַע-סאָרע! הער! איך בעט דיך... עפּשער פאַרט... אָ!

כ ײַ ע - ס אָ ר ע.

זיסינקער! האַלט מיך ניט... גיי גיך צוריק הינטערן לײַוונט... טו, ווי איך הייס דיר...

ר א כ מ ִ ע ל.

דו פאַרשטייסט ניט...

כ ײַ ע ־ ס אָ ר ע.

וו אָ ס, ר א כ מ ִ ע ל?

ר א כ מ ִ ע ל.

איך ווייס ניט... דאַכט זיך אַזוי גאָר ניט, אָבער זע איך אים לעבן דיר?...

(עס דערהערט זיך א פּײַפּ, ניט קיין זייער הויכער).

כ ײַ ע - ס אָ ר ע.

טאַטע אין הימל! גיכער ווי איך האָב געמיינט... סטעפּאַן, דו בלײַב דאָ אויפן... קען דיר דאַרפן... (זי לויפט אַרײַן צו ראַכמיִעלן אונטערן גאַרדין) זיסינקער, טו ווי איך הייס דיר, און גאָט וועט אונדז אַרויסטראָגן פון דער סאַקאָנע.

---

[1] און באַזונדערס.

ר א כ מ ִ י ע ל.

(הינטערן גאַרדין) ער, קאַוועיאָכל, אלייג קען אונדז העלפן... (עס דערהערט זיך גאָך א פייַפ).

כ ײַ ע - ס אָ ר ע.

זיי מוזן זײַן נאָענט פון קרעטשמע... גיך, ראַכמיִעל, מײַן לעבן!

פ ײַ ו ק ע.

(קומט האסטיק אריַין) ווו איז כײַע־סאָרעלע?

ס ט ע פ א נ ק ע.

אָג, הינטערן קרעטשעם,[1] הא?

פ ײַ ו ק ע.

כײַע-סאָרעלע, דו הערסט?

כ ײַ ע - ס אָ ר ע.

יע, יע, נו?

פ ײַ ו ק ע.

וואַרט, איך גיי ארויס; וועל שטיין פון יענער זײַט פענצטער... האלט עס אָפן... וועסט מיך הערן... וועל דערווײַל קוקן, ווו מען דארף... הער צו! זיי זײַנען נאָך באם קרעטשמע. וועלפקע האָט אָפגעשטעלט זײַן בויד... ארײַנגע־שיקט אהין א כעווערמאַג. קלערט, מאַשמאָעס, מיר באהאלטן זיך דאָרטן... קאָפ ניט אויסגעדארט... הער, כײַע־סאָרעלע! כ׳האָב בא זיך בורדיוקן, ער וועט נעמען בילן, ווען זיי קומען נאָענט אהער צו־צו! טאָמער ניט, וועל א י ך א ביל טאָן, ווי א הונט. נאָר בורדיוק וועט טאָן דאָס זײַניקע... בילט אף יעדן פרעמדן פערד.

כ ײַ ע-ס אָ ר ע.

האלט, פונדעסטוועגן, דערווײַל די אויגן אָפן, פײַוועלע! וואַרט, ראַכמיִעל, אָט אזוי... ניט גערירט זיך בייס זיי קומען ארײַן... וועל נאָר אף איין רע־געלע עפענען דעם גארדין... אף איין רעגע... איצט וועל איך אופוועקן די באָבען... איר אָבזאָגן... גיב מיר קויעך, טאטע אין הימל. (דערשטיקט די טרערן אין האלדז מיט גרויס אָנשטרענגונג) פײַוועלע, הייסט עס, ווען איך הער א געביל, הייב איך אָן צו קלאָגן... לײַכט איז דער קלאָגן, זיך אײַנהאלטן איז שווער... סטעפאַן, גיי ארויס און בלײַב ניט ווײַט פון טיר. דו, פײַוועלע, שטיי אָט דאָ באם פענצטער. (זי בייט ארויס, הינטער איר סטעפאנקע). איין רעגעלע, ראַכמיִעל זיסער! איין רעגע!

פ ײַ ו ק ע.

(הינטערן פענצטער, ווי פריִער) סטעפאנקע, א י ר פאָלגן און ווײַטער גאָרניט.

ס ט ע פ א נ ק ע.

(אויך דרויסן; ער זעט זיך ניט) פאָניאטנאָ! (לאָזט אראָפ דעם קאָל) זעט זיך נאָך גאָרנישט.

פ ײַ ו ק ע.

גאָרנישט דערווײַל, גאָרנישט! סטעפאן, טאָמער וועט נייטיק זײַן א קלאַפ?

---

[1] הינטערן קרעטשמע.

ס ט ע פ א נ ק ע.

נו, בראט... ניט געזאָרגט...

פ ײַ ו ק ע.

איך בין אויך ניט קיין שוואכער באָכערל. אָבער וואַרט ביז זי הייסט, א י ר פאָלגן. פארשטייסט? (עס דערהערט זיך א שרעקלעכער יאָמער־געשריי אָן ווערטער; כײַע־סאָרע קומט אַרײַן). דאָס איז באָבע רויזע! מען האָט איר אָנגעזאָגט, אז... שוין מיט אלעמען. א ראַכמאָנעס אף די אלטע...

כ ײַ ע - ס אָ ר ע.

(קומט אַרײַן) די באָבע נעבעך! זי וועט דאָס ניט אויסהאלטן... ראַכמיִעלינקע, שטיל! (עס הערט זיך דער געביל פון א הונט). שוין! (זי זעצט זיך אף א טאבורעטקע באַם האלב־געעפנטן גארדין, מיטן רוקן צום פובליקום, אריבערגעבויגן איבער ראַכמיִעלן) שש... מײַן טײַערער! (הייבט אָן צו קלאָגן; א פאָר מינוט וויינט זי מיט א גרויסן יאָמער אָן ווערטער, ווען זי הערט די טריט פון די כאפּערס, זאָגט זי:)

א העלישער פײַער האָט אים אָנגעצונדן!

אָי, ווינד און וויי איז מיר!

אָי, ראַכמיִעלינקע, וואָס טו איך איצט אָן דיר?

ד ר י ט ע   ד ע ר ש ײַ נ ו נ ג

(די טיר עפנט זיך און עס קומען אַרײַן וועלפקע מיט דרײַ כאפּערס. אין דעם אויגנבליק הערט זיך, ווי הינטערן טיר זאָגט)

ס ט ע פ א נ ק ע.

גאַפּראַזנאָ, גאָספּאָדא! [1] ניטאָ דאָ וואָס צו זשוכן. געשטאָרבן גאָספּאָדא...

(די כאפּערס בלײַבן שטיין ווי צעטומלטע; כײַע־סאָרעס קלאָגן מאכט א רוישעם; קוקן פון איר אף באָבע רויזען און פון דער אלטער אף איר; פלוצלונג טוט וועלפקע א צי אָן א זײַט דעם פאָרהאַנג. אף איין אויגנבליק זעט זיך פארן גאנצן אוילעם ראַכמיִעל אלס א מעס אף דער ערד, צוגעדעקט מיט א מיכסע. ליכט צוקאָפּנס און א גרויסע וואַקס־ליכט אָן א זײַט. די גאנצע צײַט האלט כײַע־סאָרע אין איין קלאָגן. ווען וועלפקע אָדער אן אנדערער רעדט, קלאָגט זי אָן ווערטער. זי און באָבע רויזע ריידן קלאָגנדיק דורך די גאנצע סצענע).

כ ײַ ע - ס אָ ר ע.

— אָי, טאטע אין הימל, ווי האַרט שטראָפסטו מיך, זינדיק יִדיש קינד!

— ווינד און וויי איז צו מײַנע יאָרן!

— ראַכמיִעלינקע, מײַן זיסינקער, מײַן טײַערער, מײַן האַרציקער, וואָס ווערט הײַנט פון מיר!

— אָי, וויי און וויסט איז מיר!

— אָי, א דונער האָט אים אײַנגעשלאָגן!

— אָי, וויי און ווינד איז מיר!

— אָי, טאטינקע, א בייזער שטורעם האָט א יונגן בוימעלע אויסגעריסן!

— ווינד און וויי איז צו מײַנע יאָרן!

---

[1] אומזיסט, מײַנע הערן!

אָי, א קאָטע א שארפע האָט אים, ווי א זאנג, אָפּגעשניטן!

— ראכמיִעל, טײַערער, איידעלער, יאכסן, געלערנטער מײַנער, ווי קומסטו איצט אהין?!

— אָי, ראכמיִעלינקע, די שכינע האָט דאָך אפּ דיר געווּס!

— אָי, פונ א ליכטיקע שטוב אינ א פינצטערע גרוב!

— אָי, פינצטער ווערט דאָך מיר אינ אלע פיר ווינקעלעך מײַנע!

— טאטע בארמהארציקער, פארוואָס קומט דאָס מיר?

— אָי, פאר וואָסערע זינד האָסטו מיר אזא שווארצנ יאָר אָנגעשריבנ!

— אָי, וויסט אונ ווינד איז מיר!

— פארוואָס קומט מיר אזא פינצטערע כאסמיינו,[1] גרויסער גאָט אינ הימל!

— אָי, ווײ איז מיר! (זי וויינט ווײַטער, אָנ ווערטער)

ו ע ל פ ק ע.

כלאָפּצעס,[2] ס'ווײַזט אויס, מיר קריגנ א טויטנ העכט אינ נעצ ארײַנ.

א כ א פ ע ר.

האָט טאקע געלוינט, ווי איר זעט מיך א יִידנ, צו פליִענ, ווי די רוכעס, צו א נאָוואָבראנעצ[3] אפנ טארע-ברעט![4]

א צ ו ו ײ ט ע ר כ א פ ע ר.

אונ דערווײַל קענ אונדז אנטרינענ דער יונגער בוים פונ סטאראָלופּקע.

ע ר ש ט ע ר כ א פ ע ר.

אנטרינענ! א ליארעמ איבער דער גאנצער גובערניע—אונ געכאפּט א קרענק! אסאָקים, ווי איר זעט מיך א יידנ.

א צ ו ו ײ ט ע ר כ א פ ע ר.

קריגנ מיר אים ניט ארײַנ הײַנט באנאכט אינ זאק ארײַנ, קענענ מיר אים מאָרגנ שיטנ זאלצ אפנ עק.

ע ר ש ט ע ר כ א פ ע ר.

קומט, יִידנ, מיט אים וועט זיך שוינ כעוורע-קאדישע ספּראווענ. מיר דארפנ סכוירע, וואָס צאפּלט אינ נעצ. קומט!

ו ע ל פ ק ע.

צי אופ! וואָס ברענסטו? (צו באָבע רויזענ) הערט, אלטע, ווענ איז ער געשטאָרבנ?

ב אָ ב ע ר ו י ז ע.

(קוקט אים אָנ אונ קלאָגט שטילערהייט ווײַטער).

ו ע ל פ ק ע.

ווענ איז ער ניפטער געוואָרנ?

ב אָ ב ע ר ו י ז ע.

(קלאָגנדיק) ווער? ער? הײַנט איז ער געשטאָרבנ, הײַנט איז ער ניט געוואָרנ.

---

[1] געמיינט—פסאק, אורטייל.

[2] יונגעצ.

[3] רעקרוט.

[4] די ברעט, אפּ וועלכער מענ רייכט אויס א טויטנ.

ו ע ל פ ק ע.

נו? און די לעווײַע? מיט כעוורע-קאַדישע מושווע געוואָרנ?[1]

פ ײַ ו ק ע.

(דורכנ פענצטער) אײַער אייסעק, נייִנ?

ו ע ל פ ק ע,

וואָס? אָ דו סמאַרקאַטש איינער! ער רעדט אויכ! א פּיסק א ביסל!

כ ײַ ע־ס אָ ר ע.

(קלאָגנדיק) גאזלאָנים! האָט איר דאָס קיינ אנדער אָרט ניט? אָי, א וויסטער קלאָג צו מיר!

ע ר ש ט ע ר כ א פ ע ר.

נו, וועלוול, וואָס מאַרודענ מיר דאָ. אינ סטאַראָלופּקע ווייס מענ געוויס שוינ, אז מיר זײַנענ אפּנ וועג. נאָכ א ווײַלע געפינענ מיר דאָרטנ א פּוסטנ נעסט.

ו ע ל פ ק ע.

גערעכט, בראַט, גערעכט! מע דאַרפ גיינ ווײַטער, כלאָפּצעס, נאַפּראַוואָ, שאַגאָם מאַרש![2]

כ ײַ ע-ס אָ ר ע.

(הויבט נאָכ העכער אופ דעמ קאָל).

— אָי, ראַכמיִעלינקע מײַנער! אָי, ווײי איז מיר!

— איצט קומענ די קאַבראָנים, אונ איכ האָב מײַנ וועלט פאַרשפּילט!

— אָי, ריבוינעשעלוילעם! פאַרוואָס בינ איכ א לעבעדיקע פונ מײַנ מאַמעס לײַב ארויס?

— אָי, ווײי איז מיר!

ו ע ל פ ק ע.

(באַווײַזט זיכ פונדאָסנײַ אינ טיר) כלאָפּצעס, אהער צו-צו! עפּשער — א מאַלאָ וואָס קענ זיכ טרעפנ? — עפּשער מולירט מענ אונדז אונ... דער באַלדאָוואָר איז גאָר ניט טויט? וואָס זאָגט איר, כעוורע?

כ ײַ ע-ס אָ ר ע.

(מאַכט זיכ ניט הערנדיק אונ קלאָגט אינ דעמזעלביקנ קאָל, אָנ ווערטער).

ו ע ל פ ק ע.

אַמאָל, טוט א ייִד א ייִדנ אָפּ א שפּיצל, אונ נאַש־בראַט איז די קאַפּאָרע.

ע ר ש ט ע ר כ א פ ע ר.

שטוס! א ווערטל איז בא אונדז דאָ: „זאָגט מענ געשטאָרבנ — גלויב“!

ו ע ל פ ק ע.

ניט אינ צײַט פונ א נאַבאָר, רעב קאָרעוו! דאָ קענ אלצ טרעפנ. וועלטנ, פאַרשטייסטו מיכ, קערנ זיכ אינ אזעלכע צײַטנ איבער; ניסים געשעענ פונ אָנהייב נאַבאָר ביז לעאַכער האַפּריִאָמ.[3] איכ, פאַרשטייט איר מיכ, כלאָפּצעס, בינ פונ די אלטע היִנער־פרעסער. וואָס איכ האָב זיכ מיט מײַנע אויגנ אָנגעזענ

---

1 געקומענ צו אנ אויסגלײַכ.

2 יונגענ, מיטנ רעכטנ פוס פאָרויס, מאַרשירט!

3 ביז נאָכנ פריִאָמ.

בא אונדזוערע ייִדעלעך אין מײַן צײַט, וואָלט מען געמעגט אין א מײַסע-ביכל אריינשטעלן! געזען האָב איך, כלאָפּצעס, ווי נאָכן פּריזאָם זײַנען באהאלטענע, ווי קראָטעס, פון דער ערד ארויסגעקומען; בלינדע האָבן ווידער אָנגעהויבן צו זען, טויבע זײַנען הערנדיק געוואָרן און שטומע האָבן אָנגעהויבן ריידן. א קאַשע אפּ א מײַסע, ווער ווייס? עפּשער ווערן טויטע לעבעדיק?

ערשטער כאַפּער.

וואָרעם, וואָס מיינסטו צו טאָן, וועלוול?

וועלפּקע.

טשאָרט איך זנײַ![1] כיקלער, שאדט ניט א קוק צו טאָן?

כײַעס אָרע.

(אין מיטן קלאָגן) דו וועסט ניט סמייענען, רויצייעך! ניט גענוג דיר איבער-ענטפערן ייִדישע קינדער אין גויישע הענט, וועסטו נאָך קריכן מיט דײַנע טרייפענע לאַפּעס צו א בארמענען, א טײַערן! (מיט א שרעקלעכן יאָמער-קאָל) אָי, גאָטינקע, איז דאָס נאָך מײַן מאָס ניט געווען פאַרפול, אז דו האָסט די שיי-דים אפּ מיר אָנגעשיקט? אָי, א גרויסער קלאָג איז מיר געשען!

באָבע רויזע.

(הייבט אָן העכער צו קלאָגן).

ערשטער כאַפּער

זייוו-וואָלף! ביזט, דאכט זיך, א ייִד ניט קיין נאר, וואָס דראפּעסטו זיך אפּ גלאַטע ווענט? וואָס מאכסטו זיך צום נארן?

כײַע-טאָרע.

צום נארן? א גאזלען פון וואלד וואָלט אזוינס ניט געטאָן! אָי, וויי איז מיר!

וועלפּקע.

ווײַבל! מוסער ניט! וואָס מען דארף, טו איך און פאר קיין ספּאָדביצע האָב איך ניט קיין פּאכעד. (אין א ווייכערן טאָן) פאַרשטייסט?

ערשטער כאַפּער.

זייוו-וואָלף! הער מיך אויס! איר, ווײַבל, שרײַט ניט אזוי. לאָזט א מענטשן ריידן. אָט ווי דו זעסט מיך דאָ, ברודער-לעבן, וואָלט איך גיכער אין פײַער שפּרינגען, אין א פּוסטע כורווע נעכטיקן מיט די ניט-גוטע אָן א מעזוזע, — אלץ, הערסטו? אלץ גיכער, איידער זיך לייגן אפּ דער ערד אונטער א מיכסע מיט ליכט ארום זיך, מיטן גאנצן מאוועריאבויק,[2] אפּ דעם אויפן!

צווייטער כאַפּער.

(וועלפּקען אין אויער) און זע נאָר אָן אביסל די אלטינקע מיט דער אלמאָנע. דאָס איז ניט געמאכט, רעב וועלוול... דאָס איז... פאר איין גוט וואָרט הויב איך אליין אָן כליפּען.

וועלפּקע.

נו, אז צוויי זאָגן שיקער, מוז זיך דער דריטער לייגן שלאָפן... האגאם ביסים, כלאָפּצעס, געשען אין נאבאָרן. האָב זיך ניט נעכטן פון איי ארויסגע-

---

[1] דער רועך ווייסט זיי.

[2] א רעליגיעזער סייפער מיט טפילעס, וואָס פרומע ייִדן זאָגן פארן טויט, אויך באמ באזוכן דעם בעסוילעם.

קאלופעט און וועלוול-כאנע-ציפעס האָט עפּעס געזעגט און געהערט, אָנגעזעגט זיך און אָנגעהערט זיך... אין זייַן צייַט. גיט א שמעק טאבאק, רעב קאָרעוו! (דער ערשטער כאפער גיט אים) און אָנגעשמעקט זיך האָבן מיר אויך זינגט מיר זייַענע פון די ווינדעלעך ארויס... ניט לאַדי נאָז איז א שמעקער, רעב קאָרעוו!

כ ײַ ע - ס אָ ר ע.

אָי, ווײ איז מיר! ווו ער האָט זיך אוועקגעשטעלט דארשענען, דער יִמאַכ־שעמויניק! אָי, ווײ איז מיר! ווינד איז מיר!

ע ר ש ט ע ר כ א פ ע ר.

טאקע אזוי, רעב וועלוול, פאר אײַער מײַנע-לאָשן איז דאָ ניט דער אָרט. איר, ווײַבל, דארפט פונדעסטוועגן בושע האָבן פאר אן עלטערן. און הערצער האָבן מיר אויך. אײַער צאר אוואדע גרויס... ווער פארשטייט דאָס ניט. האָב אליין ערשט פאר א יאָרן א טאָכטערל, ווי א בלום האָט דאָס געבליט, אפּן פּלונגיאנער בייסאלמען אוועקגעלייגט...

וו ע ל פ ק ע.

הייסט עס, כלאָפּצעס, וואַיעילעך... מיר גייען! הא?

(ער און די כאפערס גייען ארויס. כײַע-סאָרע הייבט אוף דעם קאָפּ, הערט אָבער ניט אוף צו וויינען. באָבע רויזע קלאָגט אויך ווי פריִער. פּײַוּוקע באַם פענצטער דרויסן קוקט נאָך די כאפערס און ווינקט צו כײַע-סאָרען. אזוי פארגייען לעערעך צוויי מינוט. ענדלעך בוויגט זיך פּײַוּוקע אײַן און גיט א ביל).

וו ע ל פ ק ע.

(באווײַזט זיך ווידער אין טיר) כ׳לעבן, ער איז גערעכט, דער גוי, דער באַלע־גאָלע אונדזוערער! וואָס הייסט דאָס עפּעס אוועקגיין גאָר מיט ליידיקן? שײַעך איז דאָס, אין מיכאָלס שטוב ניטאָ א פלעשל אָדער צוויי... און אז געשטאָרבן, איז וואָס? א שנאַפּס מאכט כעוורע-קאדישע אויך. (פאר זיך) א ראַכמאָנעס אפּ די ווײַבל איז שוין גאָר א גרויסער, אָבער, קודעם (אין דער הויך, מיט א נאַרישן שמייכל) קודעם, ווי זאָגט יענער? „אז מען שטארבט, ווען מ׳איז יונג, איז אפּ דער עלטער ווי געפונען״. און קאָהאָלס גומען איז טרוקן. נו, מאכט ניט קיין שיִעם! א זופּ אהער, און טאקע א פּײַערדיקן, עפּעס אזוי א... פיִנפּ און נײַנציקער!

כ ײַ ע - ס אָ ר ע.

(מאכט זיך ניט הערנדיק און קלאָגט אָן אן אופהער)

ב אָ ב ע ר ו י ז ע

זופּ זאָלט איר סאַם, איר, בייזע העלזער! ווי איז מיר, ווײ איז צו מײַנע אלטע יאָרן... דאָ ליגט א בארמענעב אפּ דער ערד (כײַע־סאָרע דערלאנגט א היסטערישן געשריי) און זיי, די טײַוואָלים, די רוכעס, די קאַט-לייצאָנים, די... די... פארוועלט זיך מאשקע... אָי, א גרויסער קלאָג צו אײַך!

ע ר ש ט ע ר כ א פ ע ר

(קומט אונטער) זײַוו-וואָלפּ, ניט שיין כ׳לעבן! אגעוו ווערט שוין פינצטער. לאָמיר זיך זעצן אפּן פור. קום!

וו ע ל פ ק ע.

מײלע, גייט מען! איר, אלטע מאכאשייפע, שילט ניט, איר הערט?

ערשטער כאָפּער.

קום, קום, מיט וועמענ ער שטעלט זיך דאָ ווערטלעך? האָט זי געשאָלטנ! א פאַרביטערטע הארץ... אונ, אגעוו, ווי זאָגט מענ? פונ מויל איג בוזעם אריינ איז נעענטער. קום, ס'ווערט שפּעט.

(זיי גייענ ארויס. כײַע-סאָרע הייבט אָנ נאָך שטארקער צו קלאָגנ. פּײַוועקע קומט נעענטער צום פענצטער. לאָזט פונ כײַע-סאָרענ ניט אראָפּ די אויגנ, אליינ שוינ פול מיט טרערנ. כײַע-סאָרע דערזעט אים אונ ביסלעכווייז ווארפט זי אריינ א וואָרט קלאָגנדיק. פּײַוועקע פארשטייט איר).

כײַע-סאָרע.

אָי, ווי איז מיר! אָי, דו פינצטערער מאזל מײַנער, וואָס ווערט דאָ היינט פונ מיר? אָי, פּײַוועלע, די הארצ זאָגט מיר, די שיידים קערנ זיך נאָך אומעט!

פּײַוועקע.

(מאכנדיק מיט די הענט, גיט ער איר צו פארשטיינ, אז ער הייבט אָנ צו בילנ. אויב זיי ווייזנ זיך ווידער).

באָבע רויזע.

כײַע-סאָרעלע!

כײַע-סאָרע.

וואָס ווילט איר, באָבעניו?

באָבע רויזע.

איך? וואָס איך וויל? וואָס זאָל איך ווענ?

כײַע-סאָרע.

האָט איר מיך ניט גערופנ? אוי, ווי איז מיר!

באָבע רויזע.

איך? הא? יע... צעטומלט איז דער מויעך מײַנער, דער אלטער! עפּעס.. געוועלט האָב איך... אָי, ווי איז אונדז אלעמענ, הער!

פּײַוועקע.

(לאָזט זיך אראָפּ אונ טוט א שטילנ ביל אינ צימער אריינ).

כײַע-סאָרע.

שווייגט באָבע, זיי קומענ צוריק אהער! (זי אונ די באָבע קלאָגנ ווייטער אפנ קאָל אָנ ווערטער).

פּײַוועקע.

(אינ טיר) איצט, כײַע-סאָרע, ריידנ זיי מיט מיר. ענטפער זיי דו גאָר ניט. איך אונ בורדיוק וועלנ זיך מיט זיי ספּראווענ, האָב קיינ פּאכעד ניט.

כײַע-סאָרע.

(אלצ קלאָגנדיק) פּײַוועלע, זע, לאָז בעסער דײַנע איבערגיינ. מאך ניט קיינ מעהומע אונ... טאָמער ווילנ זיי קאריק ארײַנקומענ אהער, לאָז זיי... זײַנע זיי גאָענט?

פּײַוועקע.

האָבנ זיך אָפּגעשטעלט. עפּעס זײַנענ זיי זיך מעיאשעוו. איינ כאַפּער ווײַזט מיטנ פינגער אפנ קרעשטמע. בורדיוק, בורדיוק! (דער הונט הייבט אָנ צו בילנ).

באָבע רויזע.

פּײַוועקע, גאזלענ, טרײַב אוועק דעם קעלעוו דײַנעמ... דאָ ליגט א בארמענעג אונ... אונ איינ וואָרט מ'בילט! ווי איז מיר!

כײַע־סאָרע.

(אַלץ קלאָגנדיק) ראַכמיִעלינקע, נאָך אױײַלע װאַרט, מײַן טײַערער! אָי, װי ביטער און פינצטער איז מיר הײַנט! ריר זיך ניט, טאָמער קערן זײ זיך אום׳עס!

פײַװקע.

בורדיוק! (באַם פענצטער באַװײַזט זיך װעלפּקע) װאָס שױן װידער?

פערטע דערשײַנונג

װעלפּקע.

(אין טיר) דו, קלײנע כאַרמאַגאַי, בושע פאַר אַן עלטערן! װאָס פאַר אַ ליאַרעם די װײַבער מאַכן! הער-זשע! װי װײַט איז פון דאַנען צו סטאַראָלופּקע?

פײַװקע.

גוטע צען װיאָרסט.

װעלפּקע.

איז דער בריקל איבערן אָזערע נאַדיאָזשנע? [1]

פײַװקע.

איר רעדט, װי אַ נאַטשאַלניק. װאָס מײנט איר?

װעלפּקע.

אונדזער בויד איז אַ שװערע... איז זיכער?

פײַװקע.

נעמט דעם אַנדערן װעג.

װעלפּקע.

װאָסערן?

פײַװקע.

פאַרבײַ מײַן טאַטנס מיל, פאַזע װאַלד, אַרופ-באַרג, צו פאַן טאַרקעװיטשעס מאַיאָנטיק צו.

װעלפּקע.

איז דאָס פיל װײַטער, װי יענער װעג?

פײַװקע.

איר לײגט אויף אַ װיאָרסט דרײַ-פיר.

װעלפּקע.

און דער בריקל, זאָגסטו, איז ניט זיכער?

פײַװקע.

איך זאָג? איך זאָג גאָרנישט. אַלײן רעדט איר, אַלײן ענטפערט איר זיך.

װעלפּקע.

אַ הינטישע מויל אַביסל! װעגן ניט דײַן טאַטע, װאָלסטו געכאַפּט בא מיר אַ פּאָר פלאַם-פײַערדיקע פעטש... די אויגן װאָלטן דיר פון קאָפּ אַרויס, כאָצעס [2] דו אײנער.

---

[1] זיכער.

[2] האָזעניק.

פײַוקע.

(מיט א קוק צו כײַע־סאָרען צו) לאָז מײַנע איבערגײן.

(וועלפּקע גייט אוועק, פּײַוקע קוקט אים נאָך).

כײַע-סאָרע.

טאטע אין הימל, וועט דאָס גאָר קיין סאָף ניט נעמען? אָ, ווי איז מיר!

פײַוקע.

האלט אָן, כײַע-סאָרעלע! דער שווארץ-יאָר ווייס זיי... זיצן דערווײַל נאָך ניט אלע אין פּור. האלט אָן, דײַן קאָל דערגייט ביז דאָרטן... טאָרסט ניט אויפהערן קלאָגן... זיי זעצן זיך. וואָס איז דאָס? א נײַער יישוואדאס! [1] איינער פון זיי קריכט צוריק אראָפּ פון וואָגן. גייט אהער!... (כײַע-סאָרע הערט אים ניט) בורדיוק! בורדיוק!

(טוט אליין א ביל אין פענצטער ארײַן).

פינפטע דערשײַנונג

ערשטער כאפער.

יונגער בוים! גיט אונדז א לאמטערנע. האָבן דאָ אומזיסט און אומנישט ארום אײַך געפּאדעט, צו אלדי שווארץ יאָר, און דערווײַל איז שפּעט געוואָרן. וועג אויך לענגער, ווי גערעכנט. וועלוול כאָכעם! קאָב ציבע פּאראליץ! [2]

פײַוקע.

באָבע רויזע! באָבוניו!

באָבע רויזע.

וואָס אי?

פײַוקע.

איז דאָ א לאמטערנע אין שטוב?

באָבע רויזע.

ווו? אין שטוב? א לאכטערנע? דאכט זיך, אז יע.

פײַוקע.

ווו איז עס? וועל גיין זוכן.

באָבע רויזע.

צו וואָס דארפסטו א לאכטערנע?

פײַוקע.

ניט איך דארף, דעם איטבאָרשטשיקס [3] מענטש דארף. ווו? זאָגט ווו? גיכער, באָבוניו!

באָבע רויזע.

זע, זע, אָנגעשפּארט, הא? ווארט, ווארט, כ'על ברענגען. אליין וועל איך ברענגען. אביסל אָנגעשפּארט! כ'גיי.

(זי גייט לאנגזאם, ווײַנענדיק ארויס פון צימער).

---

1 א נײַער יישעווב זיך, באטראכטן זיך:

2 זאָל דיר אָפּנעמען הענט און פיס (ווערן פּאראליזירט).

3 דער מעמונע איבער די כאפּערס (פון רעקרוטן).

כ א פ ע ר.

הער, יונגער בוים! נעענטער אהער קום! (פײַװוקע בלײַבט פונ דרויסנ באַם פענצטער) נו, איז רעכט אזוי; הער־זשע!

פ ײַ ו ק ע.

נו, רעדט שוינ, רעדט!

כ א פ ע ר.

זי ליארעמט, נעבעכ, אזוי! א גרויסער וויל־לערנער געווענ, ראכמיעל, נײנ?

פ ײַ ו ק ע.

געווענ, געווענ!

כ א פ ע ר.

דער באָברויסקער כאריפ! געהאט א שעמ, נײנ?

פ ײַ ו ק ע.

זי וועט דאָס ניט אויסהאלטנ.

כ א פ ע ר.

לאנג נאָכ זייער כאסענע?

פ ײַ ו ק ע.

הערט, שטארבט א ווײַבל [1] פונ שיוורע־לעוו?

כ א פ ע ר.

טרעפנ קענ אלצ. דו ווייסט. אזעלכנ, ווי אים, איז גאָר א שאָד אָפּצוגעבנ פאר א זעלנער, בא מײַנע ייִדישקייט! נאָר ווער איז שולדיק? מיכאָל אלײנ. האָט גע־נומענ קאָהל אפ זיכער... אשטייגער, זײַנ ראכמיעלנ וועט מענ זיכ ניט אט־וואזשענ צו נעמענ. א יאכסנ, א לאמדנ, א זײַדענער יונגערמאנטשיק... גראָבער יונג, רײַכ ווי קיירעכ... דארפ ניט קיינ אכוואָטניק... מ׳וועט זײַנ איידעמ ניט סמייענ צו נעמענ.... קאָב ציבע פאראליצ!

פ ײַ ו ק ע.

אונ רעב ייִד! הערט! אז, הייסט עס, מענ שטארבט פונ שיוורע־לעוו, איז דאָס, הייסט עס, טאקע פלוצלונג גענומענ אונ געשטאָרבנ? אָדער?..

כ א פ ע ר.

פרעג מיר א גרינגערע זאכ... ער, אָלעוואָשעלעמ, הער איכ, איז געווענ גאָר פונ גרויסע מעיוכאָסימ, געקנאָטנ אונ געבאקנ פונ ראבאָנימ, זאָגט מענ, מער גישט פונ אָרעמע עלטערנ. פאלט דאָס אזוינער ארײַנ צו א ייִשוווניק, א גראָבע פּוזע, אינ די הענט.

פ ײַ ו ק ע.

זאָגט איר, מע נעמט אונ מע שטארבט! הא?

כ א פ ע ר.

וואָס דולסטו א מויעכ? (אריבערקוקנדיק צו כײַע־סאָרענ) אונ דאָס הערט ניט אופ צו קלאָגנ. א גרויסער ראכמאָנעס, ווי דו זעסט מיכ א ייִדנ. הער, יונגער בוים, זי, די אלמאָנע, מאשמאָעס, זייער א געלערנטע, נײנ? קלאָגט, דאכט זיכ, מיט פּ־וקימ? נײנ?

---

1 אינעמ מאנוסקריפּט—„שטארבט מענ״.

פײַוקע.

און דיר-נישט—מיר-נישט טויט... עס נעמט אָן אן איימע... (אין א נידעריקערן קאָל) זי איז א געלערנטע... מער געלערנט פאר אונדז אלעביידע... א באסיעכידע, פארשטייט איר, א מעלאמעד פאר איר געהאלטן... עפעס א שפאס, כײַע-סאָרעלע!

כאפער.

דו ווייסט? עס פארנעמט פארן הארצן, ווען מע הערט א יונגע ווײַבל אזוי קלאָגנדיק, גאש בראט איז דאָך צו יעלאָלעט[1] געווינט, מעל דיך, אָבער... אײַ, זאמט זיך די באָבע...

פײַוקע.

און, ווייסט איר? זי האָט אײַך קויעך, האָט זי! און פלינק איז זי אײַך! לויפן, שפרינגען, טאנצן! מיט ליכט צו זוכן, אויגן אויסצוקוקן, אזוינע געפינט איר ניט פון סאט[2] ביז ריטעווע... פעטער!

כאפער.

די לעווײַע וועט מיסטאָמע זײַן מאָרגן פרי, ניין?

פײַוקע.

(שאָקלט אומבאשטימט מיטן קאָפּ).

כאפער.

בעלי נעדער! אויב מיר פאָרן דעם וועג קאריק פון סטאראָלופקע, קום איך צו דער לעווײַע. הערסט? איך קום, ווי דו זעסט מיר א יידן!

(עס דערהערט זיך פונווײַטן וועלפקעס קאָל, אומגעדולדיק און אין קאעס שרײַענדיק: „נו?..”)

כאפער.

(שרײַט צוריק) מ'איז געגאנגען נאָך א לאמטערנע. (צו פײַוקען) אײַ, „זאמט” זיך די אלטע? א יאָר א ריר! שיק אזעלכענע, ווי דער ווערטל גייט, נאָכן מאל-כאמאָוועס, וואָלט ראכמיעל געלעבט און געלעבט... אהא! אָט איז זי און שלעפּט א לאמטערנע און א רעכטס... אָבער א גאנג אביסל!

(וויל צוגיין נעמען די לאמטערנע).

באָבע רויזע.

(אין א ווייַנענדיקן קאָל, ווי פריער) כאפ ניט! וואָס איז דאָס פאר א בייזע אײַ-לעניש אף דיר? פארן כאפן גיט מען בא לײַטן איבער די הענט. אָי, ווי איז צו מײַנע יאָרן!

כאפער.

גיט, באָבע, מאכט ניט קיין שיעס!

באָבע רויזע.

גיט? וואָס הייסט גיט? וואָס פאר א מעכוטן זײַט איר צו דער לאמטערנע? פיל אף איר די בויך אײַך ווי געטאָן? גיב אים? ! אָי, א כורבן א גרויסער!

פײַוקע.

גיט אים, באָבע! ניט איצט איז די צײַט זיך צו רײַסן מיט זיי...

---

1 קלאָגערײַען.

2 סאט און ריטעווע—שטעטלעך אין דער ליטע.

באָבע רויזע

ווער רײַסן? ווו רײַסן? אָי, א כורבן א גרויסער (צום כאפער) נא־דיר, אָבער ברענג עס צוריק, דו הערסט? אָי, אָי, אָי! אלע ביינער ברעכן מיר... כײַע־סאָרע, מײַן קינד! וועל גיין זיך צולייגן אווײַלע.

(גייט לאנגזאם ארויס, מיט א שטילן געוויינ. דער כאפער האָט גוט באקוקט די לאמטערנע, האָט זיך באוואָרנט, אז ער האָט שוועבעלעך; גייט ארויס; פײַוועקע קוקט אים נאָך מיט אן אָנגעשטרענגטן בליק. א קורצע פויזע).

פײַוועקע.

כײַע־סאָרעלע, זיי זעצן זיך שוין אלע אויס אפן פור. אלע, דער ייִד מיט דער לאמטערנע קריכט אויך ארײַן! (ער ציט אָפּ דעם אָטעם) א! א סאָפּ, אן עק! פּאָטער פון זיי!

(עס הערט זיך ווי א וואָגן טוט א סקריפּע און דער קנאל פון א בײַטש).

כײַע־סאָרע.

(צום ערשטן מאָל אין איר געוויינלעכן קאָל) אוועק, די מאלאכע־כאבאָלע![1] געלויבט זײַן הייליקער נאָמען דערפאר. איצט, ווארט, פײַוועלע! קוק ארויס אפן וועג... זיי קענען נאָך, כאָלילע, צוריק קומען... אפּ זיי א קאשע! ווו איז סטעפּאנקע?

פײַוועקע.

ער מוז זײַן אפן וועג. וויל אויך זײַן זיכער, אז מיר זײַנען פּאָטער פון זיי.

כײַע־סאָרע.

(צום מאן צו) ראכמיִעלינקע, נאָך עטלעכע מינוט ליג אזוי. ריר זיך ניט פון אָרט... מ׳דארף זיך אפּ אלץ ריכטן מיט אזעלכע טײַוואָלים. (ווערט אלץ אופגע־רעגטער) נו פײַוועלע?

פײַוועקע.

(פון יענער זײַט פענצטער) אוועק, דאכט זיך, אוועק... איצט שוין מיט אלעמען... הער, כײַע־סאָרע, דער כאפער, וואָס איז צוריק געקומען נאָך דער לאמטערנע...

כײַע־סאָרע.

(אין א נײַעם שרעק) יע... יע!..

פײַוועקע.

קלײַבט זיך אהער מאָרגן פרי. וויל זײַן בא דער לעווײַע. מאָרגן טאָר דאָ אין הויז קיין סאָריד אופאָליט ניט בלײַבן.

כײַע־סאָרע.

פאַרשטייט זיך, וואָס איז דאָ צו ריידן! הײַנט אויך ניט. ניט דאָ אין שטוב... עפּשער בא אײַך אין מיל... לאָז נאָר גוט פינצטער ווערן. (צום מאן צו) ראכמיִעל, זיסינקער מײַנער, נאָך איין מינוט! עפּשער א האָרעלע לענגער... נאָך איין ווײַלינקע... פײַוועלע, דו בלײַב באם פענצטער. בעסער פאָרזיכטיק זײַן. איך לויף ארופ אפן בוידעם, וועל צורעכט מאכן א געלעגער, טאָמער מוז ער דאָ פאָרט געכטיקן הײַנט... (זי גייט ארויס).

---

1 טײַוואָלים.

פ ײַ ו ק ע.

(רופט דורכנ פענצטער) ראכמיִעל, ראכמיִעל! האָט ניט קײנ מוירע, ענטפערט! זײ זײַנעג אװעק! װי איכ בינ א ייִד — אװעק! אביסל אײַנגעשראָקנ! ער ענטפערט ניט. (שפרינגט ארײַנ דורכנ פענצטער) לאָמיכ א קוק טאָנ...

(רײַסט פאנאנדער די גארדינענ. אפ דער בינע איז טונקעלער געװאָרנ: אײנ ליכט איז אויסגעגאנגענ. מע זעט ראכמיִעלנ אפ דער ערד).

ראכמיִעל! ראכמיִעל! קײנער ניטאָ, קײנער ניט! אװעק מיט א גאָז... געװעלט בײַקומענ כײַע־סאָרעלעג, ניט דערלעבנ װעט איר׳ס! שטײט אופ, ראכמיִעל, שט... אָט איז זי אלײנ.

כ ײַ ע - ס אָ ר ע;

פײַװעלע! איצט פארשליס טיר אונ טויער! װארט, איכ׳ל אלײנ ארויסלויפנ א קוק טאָנ. (לויפט ארויס אונ קומט באלד צוריק) גאָט צו דאנקענ, ארויס פונ סאַקאָנע... זעט זיכ קײנער ניט... פונ יענער זײַט, צו האלאָװעמ צו, הערט זיכ א בײַטש... געװיס א בריטשקע. א פאָרעצ פאָרט. אונ עפשער... קלערסט, זײ קענענ אונדז אָפּטאָנ א שפיצל אונ זיכ אומקערנ טאקע, װענ מיר מײנענ, אז מיר זײַנענ... שוינ גאָר ארויס פונ זײערע לאפעס? לאָז... אָבער מיר זאָגט די הארצ, אז גײנ. לאָז שטײנ א שטול באמ פענצטער. כ׳װעל ארויסקוקנ דורכ דעמ... דורכ די לאָכ אינ לאָדנ... (פײַװקע פארמאכט דעמ לאָדנ אונ שטעלט צו א שטול) אָט אזוי! דעמ פענצטער לאָז אײנ העלפט אָפנ! טאָמער דארפ מענ האָרכנ... איצט פארשליסנ די טיר... (זי שליסט צו) זע נאָר, פײַװעלע, װי ער פירט דאָס קלוג דורכ זײַנ זאכ! כאָכעמ מײַנער, קײנ ריר ניט, קײנ פיפס! קלערט, זײ קענענ נאָכ עפשער צוריקקומענ... נײנ, נײנ, נײנ! (װײנט זיכ פאנאנדער) איצט װײנ איכ פאר סימכע... פאר סימכע, ראכמיִעלינקע! קלוג ביזנ סאָפ, טאקע, װו טוירע איז כאָכמע (גײט ארײַנ צו אימ).

פ ײַ ו ק ע.

אָט, װעק אימ טאקע דו אלײנ. אײַנגעשלאָפנ, נײנ?

(אינ דעמ אויגנבליק הערט זיכ א קלאפ אינ טיר. כײַע־סאָרע שפרינגט צוריק ארײַנ אינ צימער, ניט טויט ניט לעבעדיק).

כ ײַ ע - ס אָ ר ע.

צוריק! טאטע בארמהארציקער!

פ ײַ ו ק ע.

(שטעלט זיכ אפנ שטול)

כײַע־סאָרע, דאָס איז סטעפאנקע.

כ ײַ ע - ס אָ ר ע.

(שפײַט אויס) טפו זאָל דאָס װערנ! מער, װי דער שרעק, האָט מיר ניט געפעלט.

פ ײַ ו ק ע.

האָרכ! ער רעדט מיט עמיצנ. כײַע־סאָרעלע! מיכאָל! דײַנ פאָטער!

(ער עפנט אופ דעמ לאָדנ, עס דערהערנ זיכ שטימענ פונ דרויסנ).

ס ט ע פ א נ ק ע ס ק אָ ל.

קראנק, זײער קראנק, ד א, ד א!

מיכאָלס קאָל.

א שיינע כאסענע האָט איר מיר דאָ אָפּגעשפּילט.

כײַע־סאָרע.

(צו פײַוועקען) ער איז נאָך גערעכט.

מיכאָלס קאָל.

מ'האָט געדארפט אים לאָזן נעמען. צום פּריאָם נאָך ווײַט... נאָך עטלעכע וואָכן. וואָלט געקענט אים אויסקויפן. עפשער וואָלט מען אים גאָר פאַר־בראַקירט. אין סלוזשבע דארף מען מענטשן, יונגע מיט ביינער, פלייש און בלוט און ניט א שלימעזאלניק, ווי מײַן איידעם, קוים וואָס ער לעבט, א נע־בעכל, קײַ און שפּײַ. זאָל ער מיר מוחל זײַן! איז ער טאקע זייער קראנק?

סטעפּאנקעס קאָל.

אָפּאסנאָ[1] קראנק.

מיכאָלס קאָל.

שפּאַן ניט אויס דעם פערד. לאָמיר אים ארײַנפירן אין שטאל. וועל ארויס־נעמען מײַנע זאכן. האָב אסאך פּאָקופּקעס. דעם פערד לאָז שטיין. עפשער דארף מען א צירולניק אָדער א דאָקטער...

(גייט אוועק מיט סטעפּאנקען).

כײַע־סאָרע.

האָט געלוינט צו האָרכן. שנעל צוריק צו ראכמיעלן! טאָמער קלאַפּן זיי איידער איך ברענג ארײַן ראכמיעלן אהער, עפן אוף. איצט מעג אפילע וועלפקע צוריקקומען. (זי לויפט נאָך אמאָל ארײַן הינטערן גארדין) ראכמיעל, ראכמיעלינקע, אײַנגעשלאָפן? (א קורצע פּויזע, דאן שרײַט זי אויס אין גרויס שרעק) גע־כאלעשט! פײַוועלע, ער האָט געכאלעשט! גיך וואסער! עסיק! העלף מינטערן!

פײַוועקע.

(בלייבט ווי קאלט).

כ'לויף!

כײַע־סאָרע.

ראכמיעלינקע, זיסינקער, ענטפער מיר! ענטפער דײַן כײַע־סאָרעלען! האָב ראכמאָנעס אף מיר! אָי, ווײ איז מיר! אָבער ווארט, מײַן טײַערער, מיר וועלן דיר אָפּמינטערן! א קליינינקײַט אביסל, אזא שרעק! (פײַוועקע קומט ארײַן מיט וואסער) ווו איז די עסיק? גיך, גיך, ווי גאָט איז דיר ליב!

פײַוועקע.

ווו האלסט עס?

כײַע־סאָרע.

אויבן, דאָרטן... אפן פּאָלקע, באם באַק־אויוון.. א גאנצע פלאש. א גרינע!.. גיך! (שפּריצט אײַן ראכמיעלס פּאָנעם מיט וואסער). גוטינקער, רייד, ענטפער מיר! זיי זײַנען שוין אוועק. איך נאר דיר ניט, אוועק, אוועק! גאָט אין הימל, ווער ווייס, ווי לאנג ער ליגט שוין אזוי א געכאלעשטער! (פײַוועקע ברענגט ארײַן די פלאש עסיק) אהער, אים אײַנרײַבן די שלייפן... אָט אזוי! אָבער ווארט, לאָמיר

---

[1] געפערלעך.

אים ארופהייבן אפן שלאָפבאנק... מיטן באנק מיטו אלעמען ברענגען מיר אים אהער... עפן דעם פענצטער... (זיי טוען אזוי) און געבן אים מער פרישע לופט.

(עס הערט זיך א קלאפ אין טיר).

פ ײַ ו ק ע.

דײַן פאָטער קלאפט.

כ ײַ ע - ס אָ ר ע.

לאָז ער קלאפן... (שרײַט היסטעריש צום פענצטער צו) א ווײַלע ווארטן מוזט איר, ווארטן! ווארטן!! איצט אים גוט אײַנרײַבן מיט עסיק! (זי נעמט אָן זײַנע הענט, רירט זיך צו זײַן פּאָנעם און שרײַט אויס) ק-אלט! וואָס? ס'קען ניט זײַן! ניין, ניין, פײַוועלע, גיב א פעדער אהער... פון קישן, גיך! גיך! אָי ווי איז מיר!

(זי פּרוּווט באהערשן איר שרעק און רעדט אין אן אײַנגעהאלטענעם, האלב־דער־שטיקטן קאָל).

עפשער... עפשער... ווער ווייס? פײַוועלע, נו?

פ ײַ ו ק ע.

(קומט צוריק מיט פעדערן אין דער האנט).

ניט שרעק זיך, כײַע-סאָרעלע! מירן אים אָפּמינטערן, מירן אים אָפּמינ-טערן. ווארט! ניט שרעק זיך...

מ י כ אָ ל ס ק אָ ל.

(הינטערן פענצטער)

סטעפאנקע, דאָרטן בא כײַע־כאָרען איז אן אומגליק געשען! ניט קלאפּ, זי וועט אונדז באלד אליין ארײַנרופן.

כ ײַ ע ־ ס אָ ר ע.

(פּרוּווט ארופלייגן א פעדער אפ די אויבערשטע ליפּ; איר האנט טוט א ציטער און די פעדער פאלט ארויס פון האנט בא איר).

קען ניט! פײַוועלע, פּרוביר דו, קום אהער.

פ ײַ ו ק ע.

(צולייגנדיק א פעדער).

אָט, אָט, איך לייג צו. שרעק זיך ניט, כײַע־סאָרעלע...

כ ײַ ע ־ ס אָ ר ע.

(שטייט אײַנגעבויגן איבער ראכמיִעלן, מיט אויסגעגלאָנצטע אויגן און באטראכט מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג די פעדער. א מינוט פויזע. פּלוצלונג ברעכט זי אויס מיט א דערשטיקטן געשריי).

קיין אָטעם ניט! קיין—אָטעם—ניט! ק-קיין—אָט-עם—ניט!!

טויט! טויט פאר שרעק!

פ אָ ר ה א נ ג.

פארענדיקט אין ניו־יאָרק, דעם 14 אָקטיאבער 1912.

עפּילאָג.

די מעכיצע.[1]

דרײַ יאָר שפּעטער

פּערזאָנען:

מיכאָל גריצ —
שטארק געעלטערט, גרוי, געבויגנ און קרענקלעכ.

כײַע־סאָרע —
זײַנ טאָכטער, אויסגעבלייכט, מיט בלויע פאסנ אונטער די אויגנ, זעט איצט אויס ווי איינע, וואָס לײַדט פונ האלוצינאציעס.

פּײַוול מעלניק —
א שטומע ראָליע.

יערוכעמ —
אנ אָרעמאנ, א יאָר פופציק אלט, מיכאָעלס א ווײַטער קאָרעוו.

סטעפאנקע —
קלעזמאָרימ, געסט, ייִנגלעכ ארומ דער כופּע — הינטערנ סצענע.

(אלע זײַנען יאָנטעוודיק אָנגעטאָנ. — כײַע־סאָרע, געקליידט צו גיינ אונטער דער כופּע, טראָגט שוינ דעמ דעקטוכ, מערנישט אריבערגעוואָרפנ איבערנ קאָפּ. — יערוכעמ האָט שטענדיק זײַנ טאבאקערקע אינ דער האנט).

סצענע: א מאָדערנ מעבלירטער גרויסער צימער אינ קאָוונע אפנ „נײַעמ פּלאנ". א טיר אינ צענטער מיט א פענצטער פונ דער זײַט. אפ איינ וואנט א זייגער, אפ דער אנדער א קאלענדאר אינ א הילצערנער רעמל מיט באוועגלעכע דאטנ.

ערשטע דערשײַנונג

סטעפאנקע.
וועט מענ שטיעלנ כופּע דאָ אינ הויפ?

יערוכעמ.
(קרימט אימ איבער בייזערהייט) שטיעלנ, שטיעלנ, דאָ בא אונדז שטיעלנ!

---

[1] די וואנט, דער צאמ.

ס ט ע פ א נ ק ע.

דו, בראט, ניט דארפסט מיר איבערקרימען. מיר, א קליין יינגעלע, מאליוט־קא, פאנימאיעש, אין סאָלדאטן אָפּגעגעבן. פון ערשטע קאנטאָניסטן גיעוועזט, פיפונטשוואנטשיק יאָר מיקאָלאיען געדיענט. קיין יידיש וואָרט געהערט. דאָס איך זשיך איצט רעדן אויסגעלערנט; אין מיכאָלס הויז, ווסיאָ באָלשע.[1] איבער־קרימען נעזאטשעם[2].

י ע ר ו כ ע ם.

וער קרימט? וואָס קרימט? גלייך, טי מענע ווגאל![3]

ס ט ע פ א נ ק ע.

אי נאפראסנאָ, בראט[4], בייזערסט זיך.

י ע ר ו כ ע ם.

בייזער זיך! גאכשאָל זאָל איך זיך בייזערן? אפן הארצן קאלאמוטנע, חיי־טער גאָרנישט.

ס ט ע פ א נ ק ע.

ניט בא דיר אליין, בראט... מיכאיל דאווידאָוויטש אין קאס, און כאָזן דאָ געוויעזט, וואָס קאטאָרי דארף... דו ווייסט דאָך...

י ע ר ו כ ע ם.

יע, יע. דארף דאָ מעסאזשער קעדושן זיין.

ס ט ע פ א נ ק ע.

א וואָט־וואָט־וואָט! איזש אים אויך ווסטרעוואָזשעט,[5] זאטיעם[6] כאָסן אליין באָז אראָפּגעלאָזט. א[7] כייע מיכייליאָוונא זי זעט אויס, ווי א בעגיימע[8] אין באָינע ארייַנגייט.

י ע ר ו כ ע ם.

ער, אונדז אלעמען צו לענגערע יאָר, איר ערשטער געווען, פארשטייסט, א...

ס ט ע פ א נ ק ע.

וואָס ער געווען, בראט, דו דארפסט מיר ניט ראספּיסעווען.[9] ווייס איך אליין.

י ע ר ו כ ע ם.

מיין איך, פארשטייסט, אז נאָך אים, אונדז אלעמען צו לענגערע יאָר, דעם גרויסן וויל־לערנער, דעם יאכסן, דעם זיידענעם יונגן מאנשטיק, אז מען איז איר מעכאבעד מיט א באָכער, ווי דעם מילנערס זון... נו, וואָס איז דאָ צו ריידן, טוט טאקע ווי דאָס הארץ אפילע מער ניט צוצוזען... נעם א שמעק־טאבאק. (גיט אים).

---

1 אלץ מער. איבערהויפּט.

2 גיטאָ פארוואָס.

3 דו האָסט מיך געזידלט.

4 אוג אומזיסט, ברודער.

5 באומרויקט.

6 דערנאָך.

און.

8 בעהיימע.

9 אָפּמאָלן.

סטעפאנקע.

דאָס, בראט, ניע בעדא נאָכ[1]... פּײַוּוקע מאָלאָדעצ, זאָג איכ דיר. אונ סײַכל זיכ אָנגעקלײַבט אינ די דרײַ יאָר זינט ראכמיעל ניט געוואָרנ. גאנצ אנדער מיענטש הײַנט פּײַוּול, ניע טאָ-שטאָ וואָס אמאָל געווענ. ארומ קלוגע זיכ גע־רײַבט, אינ קניזשקעס[2] זיכ געגראָבונ.

יערוכעם.

מאלע-וואָ! צו ראכמיעלנ קומט ער ניט. אנ אנדער טאָרט!

סטעפאנקע.

זנאיעמ, זנאיעמ![3] נאָר דאָס, בראט, ניע בעדא, שלעכ איז, וואָס כײַע מיכײַלאָוונא, פּאָנימאיעש, זי טראכ, אז טיאטיאָ אירי, סבאָרטשיק וועלפקע, זאטיעמ איכ אליינ; זינדיק מענטש, א מער ווי אלע, זי מיט פּײַוּוקענ אימ, ראכמיעלנ, צוגעהארגעט.

יערוכעם.

ווי הייסט צוגעהארגעט?

סטעפאנקע.

אײַל, ווייסטו ניט[4], ווי זיכ דאָס געמאכט!

יערוכעם.

ווייס איכ — אָבער ניט אפ קלאָר.

סטעפאנקע.

טאק וואָט, האָסטו, בראט, אינ צוויי ווערטער... דאָס זיכ געטראָפנ דעמ יאָר איידער, פּאָ פּריקאזו יעוואָ וועליטשעסטוואָ[5], מײַט אײַנגעפּירט, אזש אלע, אלע זאָלנ אינ סלוזשבע גיינ... טאק וואָט האָזש מענ אינ אונדזער פּאָוויעט געדארפ געבנ פונ יידנ זעקס א האלב דושי[6] אונ קאָהאָל געוואָרפנ אויג אפ ראכמיעלנ אונדזערנ... מיכאָל געזשאלעוועט געלט האָט ער... איז אוועקגעפאָרנ בודטאָ[7] סכוירע האנדלענ, ביז איבערנ נאבאָר... האָט ניט געוואָלט אנ אכוואָטניק קויפנ פאר ראכמיעלנ. געמיינט, זיי וועלנ ניט סמייענ נעמענ זײַנ זיאטיאָק,[8] א בודיע־זשע,[9] אזש מײַט אימ פּאָרט נעמענ, וועט ער עמ פארנ נאבאָר אויסקויפנ...

יערוכעם.

דאָס איבעריקע ווייס איכ... כײַע-סאָרע האָט אימ פארשטעלט פאר טויט, כאפּערס קומענ, גייענ אוועק מיט א נאָז, קערנ זיכ אומ, גייענ צוריק אוועק, מאכמעס כײַע־סאָרע האָט מער סײַכל אינ פּיאטע, ווי זיי אינ קאָפּ, אונ ווענ זיי זײַנענ שוינ ווײַט, ווײַט אוועק, אונ זי נעבעכ, קומט צומ מאנ, וואָס זי

---

1 דאָס, ברודער, איז נאָכ ניט קיינ אומגליק.

2 ביכלעכ.

3 מיר ווייסנ. מיר ווייסנ.

4 צי דענ ווייסטו ניט.

5 אפנ באפעל פונ זײַנ מאיעסטעט.

6 נעפּאשעס.

7 קלומערשט

8 איידעמ.

9 אונ אויב עס וועט זיכ טרעפנ.

האָט קלוימערשט אַרויסגעראַטעוועט פֿון זייערע הענט, איז ער... ניט אין קיין ייִדישע הויז געדאַכט, אין עמעצנ טויט!

סטעפּאַנקע.

טויט, פּאַנימאַיעש, פֿאַר שרעק! אַ וואָס, זאָגט זי, מיר אַלי... געוועלט זיין צו־קלוג, זנאַטשיט, און האָ׳מיר ראַכמיִעלן פֿאַר דער צייט, ווי זאָגט זי?

יערוכעם.

מאַשמאָעס, אין קיִווער אַריינגעבראַכט...

סטעפּאַנקע

טאַק-טאָטשנאָ! [1] אין קיִווער אַריינגעבראַכט, ראַזבוֹיניקי [2] אַלע, זאָגט כּייע מיכּייַלאָווּנאַ.

יערוכעם.

כּייע־סאָרע, זאָגט מען! אַ ייִדישע טאָכטער, און נאַ דיר כּייע מיכּייַלאָווּנאַ! (אים איבערקרימענדיק) עפּעס ווי אַ גויע, לעהאַוודל!

סטעפּאַנקע.

ווייס איך, בראַט... פּריוויטשקאַ [3] אָזעלכע. ניעדאַראָם פּיפּונטשוואַנטשיק יאָר מיקאָלאַיעג געדינט. נו אַ כּופּע, זאָגסט, מען שטעלן דאָ?

יערוכעם.

יע, יע! מ׳וועט דאָס מאַכן קורץ און שאַרף, וואָס ווייניקער צערעמאָניעס... זאָגט מיכאָל, אַן אַלמאָנע, אַ שטייגער, ניט קיין מיידל, פֿאַרשטייסטו מיך, אַ צווייטער סיידער.

סטעפּאַנקע.

אַ עטאָ שטאָ? [4]

יערוכעם.

ניט פֿאַר דיין קאָפּ... אָט איז ער אַליין.

צווייטע דערשיינונג

מיכאָל.

(קומט אַריין פֿאַרטאָפּעט, פֿאַרשמאַיעט; זעט אויס קרענקלעך).

ווי פֿון פּעך ציט זיך דאָס... אַלץ אַסאָקים פֿאַר מיר!

(נעמט צו אַ שטול פֿון לעבן דעם טיש).

נייטיק, ווי די אויג, דאַרף מען דעם שטול דאָ... שטייט, ווי אַ ביין אין האַלדז...

(שטעלט דעם שטול אַוועק אַן אַזייט).

מיין כאַסן, רעב פּייוול, פֿרעגט, צי מע האָט די קאַלע געדאַרפֿט באַזעצן... יענער, אָלעוו האַשאָלעם. וואָלט דאָס שוין געוווסט... סטעפּאַן, גיי זע, אויב די כופּע קומט אַהער... (סטעפּאַנקע אָפּ) פֿיין אויסגעוואָקסן דער כאָסן אונדזערער —

---

1 פּונקט אַזוי.
2 רוצחים.
3 געוווינהייט.
4 וואָס איז דאָס.

פײַן, סטאַטנע, בלוט שפּריצן פון די באַקן. נו, וואָס איז דאָ צו ריידן. אים צו לענגערע יאָר, יענער...

יערוכעם.

אים און אונדז אַלעמען צו לענגערע יאָר! אָבער ווייסט איר, רעב מיכאָל, קעדײַער יענעם הײַנט ניט צו דערמאָנען. וואָס די ערד דעקט צו, לאָז זײַן פאַרגעסן...

מיכאָל.

יע, יע, איר זײַט גערעכט, רעב יערוכעם... איך סטאַרעווע זיך אָן אים צו פאַרגעסן די גאַנצע צײַט אָט זינט דער שידעך איז געוואָרן... טאַקע, וואָס טויג דערמאָנען דעם שאָכן... ווי זאָגט איר — דעם שויכען...

יערוכעם.

דעם שויכען-אָפּאָר. דעם, וואָס ליגט שוין אין דער ערד, אויביפּראַט, ווען יענער איז שוין טויט א קײַמעלאָן [1] פון... פון...

מיכאָל.

א יאָר דרײַ; דרײַ יאָר דעם קומענדיקן כעשוואָן...[2] און איך לייען. דאַכט זיך, קרישמע מיט קאַוואָנע, אָבער עס העלפט ניט. און ראַק ער מישט זיך אַרײַן צווישן די מאַלאָכים...

יערוכעם.

ווען איר זאָגט, אַשטייגער, מימיני מיכאָל. פון דער רעכטער זײַט, מיכאָל... אײַער אייגענער נאָמען...

מיכאָל.

יע, יע... איז אָנשטאָט גאַווריעל רעדט זיך באַ מיר שטענדיק אַרויס ראַכמיִעל, ניט צו זינדיקן מיט די רייד, און אפילע ווען איך בין ניט פאַרשלאָפן און איך כאָטשער באַ זיך אײַן עטלעכע מאָל פאַרן לייענען קרישמע: גאַווריִעל, גאַוו-ריִעל, איז... זאָג איך מיט די ליפּצן [3] גאַווריִעל און אין האַרצן טראַכט איך ראַכמיִעל, ווי איר זעט מיך א ייִדן...

יערוכעם.

אָבער הײַנט טאָרט איר אַזעלכע ראַיוינעס ניט האָבן. אײַער באָסיעכידקעלע וועט הײַנט אין א גוטע, מאַזלדיקע שאָ, מירצעשעם, כאַסענע האָבן... קינדער און קינדס־קינדער וועט איר, מיט גאָטס הילף, נאָך דערלעבן און... א שמעק טאַבאַק? (מיכאָל נעמט א שמעק טאַבאַק)

מיכאָל.

האַלעווײַ, פון אײַער מויל אין זײַנע אויערן, רעב יערוכעם. מיט יענעם האָט כײַע-סאָרעלע קיין קינדער ניט געהאַט...

יערוכעם.

ראַק מיט יענעם... אָבער יענעם און ווידער יענעם... הײַנט גייט א נײַע סעדרע.

---

[1] געמיינט א סאַכאַקל.

[2] א נאָמען פון א האַרבסטיקן כוידעש לויט דער רעליגיעזער ייִדישער צײַט־רעכענונג.

[3] ליפּן.

מיכאָל.

געדעכט, געדעכט! איר זײַט אוואדע געדעכט, רעב ירוחם! (ער פאַרטראַכט זיך). איינע גאָט אין הימל ווייס, מיר האָבן אַלע קיין בייז ניט געמיינט. ניט איך, ניט כײַע-סאָרעלע, אפילו ניט ווע'לפקע, ימח-שמו... [1] קיינער ניט, ווער האָט עפּעס צו אים געקענט האָבן, דעם שיינעם טאכשיט אונדזערן...[2] דאָס האָט דאָך אַ פליג אפּגעהאַנט ניט געטשעפּעט. און, וואָס איז דאָ צו לייקענען...

ירוחם.

פּאָלגט מיר, רעב מיכאָל, גלײַכער...

מיכאָל.

לאָזט מיר אויסריידן, רעב ירוחם: ער וואָלט נאָך הײַנט געווען פריש און געזונט, וואָלט דער שוואַרצער יאָר מיר ניט פאַרטראָגן אין האָצע-פּלאָצע...

ירוחם.

און דאָ האָט זיך יוינע מוישע-לייזערס דאָס זײַניקע געטאָן, ווער ווייסט דאָס ניט... אַ סינע האָט ער אף אײַך געהאַט... נעמט אַ שמעק טאַבאַק, רעב מיכאָל...

מיכאָל.

(נעמט מעכאַניש, נאָך טיפער פאַרטראַכט)

און ווען איך בין צוריק געקומען אהיים, איז שוין געווען צו שפּעט. שוין געווען אַלץ, אַלץ אויס... געריסן האָט ער מיר, דער שוואַרצער, פינצטערער יאָר מײַנער, זיך צו כאָכמענען מיט קאָהאָל, און דאָ יוינקע מוישע-לייזערס, אַ ניכפּע זאָל אים פאַרצאַפּלען, דעם ימאַכשמוינ׳ק, ברענט פלאַם פײַער, מאַכמעס מיר האָבן זײַן בענאָק פאַרבראַקירט. אָי, וואָלט עס שוין נעמען אַ סאָף! אף איר אַ ראַכמאָנעס... אַ האַלבע איז זי דאָך, נעבעך, שוין געוואָרן... ווי אַ ליכטעלע גייט זי מיר דאָך אויס, די טאָכטער מײַנע... און קיין מאַמען האָט דאָס ניט... אָט, אָט ברענגט מען די כופּע... רעב ירוחם, גיט אַ טראָפּעלע וואַסער קאַלטע... מיר איבלט, אַ האָרעלע... מיר׳ז ניט גוט געוואָרן...

ירוחם.

(טוט אף אים אַ קוק) איך לויף, רעב מיכאָל! (אָפּ).

(פּויזע... דורכן פענצטער אינעם צענטער זעט זיך, ווי צווי יינגלעך טראָגן פאַרבײַ די כופּע-שטעקלעך מיט דער כופּע, אין גרויס אײַלעניש, מיט אַן אויסדרוק פון מיטגעפיל אפן פּאָנעם. לויפט אין צימער אַרײַן סטעפּאַנקע).

סטעפּאַנקע.

קאָפּ טוט וויי, כאַזיאַינ?

מיכאָל.

יע, יע! הייס זיי אָפּהאַלטן... מיטן שטעלן די כופּע. שרעק ניט איבער כײַע-סאָרעלען, אָבער זאָג איר, מ׳וועט מוזן אַ האָרעלע וואַרטן מיט מעקאַדעש זײַן. אַ האָרעלע צוּוואַרטן... וועט, מיט זײַן הילף... הענט ניט געוואַשן, איבערגיין. אַזוי זאָג איר, הערסט!

---

[1] זאָל זײַן נאָמען אָפּגעמעקט ווערן — אַ שילט-וואָרט.

[2] צירונג, ליבלינג.

סטעפאנקע.

לאדנאָ!

(ער גייט האסטיק ארויס).

יערוכעם.

(מיט א גלאָז וואסער אינ דער האנט).

טוט א זופּ, רעב מיכאָל! (מיכאָל טוט אזוי). אָט, אָט, אָט! אזוי איז גוט... אינ־גאנצנ טרינקט טאקע אויס...

מיכאָל.

נו, גאָט צו דאנקענ, בעסער, אסאך בעסער... ווער קומט? וואָס? כײַע־סאָרעלע?

דריטע דערשײַנונג

כײַע-סאָרע.

וואָס איז דיר, טאטע?

מיכאָל.

גאָרנישט, מײַנ קינד, גאָרנישט! נעכטיקע וועטשערע, מאשמאָעס, מיר ניט פּאָליובעט... איבלקײַט א האָרעלע... וועט איבערגייג...

כײַע-סאָרע.

דו ביסט זייער בלייך... געשלאָפנ די נאכט?

מיכאָל.

ניט ווי... ניט ווי אינדערהיימ. קענ אינ שטאָט קיינמאָל ניט שלאָפנ, ווי א מענטש. די וועגנ, מיט די דראָנסקעס, מיט די וואגזאלנ, וואָס פײַפנ אונ טראסקענ באגינענ צו טאָגנ. אונ אגעוו...

כײַע-סאָרע.

(מיט אינטענסיווער נײַגיר).

יע, יע! אונ אגעוו?

מיכאָל.

(דערשראָקנ) גאָרנישט, גאָרנישט. הערט, רעב יערוכעמ, גייט ארײַנ, איכ בעט אײַכ, צו כאָסנס צאד אונ זאָגט זיי, אז באלד, באלד, אינ א מאזלדיקער שאָ. א קליינ ווײַלינקע מויכל זײַנ צוווארטנ.

כײַע-סאָרע.

(לאָזט אינ אימ ארײַנ די אויגנ אונ רעדט מיט נאָכ גרעסערער לײַדנשאפט).

„אונ אגעוו", טאטע?

מיכאָל.

אונ אגעוו,—נו, וואָס איז דאָ צו לייקענענ?—שלאָפט זיכ שויב לאנג ניט גוט...

כײַע-סאָרע.

דיר ניט אונ מיר ניט, טאטע, זינט מיר האָבנ דאכמיעלנ...

מיכאָל.

ניט איצט איז די צײַט דערפונ צו ריידנ, מײַנ קינד... ניט איצט, ניט איצט...

כ ײַ ע-ס אָ ו ע.

(אימ ניט הערנדיק) זינט מיר האָבנ אימ צוגעהארגעט... אונ ווייסטו, טאטע? דאָס האָב איכ איצט דעמ ערשטנ מאָל זײַנ נאָמענ דערמאָנט... דעמ ערשטנ מאָל זינט יענעמ אָוונט, ווענ ער איז געשטאָרבנ.

מ י כ אָ ל.

וואָס העלפט דער דערמאָנענ? גענוג. דרײַ יאָר געווענ אנ אלמאָנע. דרײַ יאָר אָפּגעפּינצטערט... גענוג! אונ דערבײַ איז פּײַוול דאָכ אויכ ניט אבי ווער... ניט קיינ ווילד-פּרעמדער. פונ קינד-ווײַז אָנ האָסט אימ, דאכט זיכ, האָסטו אימ...

כ ײַ ע־ס אָ ו ע.

יע, יע, האָלט געהאט... ווייסטו, טאטע, איצט ערשט פארשטיי איכ אפּ קלאָר אלצ, וואָס אמאָל איז געווענ, דעמלט מיינ איכ... האָב גענוג זינט יענעמ טאָג געקלערט אונ געטראכט... דורכ טעג אונ נעכט, טאטע, א כוצ דעמ א שיינ ביסל אינ בּיכלעכ ארײַנגעקוקט... אלצ פארשטיי איכ איצט. לאָז מיר ריידנ... זינט איכ געדענק זיכ, איז מיר פּײַוועלע — פּײַוועקע דעמ מילנערס פלעגנ מיר אימ אלע רופנ — געווענ אנ אייגענער, א ברודער...

מ י כ אָ ל.

(צופרידנ) יע, אוואדע, אוואדע!

כ ײַ ע־ס אָ ר ע.

בעסער ווי א ברודער. מיידלווײַז פלעג איכ מיט אימ ארומלויפנ — לויפנ איבער וועגנ אונ שטעגנ, איבער וועלדער אונ פעלדער, לויפנ אונ שטיפנ אונ לאכנ... פלעג אימ שטענדיק האלטנ פארנ האנט, אזוי־ווי ער וואָלט אלצ נאָכ געווענ א קינד — א קינד קעגנ מיר: ער פינפ יאָר, איכ אכט, א שטייגער. פלעגט זיכ מיר שטענדיק אָפּדוכטנ, אז איכ בינ זײַנ עלטערע שוועסטער, אָדער זײַנ ניאנקע אונ...

(איר בליק וואנדערט, זי שײַנט צו ריידנ מער צו זיכ, ווי צומ פאָטער).

אונ ווענ איכ פלעג האלטנ זײַנ האנט אינ מײַנער, פלעגט מיר זײַנ אזוי... גוט אפנ הארצנ... אווי...

מ י כ אָ ל.

(האסטיק אינ א נאָכ מער צופרידענעמ טאָנ).

פארשטיי, אוואדע!

(קורצע פויזע).

כ ײַ ע־ס אָ ו ע.

(טוט זיכ א טרייסל, אזוי ווי אופגעוועקט פונ שלאָפ).

יע, טאטע, פלעג מיר זײַנ אזוי גוט. אזוי גוט? איכ מיינ... ווי זאָל איכ דיר זאָגנ? עפּעס פלעגט מיר ווערנ אנדערש אפנ הארצ... ניט אומעטיקער, ניט פרייליכער, נאָר אָט... אנדערש, פארשטייסטו... אונ איכ בינ שוינ דאנ געווענ א מיידל אינ שידוכימ... האָב געהערט, אז יוינע מוישע־לייזערס קאדיש[1] האָט אפּ מיר אנ אויג... אונ... (איר בליק וואנדערט פונדאָסנײַ אונ זי פארטראכט זיכ ווידער). אונ פּײַוועקע ווערט מיר וואָס א יאָר אלצ געטרײַער, אלצ מער צוגעבונדנ. ווי מײַנ שאָטנ

---

1 געמיינט זונ.

גייט ער מיר נאָך, און טו איך אפּ אים א קוק, דאכט זיך מיר אָפּ, אז איך הער, ווי זײַן הארץ קלאפּט. אין פײַער און אין וואסער וואָלט ער קעסיידער פאר מיר גיין.

מיכאָל.

ביז הײַנטיקן טאָג... איצט נאָך מער, נאָך מער, כײַעלע.

כײַע-סאָרע.

(טוט זיך ווידער א כאפּ אוף).

קיין זאך איז אים פאר מיר ניט שווער. קיין זאך ניט, און איך...

מיכאָל.

יע, יע, און דו?

כײַע-סאָרע.

איך פלעג זיך פילן אזוי באָענט צו אים... און פלעג בענקען נאָך אים, ווען ער איז לעבן מיר ניט געווען... און וואָס עלטער ער איז געוואָרן, אלץ מער האָב איך אים האָלט געהאט, און צוליב מיר האָט ער אזוי גוט געלערנט באם רעבן אונדזערן, און זײַנע אויגן פלעגן בלישטשען, ווען איך פלעג אים לויבן...

מיכאָל.

אוואדע, אוואדע! ווער געדענקט דאָס ניט?

כײַע-סאָרע.

(מיט א זיפץ, אין א רירנדיקן טאָן)

ביז יענעם טאָג בייס ראכמיִעל...

מיכאָל.

א גוטער בעטער זאָל ער פאר אונדז אלעמען זײַן...

כײַע-סאָרע.

ביז ער איז ארײַנגעקומען אין שטוב, ער מיט זײַן איידעלן, שיינעם פּאָנעם... די שכינע האָט דאָך אפּ אים גערוט... ביז ער איז ארײַנגעקומען, און זײַנע ליפּן האָבן זיך געעפנט, און איך האָב דערהערט זײַן זיסן קאָל. פון יענעם טאָג האָב איך מער שוין קיינעם ניט געזען און ניט געהערט. קיינעם ניט כוץ אים אליין...

מיכאָל.

ווי הייסט, קיינעם ניט?

כײַע-סאָרע.

דאָס וועסטו ניט פארשטיין, טאטע, מיטן טייכל קען איך דאָס אליין ניט ריכטיק באנעמען...

(זי פארטראכט זיך פונדאָסנײַ און רעדט צו זיך אליין).

קיינעם זע איך שוין מער ניט... פארבײַ'ן אלטן, גרויסן דעמב גיי איך און דעם דעמב זע איך ניט... איך קוק אפּ די מיל, אפּ די קרעטשמע, אפּן וועג, אָבער וואָס דאָס אלץ איז, ווייס איך ניט... די פערד, די בעהיימעס דערקען איך ניט. די ציג איז מיר פרעמד און איך שטויס איר אָפּ, ווען זי לאשטשעט זיך צו מיר... די פייגעלעך פּיפּצען, און איך הער זיי, ווי דורכן כאָלעם. די זאנגען אין פעלד, זיי בלאָזט דער ווינט, און זיי בייגן זיך צו מיר, און איך זע זיי ניט... זע גאָרנישט, קיינעם ניט, כוץ אים, און (ווענדעט זיך פלוצלונג צום פאָטער)

ווען ער הייבט אָן ריידן, עפנט זיך מײַן מויעך, און עס עפענען זיך מײַנע אויגן, און... אָ, דו וועסט עס ניט גלויבן, טאַטע..!

מיכאָל.

רייד, רייד זיך שוין אויס דײַן האַרץ, מײַן טאָכטער...

כײַע-סאָרע.

מיר פלעגט זיך אָפּדוכטן, בײַס ער האָט גערעדט, אַז איך זע די ווערטער, ווי זיי קומען אַרויס פון זײַן מויל... זע זיי, טאַטע, זע די ווערטער זײַנע...

מיכאָל.

וואָס? באַשײַנפּערלעך? גיי, גיי! נו, און פײַוול?

כײַע-סאָרע.

ער? אים האָב איך ליב געהאַט, ווי פריִער. מער, ווי אַ ברודער, מער נישט, אים האָב איך שוין ניט אָפּט געזען.

מיכאָל.

ער פלעגט זיך דאָך שטענדיק אַרומדרייען אַרום דיר?

כײַע-סאָרע.

אָבער אים פלעג איך נאָר זען אַשטייגער, ווי מען זעט אַ מענטשן, בײַס מען ליגט אין היצקרענק.

מיכאָל.

ניט אין קיין ייִדישער הויז געדאַכט! און אַזוי האָסטו דאָס פײַוולען געזען די גאַנצע צײַט?

כײַע-סאָרע.

די גאַנצע צײַט — ביז יענעם שרעקלעכן טאָג...

מיכאָל.

וועלכן... וואָס איז שוין ווידער געווען פאַר אַ טאָג?

כײַע-סאָרע.

דער טאָג, טאַטע, ווען מיר האָבן ראַכמיִעלן צוגעהאַרגעט...

מיכאָל.

פּע, וואָס רעדסטו, מײַן קינד? צוגע... געוווין זיך אָפּ דערפון, כ'לעבן!

כײַע-סאָרע.

ביז יענעם טאָג. דעמלט אָבער איז פײַוועלע געוואָרן מײַן רעכטע האַנט. בײַס מע האָט געדאַרפט ראַטעווען (ווידערהאָלט איראָניש) „ראַטעווען" ראַכמיִעלן, האָט ער מיר געהאָלפן מיט אַלע קרעפטן. דעמלט איז ער פאַר מיר פון־דאָסניי געוואָרן מײַן פײַוועלע, דער אַמאָליקער פײַוועלע. און איצט, טאַטע, פאַרשטיי איך, וואָס מיר וואָלט זיך דעמלט אפילו ניט געכאָלעמט. דאָס איז אַ שרעקלעכע זאַך, טאַטע, קען דאָס קימאַט איבער די ליפן ניט ברענגען...

מיכאָל.

וואָס, כײַעלע? דערצ... אהא! יערוכעם גייט.

יערוכעם.

רעב ראַכמיִעל, גאָט-אי מיט אײַך! כאָסנ צאד וואָרט... ווי איז אײַך איצט? בעסער, ניינ?

מיכאָל.

אדאנק זײַנ הייליקנ נאָמענ, בעסער, בעסער. אָבער גייט, זײַט מויכל, נאָכ אמאָל ארײַנ צו זיי אונ בעט זיי צוווארטנ נאָכ א פערטל שאָ צײַט...

יערוכעם.

דער מילנער איז זייער... נעמט א שמעק טאבאק, רעב מיכאָל (גיט אים), ער זעט אויס זייער קאראָ־דאוועדיק...[1]

מיכאָל.

נישקאָשע, רעב יערוכעם... האָבנ אפ אימ לענגער געוואַרט, דעמ גרויסנ יאכסנ אונדזוערנ... כײַע-סאָרעלע האָט מיר וואָס צו זאָגנ... אגעוו איז דער אוילעמ בא אונדז אויכ ניט קיינ מוירעדיק גרויסער... פּרוצעטאָלבנ.[2] מענטשנ... וועל אײַך לאָזנ וויסנ, ווענ צו ברענגענ דעמ כאָסנ אהער. גייט, איכ בעט אײַך, רעב יערוכעמ, זאָגט זיי, מיר שווינדלט נאָכ אביסל, קעדײַער נאָכ א האָרעלע צו פארציִענ...

יערוכעם.

גיי איכ, אָבער אומזיסט מארודעט ניט. ווי דעמ כאָסנ איז, נעבעכ, אפנ הארצנ, ווייס איינ גאָט אינ הימל...

(נעמט א גרויסנ שמעק־טאבאק אונ גייט אוועק).

מיכאָל.

וואָס, מײַנ קינד, וואָס איז דאָס אזוינס געווענ?

כײַע-סאָרע.

וואָס, טאטע?

מיכאָל.

אָט די מוירעדיקע זאכ, וואָס דו קענסט קלוימערשט ניט אריבערברענגענ איבער די לעפצנ... רייד זיכ אויס, וועט דיר ווערנ לײַכטער אפנ הארצנ פארנ גיינ צו דער כופּע...

כײַע-סאָרע.

(כאפּט זיכ אופּ פונ דער פארכאָלעמטקײַט) יע, יע! וועל עס דיר זאָגנ: אָט יענעמ טאָג, בײַס איכ האָב זיכ געריכט אפ די כאפערס אונ פּײַוועקע מיט סטעפּאנקענ האָבנ מיר געהאָלפנ מיט אלע קויכעס, — יענעמ טאָג, טאטע, האָב איכ אײַנגעזענ, אז ער, ראַכמיִעל, איז געווענ אייפערזיכטיק אפ פּײַוועקענ...

מיכאָל.

איי... פארז... וואָס איז דאָס אזוינס?

כײַע-סאָרע.

דעמלט האָב איכ דאָס אליינ אויכ ניט געוווּסט, ניט דעמ וואָרט, ניט דאָס, וואָס מענ מיינט דערמיט. איצט ווייס איכ (אינ א שטילערנ. אָבער פּײַערלעכנ טאָנ)

[1] א געמאָרע־אויסדרוק, באטײַט, דאָס ער בלאָזט צופיל פונ זיכ.

[2] געמיינט זייער ווייניק מענטשנ.

טאטע, ראכמיעל האָט פײַנט געהאט פײַוועקן; מאכמעס אים האָט זיך געדוכט, אַז איך בין צו פײַוועקן צו גוט.

מ י כ אָ ל.

פאַרשטיי ניט...

כ יַ ע - ס אָ ר ע.

אַז איך האָב ליב פײַוועקן...

מ י כ אָ ל.

דו? אַן איישעס-איש, ליב?...

כ יַ ע - ס אָ ר ע.

יע, יע, יע!

מ י כ אָ ל.

קען ניט זײַן. אַ טאָעס. כײַעלע! (ווישט זיך דעם שווייס פון שטערן. אַ רעגע פויזע) און עפּשער...

כ יַ ע - ס אָ ר ע.

דאָס איז, ווי איך זאָג דיר, און דו ווייסט ניט, ווי דאָס מוטשעט מיך...

מ י כ אָ ל.

איצט? אַדאַיעם נאָך?

כ יַ ע - ס אָ ר ע.

איצט אַסאַך מער, ווי פריִער... וואָס נעענטער איך קום צו פײַוועלען, און וואָס נעענטער מיר קומען צו דער כופּע, אַלץ מער און מער מוטשעט דאָס מיך... נעכט שלאָף איך ניט... שלאָף איך אַמאָל יע, קומט יענער מיר צו כאָלעם... בלייך, ווי קאַלך, זעט ער אויס... בלייך און בייז. ניטאָ מער די זיסקייט אויף זײַן פּאָנעם, די ליבקייט, די פרײַנטלעכקייט זײַנע... און באַ טאָג, אָפן וואָר, זע איך אים אויך אַזוי, מער נישט קלאָרער איז באַטאָג זײַן בליק. און, טאטע, וואָס איך סטאַרעווע זיך ניט אים צו זען פאַר מײַנע אויגן אַ זיסן, אַ ליבלעכן, מיט אַ גוטן שמייכל אויף די ליפּן, גיט מיר זיך דאָס בעשומויפן ניט אײַן... איך קען נאָר געדענקען יענעם אָנבליק זײַנעם, אָט יענעם, ווי ער האָט געקוקט אויף פײַוועלען דעם טאָג, ווען מיר האָבן אים געוואָלט ראַטעווען... ראַטעווען פון וועלפקעס הענט.

מ י כ אָ ל.

נו, דאָס איז קינדעריי, כײַע-סאָרעלע! לאָמיר אַרײַנרופן די מעכוטאָנים, לאָמיר אָפּשטעלן כופּע און אַ סאָף...

כ יַ ע - ס אָ ר ע.

ניין, ניין, נאָך נים, טאטע! גיב מיר נאָך עטלעכע מינוט צײַט, נאָך עטלעכע מינוט...

(אין אַ שטילערן טאָן, בייס איר בליק וואַנדערט פונדאָסנײַ).

טאטע, איך האָב מוירע, ער... ער, פאַרשטייסטו, וועט זיך באַווײַזן באַנאַכט צווישן די אונטערפירער...

מ י כ אָ ל.

זיך באַווײַזן? גאָט איז מיט דיר? וואָס מיינסטו? (ער כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ) עפּעס איז מיר מײַן קאָפּ ווי צעטומלט... איין גאָט אין הימל ווייס, וואָס דאָס קען באַטײַטן! רייד מיט ווערטער, וואָס מיינסטו?

כײַע-סאָרע.

(אינ דעמזועלביקנ טאָנ) איכ קלער, ער וועט זיכ באווײַזנ אינ מײַנ קאמער הײַנט באנאכט... עפשער נאָכ אונטער דער כופּע...

מיכאָל.

גיי, דו רעדסט נארישקײַט, כײַע-סאָרעלע. ווו איז דאָס געהערט געוואָרנ, אז מייסימ זאָלנ קומענ אפּ כאסענעס?!

כײַע-סאָרע.

(נאָכ פײַערלעכער) ער וועט קומענ, ער וועט קומענ. קיינער וועט אימ ניט זענ כוצ מיר. (רעדט צו זיכ) קלאָר וועל איכ אימ זענ... ווי נעכטנ באנאכט, וועט זיכ שטעלנ אונטער דער כופּע צווישנ פײַוולענ אונ מיר... בייס ער וועט דארפנ מיכ מעקאדעש זײַנ... צווישנ אימ אונ מיר וועט ער זײַנ אונטער דער כופּע אונ נאָכדעמ, באנאכט... ער וועט פײַוולענ ניט צולאָזנ צו מיר... ער האָט אימ פײַנט...

מיכאָל.

רייד ניט אזעלכע רייד, מײַנ קינד! ניט... גאָר ניט מײַסע יידישע טאָכטער...

כײַע-סאָרע.

(שפּרינגט אופ. אזוי ווי דערוואכנדיק באמ לעצטנ וואָרט זײַנעמ)

אָי, דו שרעקסט מיכ איבער, טאטע!

מיכאָל.

מיט וואָס, מײַנ קינד?

כײַע-סאָרע.

מיט די ווערטער דײַנע... מיט די הארטע ווערטער... זײַנע פלעגנ גלעטנ דעמ אויער, ווי סאמעט ווייכ זײַנענ זיי געווענ. דײַנע ווערטער זײַנענ הארט, זיי רײַסנ, זאָלסטו מיר מוכל זײַנ... פײַוועלעס אויכ... יע, זײַנע אויכ. ווענ ער רעדט ניט, האָב איכ אימ אזוי האָלט, פונ גאנצנ הארצנ האָלט... מיטאמאָל עפנט ער אופ די מויל, אונ די ווערטער פונ זײַנ מויל פארהארטעווענ מײַנ הארצ... אונ די ווארעמקײַט אינ מײַנ בוזעמ ווערט אָפּגעקילט...

מיכאָל.

מיר דאכט, דו ביסט קראנק, מײַנ קינד... איכ אויכ... עפשער פײַוועלע אויכ... אלע זײַנענ מיר קראנק.

כײַע-סאָרע.

(האָט ניט געהערט) אונ בייס ער נעמט מיכ ארומ...

מיכאָל.

ווער נעמט דיכ ארומ?

כײַע-סאָרע.

פײַוועלע, טאטע.

מיכאָל.

פײַוול? איר האָט דאָכ נאָכ ניט כאסענע געהאט?

כײַע-סאָרע.

(האָט אימ ווידער ניט געהערט) בייס ער נעמט מיכ ארומ אונ דריקט מיכ צו זײַנ ברוסט, פיל איכ אימ ניט... עפּעס א מעכיצע איז דאָ צווישנ פײַוועלענ

און מיר... ראַכמיִעלס מעכיִצע... (איין עקסטאַז) אָי, טאַטע! אָט זע איך אים ווי אַמאָל! זיס און מילד און ליבלעך!..

מיכאָל.

וועמען זעסטו?

כײַע־סאָרע.

אָי, דו האָסט אַלץ איבערגעפּירט... איצט איז ער ווידער בייז... און אָט זע איך שוין גאָר ניט. (פּויזע) איז וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן? יע... ווען פּײַוועלע קושט מיך... (מיכאָל מאַכט ווידער א באַוועגונג) וועז ער קושט מיך, און איך שטעל אויס מײַנע ליפּן צו אים, ווערן זיי האַרט ווי געגאַרבעטע פעל, און די גאַנצע זאַפט אין זיי ווערט אויסגעטריקנט, און מיר דוכט זיך אָפּ, אַז צווישן מײַן מויל און פּײַוועלעס, צווישן אונדזערע הייסע רויטע ליפּן קומט אַרײַן זײַן קאַלטע, בלייכע האַנט... מאַכמעס ער האָט פּײַנט פּײַוועלען, טאַטע. ער האָט אים פּײַנט און ער פאַרסאַמט מײַנע קושן...

מיכאָל.

(פאַר זיך) די ביכלעך, די טרייפּפּאָסלס! זי גייט אַראָפּ פון זינען, מײַן קינד...

(טרערן שטעלן זיך אים אין די אויגן).

כײַע־סאָרע.

יע, ער איז אייפערזיכטיק אַפּ פּײַוועלען. און מיינסטו, ער איז ניט גע־רעכט? ווער וועט פּײַוועלען ניט האָלט האָבן? פּראָסט איז ער, אָבער גוט און דרייסט, און שיין, און א גילדערנע האַרץ איז דאָ אין זײַן בוזעם... הײַנט ערלעך און ריין. ווינטש קיין יִדישע טאָכטער ניט קיין ערגערן כאָסן, (פאַר־כאָלעמט זיך) ערלעך און ריין. אַן אויג, וואָס וואַרעמט און לײַכט...

מיכאָל.

(מאַכט זיך א האַרץ) וואָס איז דאָ צו ריידן! (עפנט די טיר) רעב יערוכעם! אהער זײַט מויכל!

פינפטע דערשײַנונג

יערוכעם.

(אפן שוועל) הייסט עס..?

מיכאָל.

גייט ברענגט אַרײַן קאַלעסצאַד—אַלעמען, אַלעמען!—און לאָמיר גיין צו דער כופּע... גיין, כײַע־סאָרעלע?

כײַע־סאָרע.

(קוקט אים אָן און ענטפערט ניט).

מיכאָל.

רעב יערוכעם, הייסט די קלעזמאָרים אופשפּילן און ברענגט דעם כאָסן צו דער כופּע. גייען מיר, כײַעלע?

כײַע־סאָרע.

(ריידנדיק, ווי דורכן כאָלעם) גייען, גייען... (טוט זיך א ריר).

מיכאָל.

(עפנט די טיר) קום-זשע!

כײַע-סאָרע.

(ווי פריִער) וווהינ?

מיכאָל.

צײַט צו גײנ צו דער כופּע. איכ בינ, דאַכט זיכ, אדאַנק זײַנ הייליקנ נאָמעג, שוינ ווידער אײנגאַנצנ...

כײַע-סאָרע.

דו? נו, אונ איכ?

מיכאָל.

וועט, מירצעשעם, אויכ איבערגײנ, מײַנ קינד, אונ נאָכ דער כאַסענע, אַז דער אויבערשטער וועט געבנ, וועט אײַכ נאָכ... וועט איר יונגוואַרג, א לעבטאָג... קײנ געלט וועט אײַכ, כאָלילע, ניט פעלנ, לאָז נאָר זײַנ געזונט... אונ פײַוועלע וועט דיר זײַנ צוגעטאָנ מער אונ מער... אפ די הענט וועט ער דיכ... טראָגנ... פויגל-מילכ אונ דעמ טעלער פונ הימל...

(די קלעזמאָרימ האָבנ דרויסנ דערוויַיל אופגעשפּילט; דער כאָסנ גײט, ווײַזט אויס, צו דער כופּע).

מיכאָל.

נו, א סאָפּ—אנ עק, אינ א מאַזלדיקע שאָ! מיט די רעכטע פיס אַרויס, מײַנ קינד!

כײַע-סאָרע.

(מיט א היסטערישנ געשריי).

טאַטע!!!

מיכאָל.

וואָס שוינ ווידער, כײַעלע?

כײַע-סאָרע.

שווײַגנ הייס זיי! הייס זיי שווײַגנ! שווײַגנ!!

מיכאָל.

וועמענ?

כײַע-סאָרע.

די קלעזמאָרימ, טאַטע!

מיכאָל.

(עפנט די טיר אונ שרײַט) רעב יערוכעמ! לאָז מענ אופהערנ שפּילנ!... נאָכ א רעגע צוואָרטנ.

כײַע-סאָרע.

יע, צוואַרטנ, צוואַרטנ! (בליקט ווילד אַרויס) עפּשער וועט ער אוועקגײנ...

(די מוזיק ווערט פארשטומט).

מיכאָל.

ווער, מײַנ קינד?

כײַע-סאָרע.

ער... יענער... פאַר מײַנע אויגנ שטײט ער דאָ... זײַנ פּאָנעמ איז מאָרעשכוירעדיק... ער איז אינ קאַס... בלײַכ, ווי א טוכ, אונ אינ קאַס! (פּויזע)

מ י כ אָ ל.

קלער, מען דארף אָפּלייגן די כאסענע... רופט אריין דעם כאָסן, רעב יע־רוכעם! זי איז קראנק, מיין קינד, קראנקער פאר מיר... (יערוכעם אָפּ).

זעקסטע דערשיינונג

פ יי ו ל.

(אָנגעטאָן יאָנטעוודיק, שטייט ער ווי פארשטיינערט אין טיר, די אויגן ארייַנגעלאָזן אין כייע־טאָרען. לאנגזאם קומט זי צו אים צו).

כ יי ע-ט אָ ר ע.

פּייוועלע... איך קען ניט... טייער ביסטו מיר, טייערער ווי דער לעבן, אָבער... מיר וועלן ניט כאסענע האָבן. (זי רייסט פון זיך ארונטער דעם דעקטוך) ער... וועט ניט לאָזן... ער וויל ניט... צווישן מיר און דיר שטייט ער, מיט זיין בלייכן, בייזן פּאָנעם, מיט זיין ביסטרען קוק, פּייוועלע... אָט אזוי ווי איצט... ווי איצט...

פ יי ו ל.

(מאכט א באוועגונג מיט די ליפּן. זי לאָזט אים ניט ריידן).

כ יי ע-ט אָ ר ע.

ששש! שטיל, מיין גוטינקער, ניט גערעדט! (טוט אויס א רינג פונעם פינגער) נא דיר קאריק דיין טנאָיִם־מאטאָנע, נעם דיין פינגערל צוריק! (ער נעמט, ניט ווייסנדיק, וואָס ער טוט) אָט אזוי... מיר מוזן אָפּלאָזן דעם שידעך. פּייוועלע... שיידן, שיידן מוזן מיר זיך... טייערער, ווי דער לעבן, ביסטו מיר, אָבער ראכמיִעל לאָזט ניט, ער האָט דיך פיינט, גוטינקער... (זי האלט בא אנידערפאלן, מיכאָל כאפּט איר אונטער) ער האָט דיך פיינט...

מ י כ אָ ל.

כייעלע, וואָס איז דיר, מיין קינד? רעב יערוכעם, סטעפּאן, עמעצער! א רופע אהער, א דאָקטער!

כ יי ע-ט אָ ר ע.

(מיט אויסגעגלאָצטע אויגן קעגן כאָסן; קוים-קוים, וואָס זי רעדט) דו הערסט, פּייוועלע, ראכמיִעל... לאָזט ניט.

פ אָ ר ה א נ ג.

צולאָג: „ביט געכאפּט"!

(ערשטער וואריִאנט פון דער קומענדיקער דראמע „דער לעצטער נאבאָר" פארעפנטלעכט אינעם וואָכנ־בלאט „דער פוילישער אידעל" לאָנדאָן, 1885, נומ. 40 און 41, פארן 24-טן אפּרעל און 1-טן מאי).

ניט געכאפּט!

א ווארע געשיכטע אין פערזן. דראמאטיש באארבעט אין צוויי סצענען.

פּערזאָנען:

מ ו י ש ע—א יונגער יִשוּוניק, א יאָר נאָך דער כאסענע.
כ ײַ ע ט ש ק ע—זײַן ווײַב.
וו ע ל פּ ק ע—דער קאָהאָלסמאן און כאפּערס.

ע ר ש ט ע ס צ ע נ ע.

כ ײַ ע ט ש ק ע.

מײַן ליבער מאן, האָב ניט קײַן מוירע:
זיי וועלן דאָ ניט בלײַבן לאנג;
די מענטשן-פאנגער ברויכן סכוירע...
און ווען זיי הערן מײַן געזאנג...
מײַן ביטער קלאָג, ווען זיי דערהערן
און מיינען, אז דו ביסט...

מ ו י ש ע.

שוין טויט?

כ ײַ ע ט ש ק ע.

און זען, אז איך וויין מיט טרערן...

מ ו י ש ע (זייער אופגערעגט).

מײַן טײַער ווײַב, הער אוף! מײַן הויט
אף מײַנעם גאנצן קערפּער ציטערט
פון דײַנע ווערטער...

כ ײַ ע ט ש ק ע.

הער מיך אויס!
די צײַט איז קורץ, מײַן הארץ פארביטערט!
ווער ווייס, ווי ווײַט פון אונדזער הויז

די כאפּערס זיינען שוין אצינד,
לייג זיך געשווינד...

מױשע.

ווו? אפ דער ערד?
עט ציטערן מיר אלע גלידער!
מײַן ווײַב! זע קריג בעסער א פערד
און וואָגן... טאָמער וועט סטעפּאַנקע...
דער מילנער, וואָס וווינט דאָ ניט ווײַט...

כײַעטשקע (קימאַט וויינענדיק).

אָ, דו מאַכסט מיך פאַר א קראַנקע
מיט דײַנע רייד! ניטאָ קיין צײַט
צו לויפן... לייג זיך, ליובאַ, האַרצע!
מיר דאַכט זיך, אַז איך הער זיי שוין...
אָט איז די טוך...

מױשע.

די טוך? די שוואַרצע?

כײַעטשקע.

ניט שרעק זיך, מױשענקע מײַן קרוין!
עס וועט אײַנגאַנצן ווײניק דויערן.
נאָר לייג זיך הין, מײַן מאַן, אַפּגיך!
איך וועל ניט אָנהייבן צו טרויערן,
קאָלזמאַן איך הער זיי ניט. די שיך
טו אויס, די איבעריקע קליידער...

מױשע (אין אײנע ציטערנעט).

האָסט גאָר קיין אַנדער מיטל ניט?

כײַעטשקע.

איך זאָג דיר ניין!... איך יענעם כיידער
באַם פענצטער הער איך, דוכט מיר, טריט...
אָ, מױשענקע, ליג שטיל! זיי קלאַפּן!
(מע הערט א קלאַפּ)
אָ, צי זיך אויס! אָי ווײ! אָי ווײ
צו מײַנע יאָרן! מען וועט דיר כאַפּן,
ווען דו מאַכסט זיך ניט פאַר טויט...
(זי שרײַט מיט א וויינענדיקן קאָל)
איך גיי
איך עפענען... אָ, מאַכט נישט קיין געוואַלטן,
מיר האָבן זיך ניט מער, וואָס צו באַהאַלטן.

לעצטע סצענע.

(מוישע ליגט אפ דער ערד צוגעדעקט מיט א שווארצער טוך, געננוי ווי א טויטער, לעבן אים זיצט אפ דער ערד זײַן ווײַב און יאָמערט: וועלפקע מיט די כאפערס שטייען באם טיר, וועלכע איז האלב אָפן).

כײַעטשקע (קלאָגט).

א העלישער פײַער האָט אים אָנגעצונדן!
אָי, מוישענקע, וואָס וועל איך טאָן איצט אָן דיר?
ווו קום איך אהין מיט הארץ פול מיט וווּנדן
א יונגע אלמאָנע — אָי ווײ איז צו מיר!
ווי פינצטער און ביטער איז מיר הײַנט געוואָרן
ווען דו גייסט אין קיי‌ווער ארײַן יונגערהייט!!
אז אָך און אז ווײ איז איצט צו מײַנע יאָרן
צו בלײַבן אָן דיר אָן א שטיקעלע ברויט!
ריבוינעשעלוילעם — האָב איך דאָס פארדינט
אין עלנט א יונגע אלמאָנע צו בלײַבן?
נאָר דו ביסט גערעכט און דײַן מישפעט גערעכט,
מיסטאָמע באשטראָפסטו מיר פאר מײַנע זינד,
אוואדע בין איך דאָך פאר דיר אזוי שלעכט,
אז דו האָסט באזארגט אזא יאָר מיר אָנשרײַבן!

וועלפקע (גאנץ קאלטבלוטיק).

מיר דאכט זיך, קינדער, אז מיר כאפן
דעם העכטל טויט ארײַן אין נעץ...

א כאפער.

צו קומען זען די ווײַבל קלאפן
די קאָפ אָן וואנט; דעם מאָלאָדעץ
אליין א טויטן צו געפינען —
האָט, כ׳לעבן, ניט גאנץ שטארק געלוינט!

אן אנדער כאפער.

דערווײַלע קען אונדז נאָך אנטרינען
דער יונגער בוים... אָט דער, וואָס ווינט
אין סטאראָלופקע...

ערשטער כאפער.

קומט זשע, יידן!

וועלפקע.

ווארט, כעוורע, נישט געאײַלט! א מעס
לאָזט נאש־בראט גאנץ געוויס צופרידן,
נאָר צײַטנווײַז טרעפט זיך א נעס,
אז טויטע הייבן אָן צו הערן,
און בלינדע ווערן זעענדיק.

נאָכ דעמ באַכאָר — קענ זײַנ עס װערנ
אמאָל איכ טויטע לעבעדיק...

כײַעטשקע (קלאָגנדיק).
ראזבויניקעס! האָט איר דענ גאָר קײנ ראכמאָנעס
צו שטײנ בא א טויטנ אונ מאכנ לעצאָנעס...
אָי װײ! אָי װײ צו מיר, צו מײַנע יאָרנ!
מײַנ מאמע האָט מיכ נאָר אפ צאָרעס געבאָרנ!..

װעלפּקע.
אביסל א פּיסק! לאָז רײדנ!

כײַעטשקע.
ניט איכ—מײַנ װײטעק רעדט אינ מיר!
דער גרויסער װײטעק זיכ צו שײדנ
מיט מוישענקענ...

װעלפּקע.
גענוג זשע דיר,
לאָז מענטשנ רײדנ, באס האיאנא![1]
װאָס זאָגט איר, ייִדנ, הא?

ערשטער כאַפּער.
שטוס!
דער העכט איז טויט; די טײַנע־מײַנע
איז גאָר אומזיסט.

צװײטער כאַפּער.
איכ בינ קײנ טרוס,
אונ דאָכ װאָלט איכ מיכ ניט פארשטעלנ
פאר טויט, כאָטש נעמט אונ שיט מיכ אָפּ
מיט דימענטנ!

ערשטער כאַפּער.
אָט לאָז מענ װעלנ
בעימ לאוו[2] מיר אָפּהאקנ די קאָפּ!
אינ פײַער װאָלט איכ גיכער שוינ געלאָפנ!

װעלפּקע.
צװײ זאָגנ שיקער — איצט מוז איכ
דער דריטער — װײַזט מיר אויס, גײנ שלאָפנ.
נו, קומט זשע, לאָמיר גײנ אפגיכ
קײנ סטאראָלופּקע. קומט!

ערשטער כאַפּער.
מאקעס.
א שנאפּס?.. די װײַבל האָט אװאדע ניט!

---

1 געמײנט שרײַערקע, קלאָגערקע.
2 אויב ניט, אינ פאל פונ, אָפּזאָג.

כ י ַי ע ט ש ק ע.

א שנאפס ליגט זיי אינ טרייפנ מויעכ!

ע ר ש ט ע ר כ א פ ע ר.

לעכאָלעפּאָכעס — זידל ניט!

(וועלפקע מיט די כאפערס גייענ ארויס)

כ י ַי ע ט ש ק ע (גייענדיק צוצומאכנ די טיר).

געלויבט דער אויבערשטער, זיי זיַינענ

אוועק די מעכאבלים,[1] וויַיט אוועק!

(זיכ אומקערנדיק צו מוישענ)

היַינט, מוישעלע, שטיי אופ!

(זי דעקט אָפּ די שווארצע טוכ).

וואָס זיַינעב

די הענט בא אימ... שטיי אופעט... קאלט!

ער רירט זיכ ניט, געוואלט! געוואלט!

א קלאָג צו מיר! טויט? טויט פאר שרעק!

(זי פאלט אנידער).

ע נ ד ע

---

[1] פארדארבער, קאליע־מאכער — א זידל־וואָרט.

עסטער

א דראמע אין דרײַ אקטן

(אויפֿגעפֿירט פֿון פֿראנצויזיש)

פּערזאָנען:

ד ר. א ר ט ו ר פ י ל י פּ ס — 45 יאָר אלט.
ע ס ט ע ר — זײַן פרוי, 37 יאָר אַלט.
מ י ר י אָ ם — זייער טאָכטער, 17 יאָר אלט.
ו י ק ט אָ ר ה ע ר צ ב ע ר ג — 35 יאָר אלט
מ א ד א ם ש י י ן — א יונגע גרושע.
ב ר ו י ן — א דינער אין הויז, א מין אָרדערל.
מ אָ ס י ן — א שאָפער.

דעם דאָקטערס זומערדווױנונג אפן לאנד. צײַט — מיט עטלעכע יאָר צוריק.

ערשטער אקט

א גרויסער זאל, רײַך מעבלירט אין דעם דאָקטערס זומערהויז. רעכטס—א טיר צום דאָקטערס קאבינעט, לינקס—צו מרס. פיליפס צימער. אין הינטערגרונט — א דאָפּלטע טיר, דורך וועלכע עס זעט זיך א טעראסע מיט טרעפּ אראָפּ, פירנדיק צו א גאָרטן. אף דער בינע זעט זיך א גרויסער טיש, מיט ביכער און צײַטונגען אף אים רעכטס, און א קליינער טישעלע לינקס. — עס איז, יעסנ־צײַט, אין די לעצטע טעג פון סעפּטעמבער.

I

ב ר ו י ן או מ אָ ס י ן.

מ אָ ס י ן.

נאט אײַך דעם וואסערקריגל פאר מאדאמס בלומען; זי קומט באלד ארײַן (וויל גיין).

ב ר ו י ן.

ווארט א רעגעלע, מאָסין. וואָס אײַלט איר זיך? זאָגט מיר, פאָרט מיריאָם טאקע היינט אוועק?

מ אָ ס י ן.

זי פאָרט באלד, סײַדן זי פּויעלעט באם טאטן און בלײַבט אינדערהיים. זי איז שוין אײַנגעפּאקט צו פאָרן. דאָס מאכט זי איצט די לעצטע פּראָבע דעם הארטן מאן איבערצורייד׳ן, אָבער מיר דאכט, זי ווייס אליין גאנץ גוט, אז עס איז ארויסגעוואָרפענע ארבעט.

ב ר ו י ן.

און ער שיקט איר?

מ אָ ס י ן.

אין א באָרדינגס-סקול[1] אף א גאנצן יאָר. זי וועט דאָרט וווינען און עסן און לערנען. מע זאָגט, אז דאָס וועט קאָסטן אן אויצער מיט געלט, אָבער דעם דאָקטער איז אלץ ווערט, אבי זי פון הויז ארויספּאטערן.

ב ר ו י ן.

און, דאכט זיך, ער האָט זי זייער ליב, ניין?

מ אָ ס י ן.

געוויס, אָבער ער האָט זײַנע דאמעטשקעס נאָך ליבער, איצט, פארשטייסטו, ווערט די טאָכטער וואָס א יאָר אלץ עלטער, האלט שוין בא נאָענט פון 17

---

1 פּענסיאָנאט.

און הייבט אָן צופיל צו פאַרשטיין, וואָס אין הויז אַרום איר טוט זיך. דאָס לוינט זיך ניט פאַרן „פּאָפּולערן דאַמען-דאָקטער".

ב ר ו י נ.

וואָס מיינסטו דערמיט?

מ אָ ס י נ.

ביסט לאַנג געגאַנג אין הויז, עס אַליין צו פאַרשטיין. פּאָשעט: שייגע פּאַציענטקעס ווערן באַ אים ניט זייער גיך אויסגעהיילט. זיי זאָגן, אַז יעדע קראַנקהייט אַזעלכע ענדיקט זיך מיט אַ ראָמאַן. אַמאָל פּאַסירט זאָגאַר, אַז דער ראָמאַן קומט פאַר דער כאַלאַס.

ב ר ו י נ.

וואָס מיינסטו דערמיט?

מ אָ ס י נ.

וואָס איך מיין דערמיט? אָט מע טרעפט זיך אַף אַ באַל, אין טעאַטער, אין דער אָפּערא און אין אַנדערע ערטער. ער געפעלט אַ דאַמעטשקע און גלייך שיקט זי נאָך אים, ער זאָל איר קורירן, קורירט ער.

ב ר ו י נ.

אין דעם מוז זיין אַ שיין ביסל גוזמע... גלייב מיר, אַ גרויסער מאַן ווערט אין דער וועלט שטאַרק באַרעדט אויס הוילער קינע.

מ אָ ס י נ.

נו, לעמאָשל, איך ווייס וואָס איך רייד. איך בין זיין שאָפער, מיין ליבער פריינט. פון עטלעכע יאָר זיין. שטיל, מאַדאַם קומט... ניין, מיסטער הערצבערג. איך גיי (אָפּ).

II

ה ע ר צ ב ע ר ג, ב ר ו י נ.

ה ע ר צ ב ע ר ג.

האַלאָ, ברוין! ווו איז דער דאָקטער?

ב ר ו י נ.

באַ זיך אין קאַבינעט.

ה ע ר צ ב ע ר ג.

מיט אַ פּאַציענט?

ב ר ו י נ.

ניין, מיט מיריאַמען. דאָס מאַכט זי, פאַרשטיי איך, די לעצטע פּראָבע איבערצורײדן דעם פאָטער, ער זאָל איר לאָזן בלייבן אינדערהיים מיט דער מוטער.

ה ע ר צ ב ע ר ג.

איר, דער מאַדאַם פיליפּס, האָט ער, נאַטירלעך, ניט נאָכגעגעבן. דער האַרטער, האַרטער מאַן!

ב ר ו י נ.

זי איז אים קימאט צו די פיס געפאלנ, עס האָט גאָרנישט געהאָלפנ. רייד צו אים, רייד צו דער וואנט. איר ווייסט, מיסטער הערצבערג, איר האָט זיכ געדארפט אריַינלייגנ אינ דעם. פאר איַיכ האָט ער בושע.

ה ע ר צ ב ע ר ג.

בושע הײַנט, בושע מאָרגנ. ווענ ער שפארט זיכ אײַנ, רירסטו גיכער אנ אײַזערנעם טויער, ווי אים.

ב ר ו י נ.

אזאַ'נ אלטער פרײַנט, ווי איר. איכ ווייס, ער האָט פאר אײַכ דעם גרעסטנ אָפשײַ...

ה ע ר צ ב ע ר ג.

ארויסגעוואָרפענע ארבעט וואָלט דאָס זײַנ. שטיל, אָנ גייט מאדאם.

III

ע ס ט ע ר, ה ע ר צ ב ע ר ג.

ע ס ט ע ר.

(באמערקט אים ניט, גייט צו בעענטער, נעמט דעם וואסערקריגל פונ דער באנק אונ הייבט אָנ צו באגיסנ די בלומענ; מיטאמאָל באמערקט זי הערצבערגנ) א, דאָס זײַט איר, ליבער שאָכנ? (דערלאנגט אים א האנט אונ גייט דאנ צוריק צו אירע בלומענ).

ה ע ר צ ב ע ר ג.

וואָס מאכט איר, ליבע פרײַנדינ?

ע ס ט ע ר.

ניט ערגער, ווי אימער. איר ווייסט דאָכ, וואָס פאר א כוואטסקע פערזאָנ איכ בינ. עס קלײַבט זיכ א שטורעמ, ניינ?

ה ע ר צ ב ע ר ג.

היינטערנ וואלד איז אינגאנצנ שווארצ דער הימל. ווו איז אײַער פאמיליע?

ע ס ט ע ר.

דער דאָקטער איז אינ קאבינעט בא זיכ מיט מערעלענ.

ה ע ר צ ב ע ר ג.

ווי גייט עס אימ? ער איז אָלרײַט, ניינ?

ע ס ט ע ר.

אָ, יאָ, געזונט, ווי אימער. ער קלײַבט זיכ אינ ניו-יאָרק, פאָרט הײַנט נאָכ מיטאָק.

ה ע ר צ ב ע ר ג.

אויב אזוי, פאָר איכ אוועק.

ע ס ט ע ר.

(שמייכלענדיק) איר האָט מוירע צו זײַנ מיט מיר אָנ א שוימער? מיר האָבנ, ליבער פרײַנט, גענוג מענטשנ ארום זיכ, גענוג אויגנ, גענוג אויערנ, גענוג בעזער, וואָס שטופנ זיכ אהינ, ווו מע דארפ זיי ניט.

הערצבערג.

עפשער זײַט איר גערעכט... הערט, ליבע פרײַנדינ, איר זעט מיר אויס זײער ניט גוט. איר זײַט בלײכ אונ אופגערעגט. וואָס גײט דאָ אינ שטוב פאָר?

עסטער.

(מיט א ביטערנ שמײכל) איכ וואַרט אפ מײַנ גזאַר־דינ. ער דאַרפ אימ ארויסגעבנ. געשריבנ איז ער שוינ, איצט ווערט ער געכאַסמעט. מערעלע איז בא אימ אינ דער ראָליע פונ א גוטע בעטערנ, אָבער איכ ווײס, זי וועט גאָרניט אויספירנ. איכ בינ בא זיכ ניט גענאַרט. ער וועט מערעלענ אוועקשיקנ ווײַט, ווײַט פונ ניו־יאָרק. ער וויל איר ניט האָבנ אינ הויז פאַר דעמ זעלביקנ גרונט, פאַר וועלכנ איכ וויל איר ניט אוועקלאָזנ. שוינ גאָרניט ריידנדיק פונ מײַנ שטאַרקע ליבע צו איר, וואָלט איכ זי וועלנ האָבנ לעבנ זיכ, אזוי ווי איכ ווײס, אז ער וועט געוויסע זאכנ ניט טאָנ, ווענ זי איז אינ הויז. די שטאָט רעדט שוינ לאַנג ארומ דעמ. ביז איצט האָט מערעלע עס עפשער ניט פאַרשטאַנענ. איצט ווערט זי עלטער... צי זי פאַרשטײט, צי ניט — ווײס איכ ניט, אָבער זי וויל מיכ ניט לאָזנ אלײנ... איכ האָב מײַנ קאַמפ פאַרלאָרנ, לאַכלוטנ פאַרלאָרנ... עפשער וועט זי בא אימ פויעלנ, ער ליבט זי אזוי טיפ, אזוי ערנסט, דאַכט זיכ.

הערצבערג.

איכ פאַרשטײ אײַער אופרעגונג אונ אײַער טראָבל.[1] מיר טוט לײַד, וואָס איכ בינ ארײַנגעקומענ אהער אזוי ניט אינ דער צײַט, איכ פאַרלאָז אײַכ, נײנ?

עסטער.

אָ, נײנ, מײַנ פרײַנט, גײט ניט אוועק... איר האָט מוירע, איכ זאָל ניט מאַכנ א סצענע, ווענ דער ענדלעכער באַשלוס קומט ארויס... איר ווײסט דאָכ אָבער, אז איכ מאַכ ניט קײנ סקאַנדאַלנ... וואָלט עפשער אויסגעפירט, ווענ איכ מאַכ...

הערצבערג.

נו, לאָמיר האָפנ. ווער ווײס, עפשער גיט זיכ מערעלענ פאָרט אײַנ, וואָס אײַכ איז ניט געלונגענ...

עסטער.

(מיט א ביטערנ שמײכל) זי איז ניט זײַנ פרוי...

הערצבערג.

אָט גײט זי, דאַכט זיכ.

עסטער.

יע, איכ הער איר. אָ, גאָט! מײַנ האַרצ ווערט צעשפּרונגענ... איכ בינ געפּאַסט אפ דאָס שלימסטע.[2]

---

1 צאָרע, זאָרג.

2 איכ בינ גרײט אפ דאָס ערגסטע.

IV

מ י ר י אָ ם, ע ס ט ע ר, ה ע ר צ ב ע ר ג.

מ י ר י אָ ם.

זײַ געזונט, מאמע! (זי נעמט איר מוטערס האַנט און קושט זי לײַדנשאַפטלעך).

ע ס ט ע ר.

דאָס הייסט, דו פאָרסט?

מ י ר י אָ ם.

יע, מוטער. אָבער געגעבן האָט ער מיר זײַן ערן־וואָרט, אַז דאָס פאָר איך ניט מער, ווי אַף איינייִנציקן יאָר. ווען איך קום צוריק נעכסטן[1] זומער, בלײַב איך שוין אײַנגאַנצן באַ דיר... אײַנגאַנצן, אַף שטענדיק... אַף שטענדיק, מאַמעלע. איך וועל דיך דאַן אַזוי אומענדלעך ליבן און (זי בייגט זיך אַריבער צו דער מוטער און זאָגט אין אַ שטילערן טאָן.) און טרייסטן. נו, זײַ געזונט, מײַן ליבע, טײַערע מאַמעלע.

ע ס ט ע ר.

פאָר געזונט, מײַן קינד! איך באַגלייט דיך ניט. דו פאַרשטייסט מיך.

מ י ר י אָ ם.

ניין, ניין, ניין! דו בלײַב דאָ! (זי קערט זיך אום און באַמערקט הערצבערגן) אָ, הער הערצבערג!

ה ע ר צ ב ע ר ג.

ניט מער הערצ..?

מ י ר י אָ ם.

(ווערט רויט) אויב איר ווילט, דורכויס...

ה ע ר צ ב ע ר ג.

נו, זײַט געזונט, ליב קינד...

מ י ר י אָ ם.

איר זײַט גערעכט... איך בין נאָך אַלץ אַ קינד... אָט שיקט מען מיך צוריק אין סקול.

ה ע ר צ ב ע ר ג.

איך מיין ניט קיין בייז, מיריאַם!

מ י ר י אָ ם.

איך ווייס, זײַט געזונט...

ה ע ר צ ב ע ר ג.

פאָרט געזונט! (ער קושט איר די האַנט; זי ווערט קאָנפוז).

מ י ר י אָ ם.

(קערט זיך אום צו דער מוטער, לויפט צו און קושט איר נאָכאַמאָל לײַדנשאַפטלעך) גוד בײַ,[2] מאַמעניו... (זי טוט אַ לעצטן בליק אַף הערצבערגן און גייט אַרויס).

---

1 נאָענטסטן.

2 זײַ געזונט.

V

עסטער, הערצבערג.

עסטער.

(אראָפּגעמענדיק פון קאָמאָר אירע שטיקערײַ) נו, זעצט זיך, מײַן פרײַנט.

הערצבערג.

איך גלויב, איך שטער אײַך...

עסטער.

איך פאַרזיכער אײַך, אַז ניט.

הערצבערג.

דאַן ווײַנט, לעכאָלעפּאָכעס.

עסטער.

איר ווייסט, אַז איך וויל זעלטן...

הערצבערג.

דאָס איז ניט גוט. איך וואָלט אײַך איצט שוין זיכער געזען אין טרערן (ער זעצט זיך).

עסטער.

פונוואַנען זאָל זיך נעמען טרערן, ווען אַ האַרץ איז אויסגעטריקנט? אָבער לאָמיר ריידן פון פריילעכערע זאַכן. זאָגט מיר, וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַר-שוין די שאָכנטע אײַערע, דאָס הייסט, נאַטירלעך, אויך אונדזערע? איר האָט זי זיכער געטראָפן דאָ אין דער געגנט? איז זי ווירקלעך אַזוי שיין, ווי מע זאָגט?

הערצבערג.

וואָס פאַר אַ שאָכנטע?

עסטער.

אַ געוויסע מאַדאַם... שיין, יע, שיין, גלויב איך. זי באַוווינט דאָ דעם לינקן פליגל פון אונדזער מאַיאָנטעק (זי שמייכלט), זי מיט אַ מומע, דאַכט זיך.

הערצבערג.

איך ווייס ניט פיל וועגן איר.

עסטער.

איז זי אַן אַלמאָנע, אָדער געשידן פון איר מאַן?

הערצבערג.

געשידן, גלויב איך. מע זאָגט, אַז די שולד איז געווען דעם מאַנס.

עסטער.

ער איז איר געווען אומטרײַ, ניט עמעס?

הערצבערג.

וואָס ווייס איך?

עסטער.

אַנטשולדיקט, טאָמער בין איך ניט דעליקאַט...

ה ע ר צ ב ע ר ג.

אָ, מאדאם פיליפס, איר גלויבט דאָך ניט, לאָמיר האָפן, אז דאָס איז זי פון מײַנעטוועגן געקומען אהער?

ע ס ט ע ר.

פון אײַערטוועגן? אָ, ניין, מײַן פרײַנט! אזא כשאד אף אײַך האָב איך ניט, איר קענט זײַן גאנץ רויק. אָבער איך וועל אײַך פרעגן אן אייצע.

ה ע ר צ ב ע ר ג.

וועל אײַך זיכער געבן, אויב איך קען.

ע ס ט ע ר.

וואָס טו איך, טאָמער קומט זי צו מיר מיט א וויזיט? אזוי ווי זי איז א שכיינע, גלויבט איר, אז איך קען זי עמפּאנגען?[1]

ה ע ר צ ב ע ר ג.

עס זײַנען דאָ פאמיליעס, וואָס נעמען זי אוף דאָ ארום אונדז, אָבער וואָס מאכט אײַך גלויבן, אז זי וועט קומען?

ע ס ט ע ר.

(מיט אן איראָנישן שמייכל) איך האָב אזא געפיל. איבעריקנס, אזוי ווי מײַן מיריאָם איז... מער ניטאָ אינדערהיים, זע איך ווירקלעך ניט אײַן, פארוואָס איך זאָל זי ניט עמפּאנגען.

ה ע ר צ ב ע ר ג.

ווער באגלייט מיריאָמען?

ע ס ט ע ר.

איר אלטע נױרז[2] און איינער פון אונדזערע מענטשן.

ה ע ר צ ב ע ר ג.

און האָט איר גוטע נײַעס פון אײַער זון?

ע ס ט ע ר.

זייער גוטע... ער ארבעט שווער... ער רײַזט ארום די לעצטע עטלעכע כאדאָשים מיט זײַן פרינציפּאל, ער איז דערמיט זייער צופרידן.

ה ע ר צ ב ע ר ג.

גלויבט מיר, איר דארפט זײַן זייער גליקלעך מיט אײַערע קינדער. אײַער זון קען איך ווייניקער. די טאָכטער אײַערע — קימאט זינט זי איז געבאָרן געוואָרן, זי איז הײַנט שוין א פאָלקאָמענע קליינע דאמע. איר ווייסט, אין די לעצטע צײַט, דאָ אפן לאנד, איז זי מיר אײַנגעבאקן געוואָרן אין הארצן. זי וועט מיר עפּשער פעלן ניט ווייניקער, ווי אײַך.

ע ס ט ע ר.

ליבט איר זי ווירקלעך?

ה ע ר צ ב ע ר ג.

אָ, לײַדנשאפטלעך.

ע ס ט ע ר.

(מיט א בליק אָן א זײַט) הערסטו? לײַדנשאפטלעך!

---

[1] אופנעמען.

[2] גוווערנאנטקע.

הערצבערג.

איך מיינ, פארשטייט זיך, פונ גאנצנ הארצנ.

עסטער.

(מיט א לאכ) „ליידנשאפטלעכ“ איז א ווארט, וואס איר געברויכט ניט זייער אפט... געוויינלעכ, זייט איר רויק אונ געלאסנ אינ דעמ אויסדרוק פונ אייערע געפילנ. אזוי, וויניקסטנס, דוכט זיך מיר... אפ זיכער קענ מענ וועגנ אייך קיינ זאכ ניט זאגנ... איר זייט אזא מיסטעריעזער געהיימניספולער מענטש...

הערצבערג.

איך? געהיימניספול? גייט, גייט! וואס רעדט איר, ליבע פריינדינ. אינ וואס, לעמאשל?

עסטער.

אינ וואס, איז שווער צו זאגנ, איך ווייס ניט, וואס איר באהאלט, אבער דאס, וואס איר באהאלט, איז גוט פארבארגנ. אט, לעמאשל, אייער רייזע קיינ מיצראיִמ.[1] איר גרייט זיך צו דערצו קימאט יעדנ מארגנ אונ בלייבט קעסיידער אינדערהיימ. דאס האלט שוינ אנ א יאר זעקס... דאנ קענ איך בעשומויפנ ניט פארשטיינ, פארוואס איר האט ניט כאסענע,—איר, א מענטש ווי געבארנ צו זיינ א פאמיליענ-פאטער, דער מאנ פונ א גליקלעכע פרוי. פארוואס זאגט איר זיך אפ אפילע פונ די שידוכימ, וואס איך שלאג אייך פאר? אונ דאס, לאמיכ אייך זאגנ, איז גארניט שיינ פונ אייך... (מיט א שמערצ-געשריי) אי, ווי אומגעשיקט, האב זיך איינגעשניטנ!

הערצבערג.

(דערשראקנ) איינגעשטאכנ?

עסטער.

ניט טיפ. גיט מיר מיינ טאשנטיכל, אנ ליגט עס.

הערצבערג.

(זייער ביזי[2] ארומ עסטערנ) אבער איר פארלירט אסאך בלוט! (זייער אופגערעגט) ארייגרופנ דעמ דאקטער?

עסטער.

ניינ, ניינ, מיינ פריינט! זייט ניט קיינ קינד! גיט מיר די פלעשעלע אר-ניק[3] פונעמ שופלאד דארטנ. אט איז וואסער, גיסט א האר עלע ארייג... (ער טוט, ווי זי הייסט אימ. זייער צעטומלט).

הערצבערג.

איר זאגט, ניט טיפ איינגעשטאכנ?

עסטער.

ניינ, ניינ, גאנצ פונויבנ. זעט נאר, ווי איר ציטערט... (זי פארוויקלט אליינ דעמ פינגער) מאכט בלוט אפ אייך אימער אזא איינדרוק? איר זייט דאך, דאכט זיך, געווענ אינ דער מילכאמע?

---

[1] יעגיפטנ.

[2] פארנומענ, פארטאנ.

[3] אזא הייל-מיטל.

הערצבערג.

דאַן בין איך געווען מער כוואַט, ווי היינט, אויך ניט אַזוי אַלט!

עסטער.

איר מאַכט כויזעק פון מיר. הערט, איך וויל נעמען די קאַר [1] און אויספּאַרן שפּאַצירן. ווערט איר מיך באַגלייטן? דאָס הייסט (איראָניש), אויב אייער עלטער און אייער שוואַכקייט וועלן דאָס דערלויבן, נאַטירלעך.

הערצבערג.

(טוט אַ טראַכט) זייער... גערן. וועל נאָר אַריינגיין און באַגריסן דעם דאָקטער.

עסטער.

גוט. און איך גיי זיך אָנטאָן.

VI

ד"ר. פיליפּס, הערצבערג.

(צעטראָגן פון עסטערס לעצטע ווערטער, שטייט הערצבערג ווי אַ צעטומלטער, נאָכקוקנדיק עסטערן ביז זי זעט זיך ניט מער. ער האַלט זיך פאַרן שטערן ווי איינער שמערצן. עס קומט אַריין דער דאָקטער דורך די טיר אינעם הינטערגרונט).

ד"ר. פיליפּס.

וואָס פאַר אַ פאַרברעכן האָסטו אין די געדאַנקען?

הערצבערג.

אָ, דאָס ביסטו (זיי דריקן זיך די הענט). דו פאָרסט קיין ניו־יאָרק?

ד"ר. פיליפּס.

אום דרייַ אַזייגער (ער קלייַבט צונויף צייטונגען און זשורנאַלן).

הערצבערג.

דו קומסט דאָך צוריק ביז סאַפּער? [2]

ד"ר. פיליפּס.

ניין, איך גלויב, אַז ניט; קומסטו ניט מיט מיר?

הערצבערג.

איך האָב ניט וואָס צו טאָן אין שטאָט. אַגעוו האָט מיך דייַן פרוי געבעטן, איך זאָל זי באַגלייטן אַף אַן אוטאָמאָביל־ראַיעד. [3]

ד"ר. פיליפּס.

אַ גלענצנדע אידייע!

הערצבערג.

נו, און איך גיי טאַקע זען, צי אַלץ איז אין אָרדענונג מיט מייַן מאַשין. (ער גייט, קומט צו דער טיר און קערט זיך אום) הער, אַרטור, איך וויל מיט דיר ריידן!

---

1 די קאַרעטע.

2 אָוונטברויט.

3 אוטאָמאָביל־עקסקורסיע.

ד ר. פ י ל י פ ס.

ליבער הימל, אינ וואָס פאַר א טאָג דו זאָגסט דאָס? טמעצער האָט מיר פארביטנ מײַנ פרײַנט...

ה ע ר צ ב ע ר ג.

ניינ, איכ בינ דער זעלביקער, וואָס געווענ.

ד ר. פ י ל י פ ס.

גוט, וואָרום איכ גלויב ניט, אז די וועלט פארמאָגט א בעסערנ, אנ ערלעכערנ מאנ, ווי דו ביסט.

ה ע ר צ ב ע ר ג.

פרייט מיכ דיכ צו הערנ אזוי ריידנדיק. איכ וויל זיכ נעמענ אלע רעכטע פונ אנ אלטנ, גוטנ פרײַנט, וויל מיט דיר ריידנ וועגנ דײַנ פרוי.

ד ר. פ י ל י פ ס.

נאָר גוטעס, לאָמיר האָפנ.

ה ע ר צ ב ע ר ג.

וועגנ איר געוויס קיינ שלעכטס ניט. וואָס איכ וועל האָבנ צו זאָגנ, וואָס איז עפשער ניט אזוי גוט, וועט זײַנ וועגנ דיר אליינ.

ד ר. פ י ל י פ ס.

גוט, לאָמיכ הערנ. רייד!

ה ע ר צ ב ע ר ג.

זאָג מיר, ארטור, גלויבסטו, אז דײַנ פרוי איז גליקלעכ מיט דיר?

ד ר. פ י ל י פ ס.

פארוואָס ניט? וואָס פעלט איר?

ה ע ר צ ב ע ר ג.

דײַנ ליבע פעלט איר.

ד ר. פ י ל י פ ס.

שטוס! דו מיינסט, ווײַל איכ האָב אביסל צו טאָנ מיט פרעמדע ווײַבער? דאָס איז ניט קיינ ביים.

ה ע ר צ ב ע ר ג.

נישקאָשע פונ אנ אנטשולדיקונג.

ד ר. פ י ל י פ ס.

דאָס איז ניט פונ הײַנט. א מאלע וואָס פאסירט! מע טרעפט א שיינע פאציִענטקע, וואָס מע געפעלט אונ... אונ מע באהאנדלט זי אביסל לענגער, ווי (ער לאכט) עס איז עפשער נייטיק. מע איז דאָכ ניט מער, ווי א מענטש, דערצו דארפ עסטעטער שוינ זײַנ צוגעווינט. אונ כוצדעם ווייסטו, וואָס איכ וועל דיר זאָגנ? דו קענסט ניט די ווײַבער, מײַנ פרײַנט. א פרוי מיט אנ אייביק געטרײַענ מאנ איז ניט אלעמאָל צופרידנ (הערצבערג קוקט אימ אָנ פארוואונדערט). ווייסט נאָכ, וואָס איכ וועל דיר זאָגנ? טאָמער הייראטסטו וועג עס איז, פאָלג מיר אונ זע, אז דײַנ ווײַב זאָל גלויבנ, אז דו האָסט ערגעצ-ווו א לינקנ ראָמאנ, אפילע, ווענ דו האָסט נ י ט. דער מאנ, וואָס געפעלט קיינ אנדער פרוי ניט, געפעלט זײַנ אייגענער אויכ ניט.

הערצבערג.

אָ, מײַנ ליבער ארטור!

דר. פילִיפּס.

הער מיכ אויס. אויב דו קענסט די וועלט, אונדזער העכערע מיטלקלאס-וועלט, וועסטו ויסנ, אז די ווײַבער זײַנענ אומטרײַ דאפקע בא די גוטע מאַנענ, דאפקע בא די קאָשערע לעמעלעכ. פארשטייסט מיכ, איכ מישפּעט ניט, פארטיידיק ניט אונ פארורטייל ניט, איכ קאָנסטאטיר פּאָשעט א פאקט. (בא דיזע ווערטער עפנט זיכ הינטער זיי בײדנ לאנגזאמ די טיר אינעמ הינטערגרונט אונ עסטער דערשײַנט אפנ שוועל, צוהאלטנדיק די טיר פארנ קליאמקע) א מאנ, זאָג איכ דיר, וואָס איז ניט קיינ טאקיפּ בא פרעמדע פרויענ, איז איינער, וואָס אימ אכטעט זײַנ אייגענע פרוי ניט. וואָס איז שײַעכ צו מיר, טו איכ דאָס, ניט ווײַל איכ ליב מײַנ פרוי ניט, איכ ווער איינפאכ היגגעריסנ... א שיינע פּאציִענטקע... זי מיינט, איכ האָב איר געראטעוועט דעמ לעבנ... דער מאנ איז אלט, קראנק, קארג, אָדער עפּשער אליינ פארדרייט מיט ערגעצ א פרעמדער פרוי, מאלע, וואָס פּאסירט! אונ דאָ בינ איכ א מענטש, ניט קיינ פארזעעניש, פאר די אויגנ... (עסטער מאכט לאנגזאמ צו די טיר אונ בלײַבט פונ דרויסנ), נו, פארציִט זיכ דאָס געזונט ווערנ עטלעכע וואָכנ, אמאָל מער.

הערצבערג.

וואָס, אפ דעמ אויפנ, הייסט בא דיר כאסענע האָבנ?

דר. פילִיפּס.

דאָס זעלבע, וואָס בא אלעמענ. מיר לעבנ אינ א זינדיקע וועלט, מײַנ פרײַנט. אונ ווייסט נאָכ, וואָס איכ וועל דיר זאָגנ? גיי דורכ די גאנצע געשיכטע פונ דעמ מענטשנ, וועסטו געפינענ, אז דער סיסטעמ פונ איינ ווײַב האָט אינעמעסנ קיינמאָל ניט עקזיסטירט. קיינמאָל ניט, זאָג איכ דיר.

הערצבערג.

נו, אונ דער סיסטעמ פונ איינ מאנ? אונ טאָמער דענקענ די פרויענ אויכ אזוי, טאָמער ווילנ זיי אויכ אנ אָפּוועקסלונג, נאָר זיי האָבנ דערצו ניט די פרײַהײַט, וואָס מענער האָבנ?

דר. פילִיפּס.

פרײַהײַט? אומזינ! א שיינ ביסל פונ זיי נעמענ זיכ די פרײַהײַט (מיט א לאכ) דו פרעג בא מיר...

הערצבערג.

נו, אונ וואָס מיקויעכ די, וואָס נעמענ זיכ די פרײַהײַט ניט? עס זײַנענ דאָכ פאראנ שיינע עטלעכע אזעלכע, וואָס זײַנענ ערלעכ, צווישנ די פרויענ. אונ וואָס מיקויעכ עסטערנ, לעמאָשל? אויב דו האָסט ניט באמערקט, אז זי לײַדט אונ לײַדט זייער שטארק, דאנ ביסטו ווירקלעכ מיטנ מויעכ ניט אינדערהיימ.

דר. פילִיפּס.

אָ, זי לײַדט, זי לײַדט! פאר וועמענ ארבעט איכ, אויב ניט פאר איר? זי האָט שיינע אונ טײַערע קליידער, טאכשיטנ, לוקסוס, בעלער, טעאטער, אָפּערע אונ וואָס דארפ זי נאָכ?

ה ע ר צ ב ע ר ג.

זי דארפ, אז מע זאָל איר ליבנ. הער, ארטור, וואָס איך וועל דיר זאָגנ: דו האָסט ניט גענוג אכטונג פאר דײַנ פרוי. מיט דימענטנ, קליידער, בעלער אונ טעאטערנ קענ מענ קויפנ א מעטרעסע, „א סאָדערזשאנקע", ניט א פרוי, אנ ערלעכע פרוי, וואָס דו טרויסט אָנ דײַנ ערע, דײַנ נאָמענ, דײַנע קינ־דער, דײַנ פארמעגנ; א פרוי, וואָס בלײַבט דיר געטרײַ, בײַשטייענדיק יעדנ ניסאָיענ, ניט אכטנדיק אפ דײַנע אויסגעלאסנקײַטנ, ניט אכטנדיק אפ איר יוגנט, אפ איר ליבנסווירדיקײַט,[1]—איר ווילסטו באצאָלנ מיט דימענטנ אונ זײַ־דענע קליידער? באצאָלנ פאר די יעסורימ, וואָס דו טוסט איר אָנ? גיי, גיי, דו פארשטייסט זיך נאָר אפ איינ סאָרט פרויענ. אזוינע, ווי דײַנע, באדארפ קיינ זאך ניט כוץ דײַנ ליבע.

ד ר. פ י ל י פ ס.

קינדערײַ! איבעריקנס זאָג מיר: איז דאָס א מעסעדזש, א שליכעס פונ עסטערנ, וואָס דו ברענגסט מיר דאָ? איך קאָנ עס ניט גלויבנ. מײַנ פרוי האָט כוץ אירע אנדערע גוטע אייגנשאפטנ, אויך פיל טאקט אונ א גוטנ געשמאק. זיבעצנ יאָר נאָך דער כאסענע, א מאמע פונ צוויי קינדער,ביידע אזוי גרויס, ווי זי אליינ, וועט אזוי ניט ריידנ, ניט האנדלענ, וועט ניט שיקנ אזעלכע שליכעס צו מיר, אָ, ניינ!

ה ע ר צ ב ע ר ג.

דײַנ פרוי האָט פאר מיר איר הארצ ניט אויסגעגאָסנ. איך בינ אָבער גראָד אָנגעקומענ אינ דעמ אויגנבליק, ווענ די טאָכטער דײַנע איז אוועקגעפאָרנ. זי האָט מיר אָנ ווערטער דערציילט איר גאנצנ שלימאזל. ווענ איך רייד מיט דיר, איז דאָס, אייגנטלעך, נאָר דערפאר, ווײַל איך האלט, אז דו דארפסט דײַנ פרוי דעמ שמערצ ניט אָנטאָנ, דו דארפסט איר לאָזנ האָבנ מערעלענ.

ד ר. פ י ל י פ ס.

זעסטו, ד ע מ שמערצ אירנ פארשטיי איך. גערנ וואָלט איך איר דעמ שמערצ פארשפאָרט. גערנ וואָלט איך אינ דעמ פראט געשאנעוועט אירע גע־פילנ, געוויס! אָבער, ליבער וויקטאָר, דאָס איז אבסאָליוט ניט מעגלעך. אינ דעמ איז פארוויקלט א פרינציפ. איך ווייס גאנצ גענוי, ווי טעכטער דארפנ דער־צויגנ ווערנ. איך וויל, אז מײַנ טאָכטער זאָל אויסוואקסנ אנ ערלעכע רעש־פעקטאבלע פרוי מיט דער צײַט—אינ אירע יאָרנ טאָר זי אינ הויז ניט זײַנ: זי הערט, וואָס פאר איר טויג ניט צו הערנ, זי זעט, וואָס פאר איר וואָלט גלײַכער זײַנ ניט צו זענ. זי הייבט אָנ צו פארשטיינ זאכנ... דאָס אלצ איז שלעכט פאר איר, זייער שלעכט.

ה ע ר צ ב ע ר ג.

וואָלט ניט א בעסערער מיטל דערצו געווענ, אז עס זאָל מער ניט געטאָנ ווערנ, ניט געזאָגט ווערנ די זאכנ, וואָס זי דארפ ניט זענ אונ הערנ? אָבער אזוי אָדער אזוי, לאָז מערעלענ בא דער מוטער, רופ איר צוריק, עס איז נאָך ניט צו שפעט!

---

1 ליבלעכקײַט, פרײַנטלעכקײַט.

ד ר. פ י ל י פ ס.

נעכסטעס יאָר, הערצבערג, ניט פריער.

ה ע ר צ ב ע ר ג.

ניין, גלײַך, איך בעט דיך, ברענג ניט א מוסער איין פארצווייפלונג אריין.

ד ר. פ י ל י פ ס.

אין פארצווייפלונג? וואָס מיינסטו דערמיט?

ה ע ר צ ב ע ר ג.

איין גאָט אין הימל ווייס, עס איז ניטאָ אן ערלעכערע פרוי, ווי דײַנע, אין דער גאנצער וועלט. אויב דו גייסט ווײַטער אָן אזוי מיט דײַנע ליב־שאפטן, מיט דײַנע ראָמאַנען, מיט דײַנע מעטרעסן... און דו וואגסט נאָך דערצו פון איר צוצונעמען איר קינד, נו, דאן ווייס איך ניט, צו וואָס דאָס קען פירן.

ד ר. פ י ל י פ ס.

(קאלט און פעסט) דו ביסט א צו גוטער בעטער פאר איר.

ה ע ר צ ב ע ר ג.

פארצײַ מיר.

VII

ב ר ו י ן, ד ר. פ י ל י פ ס, ה ע ר צ ב ע ר ג.

ב ר ו י ן.

א בריוו, הער דאָקטער.

ד ר. פ י ל י פ ס.

אָ, פון דער דאמע פון דעם לינקן פליגל.

ב ר ו י ן.

איך גלויב, זיווארט אפ אן ענטפער.

ד ר. פ י ל י פ ס.

גייט, וועל איר צושיקן דו זערלויבסט דאָך, הערצבערג? איך שרײַב עס גלײַך אוף. (דר. פיליפס אָפּ).

VIII

ה ע ר צ ב ע ר ג, ב ר ו י ן.

ה ע ר צ ב ע ר ג.

ברוין.

ב ר ו י ן.

מר. הערצבערג!

ה ע ר צ ב ע ר ג.

איז מאדאם פיליפס שוין ארונטערגעקומען?

ב ר ו י נ.

זי קומט גלײַך ארונטער. דער אוטאָמאָביל ווארט אפ אײַך.

ה ע ר צ ב ע ר ג.

זאָגט איר, זײַט אזוי גוט, זי זאָל מיך אנטשולדיקן, איך קען מיט איר ניט אויספאָרן, מע ווארט אפ מיך בא מיר אינדערהיים. איך וועל איר שרײַבן הײַנט אָוונט.

ב ר ו י נ.

אָט איז די פרוי דאָקטער אליין (אפ).

IX

ע ס ט ע ר, ה ע ר צ ב ע ר ג.

ע ס ט ע ר.

(אָנגעטאָן צום אויספאָרן) וואָס איז דאָס? איר ווילט אוועקגיין?

ה ע ר צ ב ע ר ג.

יאָ, איך האָב געהאט גאָר אינגאנצן פארגעסן, אז איך האָב אן אפּאָינטמענט[1] בא זיך אין הויז, אונ טאקע הײַנט נאָך מיטאָג.

ע ס ט ע ר.

איר האָט זיך דאָך, לאָמיר האָפן, מיטן דאָקטער ניט געקריגט?

ה ע ר צ ב ע ר ג.

אָ, ניין! איך מוז גיין, ווײַל איך מוז עמעצן טרעפן בא זיך אינדערהיים.

ע ס ט ע ר.

(שאָקלט מיטן קאָפּ) דאָס איז ניט דער עמעס, ליבער פרײַנט.

ה ע ר צ ב ע ר ג.

איך פארזיכער אײַך...

ע ס ט ע ר.

איר האָט מיר ניט געזאָגט דעם עמעס. דער עמעס איז, אז איר פאָרט אוועק, אונ דאָס פאָרט איר אוועק פון מיר אונ אפ א לאנגע, לאנגע צײַט. הערצבערג, זײַט אָפן מיט מיר, ווי געוויינלעך.

ה ע ר צ ב ע ר ג.

נו, דאָס איז עמעס.

ע ס ט ע ר.

איר זײַט פון יאָרן א שטענדיקער צוזעער פון מײַן לעבן. איר זעט, ווי אונ וויפל איך לײַד אלערליי יעסורים. אָ, איך בין אײַך זייער, זייער דאנקבאר...

ה ע ר צ ב ע ר ג.

פאר מײַן ליבע צו אײַך?

ע ס ט ע ר.

(האסטיק) דערפאר, וואָס איר האָט וועגן דעם קיינמאָל ניט גערעדט.

---

[1] א צוזאמענטרעפונג.

הערצבערג.

נו, מער קענ איכ ניט שווײַגנ. איכ קענ ניט, קענ ניט מער! האָב דערצו דעמ קויעכ ניט מער...

עסטער.

אויב אזוי, מוזט איר ווירקלעכ אוועקפאָרנ. אָבער איז דאָס טאקע אזוי, ווי איר זאָגט?

הערצבערג.

דאָס איז אזוי, עסטער!

עסטער.

אינ וועלכנ פראט האָט זיכ די לאגע געענדערט? איכ ווייס, איכ האָב עפּ-שער ניט דאָס רעכט פונ אײַכ עס צו פארלאנגענ, אָבער איר טאָרט ניט אוועק-פאָרנ. אײַער פרײַנטשאפט, אײַער ערגעבנהײַט,[1] אײַער שטילע הארציקע ליב-שאפט צו מיר, דאָס אלצ איז גראָד איצט נויטיק. גלויבט איר, אז איכ ווייס ניט, ווי דאָס אלצ אָפּצושעצנ? גלויבט איר, איכ האָב ניט אל די יאָרנ גע-פילט, ווי איר האָט מיכ פארשטאנענ אפנ ווונק, ווי איר האָט מיכ געטרייסט אָנ ווערטער, אָנגעפילט מײַנ הארצ, זיכ האלטנדיק פונווײַטנ? פארוואָס ווילט איר דאָס אלצ מיטאמאָל פונ מיר צונעמענ? פארוואָס, מײַנ פרײַנט?

הערצבערג.

ווײַל איכ האלט דאָס מער ניט אויס! ווײַל איכ קענ לענגער ניט טראָגנ די מאסקע פונ פרײַנטשאפט, וואָס וועגט אזוי שווער, ווי א מילשטיינ, ארומ מײַנ האלדז, מער קאָנ איכ ניט, עסטער, מײַנע קויכעס גייענ אויס! יאָרנ-לאנג האָב איכ געהאלטנ אונטערדריקט מײַנע הייסעסטע, הייליקסטע געפילנ... אונטערדריקט אינ דעמ נאָמענ פונ ערע, פונ פליכט, פונ פרײַנטשאפט. איצט האָט מיטאמאָל געפּלאצט דער דאמ[2] אונ אָנגעקוואָלענע געפילנ פארפלייצנ מײַנ ברוסט. איכ קענ איצט קיינ זאכ מער ניט צוריקהאלטנ, איכ ווייס איצט פונ קיינ שומ זאכ ניט מער, פונ קיינ פליכט ניט מער, פונ קיינ ערע, קיינ פרײַנט-שאפט, איכ ווייס נאָר פונ איינ זאכ, פונ איינ־איינציקע זאכ, איכ ליב, ליב, ליב!

עסטער.

(אינ א טאָנ פונ מיטגעפיל, אָבער אויכ פונ פאָרווורפ) מײַנ פרײַנט!!

הערצבערג.

אײַער פרײַנט? ניינ, דאָס בינ איכ ניט מער. דאָס קענ איכ מער ניט זײַנ. דערפאר מוז איכ אוועק. בלײַב איכ נעבנ אײַכ, ארומ אײַכ, האָב איכ פונ איצט אָנ ניט מער, ווי איינ געדאנק, איינ ווונטש, איינ שטרעבונג, אונ דאָס איז: אײַכ צו האָבנ פאר זיכ, אינגאנצנ פאר זיכ; אײַכ ארײַנצושלעפּנ אינ מײַנ אָפּגרונט, אײַכ צו פארבינדנ מיט זיכ אפ אייביק!

עסטער.

איכ הער אײַכ, קוק אפ אײַכ אונ דערקענ אײַכ ניט. רעדט איר דאָס אזוי, איר, מײַנ פרײַנט הערצבערג?

---

1 איבערגעגעבנקײַט.

2 די צוימ, געמיינט די גערולד.

הערצבערג.

(זיך אנידערזעצנדיק אין א לענשטול) אָ, דו גרויסער גאָט, מער קען איך ניט, עסטער. יאָרן־לאַנג, עפשער נאָך מיט א שאָ צוריק בין איך געווען דער רויִקער, ערליכער, געטרײַער פרײַנט און כאַווער,—זײַן כאַווער. אין דער גאַנצער צײַט האָב איך זיך אײַנגעפּונען אונטער דעם קישעפ פון אײַער שיינ־הײַט, אײַער ליבנסווירדיקײַט, אײַער זויבערן, ערלעכן, געטרײַען כאַראַקטער; אײַך די גאַנצע צײַט, ליבנדיק ווי א מעשוגענער, שטענדיק אין דער געפאַר ארויסצופלאַצן מיט א ליבעס־דערקלערונג, קוים האָט אײַער האַנט באַרירט מײַנע, קוים האָט אײַער בליק געטראָפן מײַנעם, קוים האָט זיך דערהערט דער רויש פון אײַער קלייד, קוים האָט עפעס פון אײַער פערזאָן באַרירט די לופט ארום מיר. איך ווייס, איך האָב צו קיינעם ניט, קען קיינעם ניט באַשולדיקן. איך, איך אליין בין דער שולדיקער, איך אליין!

עסטער.

יע, יע! איר אליין, הערצבערג, איר אליין. פאָרט געזונט. אדיע!

הערצבערג.

און דאָך... ווער האָט מיר געבראַכט דערצו? ווער, אויב ניט ער? איך בין פון דער נאַטור ניט קיין פאַרפירער אפילע אין געדאַנקען... איך וואָלט ניט געוואַגט אפ אײַך אופצוהויבן אן אויג, ווען איך זע, אז מע ליבט אײַך, אז מע פאַרגעטערט אײַך, אז מע באַהאַנדלט אײַך, ווי איר פאַרדינט באַהאַנדלט צו ווערן.

עסטער.

גייט, פאָרט אוועק! איך בעט אײַך, פאָרט.

הערצבערג.

(איר ניט הערנדיק) און פילנדיק, ווי גליקלעך, ווי וווּנדערפול גליקלעך מיר ביידע וואָלטן געקענט זײַן פאַרייניקט אין גופ און אין נעשאָמע, פאַרשמאָלצן צוויי אין איינעם דורך אײַער קישעפ...

עסטער.

ווי גאָט איז אײַך ליב, גייט, גייט אוועק פון דאַנען!

הערצבערג.

איך גיי. אָבער זײַן דערבײַ און צוזען, ווי מע טרעט אונטער די פיס אלץ, וואָס דאַרף זײַן הייליק בא א מענטשן; צוזען, ווי מע ברענגט אין ניוועץ אזוי פיל שיינהײַט, אזוי פיל ליבע, אזא שאַרמאַנטע[1] נעשאָמע, ווי מע מאַכט מיט דער בלאָטע צו גלײַך.

עסטער.

(שטאַרק אופגערעגט) פאַרלאָזט מיך אפן שטעל! איר הערט? דיזען אויגנבליק, איך פאַרלאַנג עס.

הערצבערג.

זייער גוט. אויב איך מוז זיך אָפזאָגן פון אײַך, פון מײַן גליק, פון מײַן לעבן, פון אלץ, וואָס מיר איז טײַער און הייליק, דאַן...

---

1 ליבע.

עסטער.
איך זאָג אײַך, פאָרט אוועק! אײַן אײַערע װערטער איז מײַן טויט... אדיע!
הערצבערג.
זאָלט איר לעבאָל-האפּאָכעס, וויסן, אז אײַך האָט זיך איין לעבן איינ-מאָל, איין מאָל אָנגעבאָטן גליק, אזא ליבע, ווי איר פארדינט...
עסטער.
שטיל! איך הער דעם דאָקטערס קאָל...
ד״ר. פּיליפּס (הינטער דער סצענע) שיק דורך װעמען עס איז צו דיזן בריוו.
עסטער.
שנעל ארויס! דורך דיזע טיר (ער גייט אָפּ לינקס. זי מאכט האסטיק צורעכט אירע האָר פארן שפּיגל).

X

ד״ר. פּיליפּס, עסטער.

ד״ר. פּיליפּס.
וואָס? אליין? פארטיק צום אויספאָרן?
עסטער.
יאָ.
ד״ר. פּיליפּס.
און ווו איז הערצבערג?
עסטער.
מוז דאָ זײַן ערגעץ־וווּ ארום די הויז.
ד״ר. פּיליפּס.
זאָג מיר, עסטער, וועסטו באדארפן דעם שאָפער אונדזערן?
עסטער.
וואָלט אים גערן מיטגעהאט, עס מאכט זיך אמאָל אן עקסידענט [1] אפן וועג
ד״ר. פּיליפּס.
מאכמעס איך וויל אים שיקן א גאנג... אוועקטראָגן א וויכטיקן בריוו...
עסטער.
זייער גוט, וועל זען זיך צו באגיין אָן אים. טרײַבן די קאר קען הערצבערג, אָדער איך אליין... אויב מיר פאָרן איבערהויפּט אויס, ווײַל עס קלײַבט זיך, דאכט זיך, א שטורעם.
ד״ר. פּיליפּס.
לאָז דאָס דיך ניט אָפּהאלטן, מײַן טײַערע, דער פאָרן וועט דיר גוט טאָן. דײַן מאשין איז א פארמאכטע און אין א נויט-פאַל פאָרסטו ארײַן אין א גא-ראזש... (ער באטראכט זי) איז דאָס דײַן נײַע קלייד? לאָמיר זען... אך, ווי שיין דו ביסט!

---

[1] א צופאל.

עסטער.

דו איבעראשט מיך.

דר. פיליפס.

מיט וואָס?

עסטער.

א קאָמפּלימענט פון דיר? פאר מיר?

דר. פיליפס.

אויב איך מאך דיר ניט עפטער קאָמפּלימענטן — מאכן דיר אנדערע.

עסטער.

(מיט א פיינע איראָניע) קומט בא דיר אויס, אז דאָ איז די זעלביקע זאך?

דר. פיליפס.

דעם גרעסטן קאָמפּלימענט מאכט א מאן א פרוי, ווען ער הייראט זי.

עסטער.

דער קאָמפּלימענט איז שוין אזוי אלט!

דר. פיליפס.

אָבער ער האלט אָן די גאנצע צייט, איבערהויפּט, ווען מע האָט קיין כאַראַקטער ניט אפּגעשידעט (ער נעמט איר האנט און קושט זי).

עסטער.

(קוקט אים אָן מיט א צאָגהאפטער[1] צערטלעכקייט) איז דאָס עמעס?

דר. פיליפס.

זיכער. (זי רוקט זיך צו צו אים) אָבער ווייז מיר נאָר דיינע אויגן. פארוואָס ווענגן מערעלעס אוועקפאָרן? ניין? גלויב מיר, עסטער, דאָס איז מיר אָנגעקומען ניט לייכטער, ווי דיר. האָב זיך דערצו אנטשלאָסן ניט מיט א לייכטן הארצן. אָבער איך האָב מוירע פאר זייער בארירונג מיט דער ארומיקער וועלט בא דיזע יונגע גייסטער. איך וויל, אז אונדזער קינד זאָל אויסוואַקסן א זויבערע, ערלעכע פרוי... ווי איר מאמע.

עסטער.

מיך פרייט צו הערן אזעלכע רייד פון דיר.

דר. פיליפס.

ניט בלויז שיין, ווי די מאמע, נאָר אויך ערלעך און אָפנהערציק, ווי זי

עסטער.

(האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אים) רייד נאָך, נאָך אזוי! אזעלכע ווערטער גיבן קראַפט און קראַפט, פיל קראַפט!

דר. פיליפס.

קראַפט צו וואָס?

עסטער.

קראַפט צו לעבן. אריבערצוטראָגן דאָס לעבן, ארטור.

דר. פיליפס.

דו ווייסט, עסטער, איך וועל ניט לייכט צעשמאָלצן... אָבער גלויב מיר, אין גרונט הארצן ליב איך דיך, א, יאָ, זייער פיל...

1 צוריקגעהאלטענע.

ע ס ט ע ר.

(זיך איינבויגנדיק, ווי צו קושן זיינע הענט) **א, איך דאנק דיר!**

ד ר. פ י ל י פ ס.

אָ, ניין, ניין, ליבסטע! טו דאָס ניט, וואָס איז מיט דיר? (ער נעמט ארויס זיין אור) **צייט צו גיין צום טרייג,[1] צוויי אור דרייסיק!! האָב גראָד גענוג צייט צו קומען צו דער באַן** (ער גייט נעמען זיין פעקל צייטונגען. נאָך א קורצע פּאַוזע) **נאָך א האָר פארגעסן! הער, מיין קינד, דו קענסט דאָך די פרוי שיין, וואָס וווינט דאָ אין לינקן פליגל!**

ע ס ט ע ר.

(ווערט בלייך ווי א טוך) **האָב געהערט איר נאָמען.**

ד ר. פ י ל י פ ס.

זי וועט דאָ וווינען בא אונדז אין שכיינעס אין זומער. דאָס איז א יונגע פרוי, אין א זייער פיינלעכע לאַגע. זי איז אָפּגעטיילט פון איר מאַן. ער איז א מין מעשוגענער... א פסיכאָפּאַט... פון דער פרוי האָב איך גוטע מיינונגען... אונדזערע ניו־יאָרקער פריינט, די יאַפּעס און די גינצבורגס, האַלטן זייער פון איר... אַנדערע אויך. איז אויב זי זאָל קומען מיט א וויזיט צו דיר, וואָלט איך דיך געבעטן איר פריינטלעך אופצונעמען. דו וועסט דאָס טאָן, ניין?

ע ס ט ע ר.

(קאַלט און פארטראַכט) **גוט, מיין פריינט!**

ד ר. פ י ל י פ ס.

נו, איצט לאָז איך דיך צורו... איך גיי, קום, וואַרשיינלעך, מאָרגן פרי צוריק, מיטן ערשטן טריין. און דו פאָר טאַקע ארויס מיט הערצבערגן. וועט דיר טאָן פיל גוטעס. גוד־באַי!

ע ס ט ע ר.

גוד־באַי! (ער גייט ארויס) **מיר א קוש צו געבן האָט ער, מיין ליבהאָבער, פארגעסן.** (טוט א זיפץ) **א!** (זי גייט ארום אין צימער ארום און אראָפּ. פּאַוזע. דאַן רופט זי אויס מיט א שמערץ־געשריי) **גאָט! איצט בין איך פארלאָרן!**

XI

ב ר ו י נ, ע ס ט ע ר.

ב ר ו י נ.

(אריינקומענדיק) **מאַדאַם פיליפּס, מיסטער הערצבערג וויל וויסן, צי איר וואָלט אויספאָרן.**

ע ס ט ע ר.

וואָס זאָגט איר?

ב ר ו י נ.

מיסטער הערצבערג פרעגט, צי איר ווילט אויספאָרן שפּאַצירן?

ע ס ט ע ר.

ניין, ברוין!

---

[1] צוג.

ב ר ו י נ.

זײער גוט, מאדאמ. (ער וויל גײנ).

ע ס ט ע ר.

וואַרט א ווײַלינקע (א קורצע פּאַוזע). בעט מיסטער הערצבערג, ער זאָל צו מיר אפ א פּאָר מינוט ארײַנקומענ.

ב ר ו י נ.

זײער גוט, מאדאמ! (אָפּ).

XII

ה ע ר צ ב ע ר ג, ע ס ט ע ר.

(עסטער זיצט א ווײַלע אלײנ. הויבט זיכ דאנ אופ, גײט ארומ אינ צימער. באַטראַכט פאַרשײדענע זאכנ, עפּעס אזוי ווי זי וואָלט זיכ מיט זײ געזעגענע. זי נעמט ארײַנ אינ האנט אירנ א יוגנט־בילד, באַטראַכט זיכ אונ װײנט זיכ פאַנאַנדער).

ה ע ר צ ב ע ר ג.

(קומט ארײַנ, גײט צו איר צו, נעמט זײער רעספּעקטפול איר רעכטע האנט אינ זײַנע בײדע) וואָס? איר וויינט, טײַערסטע? וואָס איז שוינ דאָ ווידער געשענ?

ע ס ט ע ר.

לאָזט מיכ, מײַנ פרײַנט, אײנ אויגנבליק. (פּאַוזע).

ה ע ר צ ב ע ר ג.

גוט, נו! באַרויִקט זיכ, ליבע עסטער. (נאָכ א פּאַוזע).

ע ס ט ע ר.

(זיכ ווישנדיק די אויגנ) פאָרנ מיר?

ה ע ר צ ב ע ר ג.

יע, מיר בײדע. (עס דונערט).

ע ס ט ע ר.

גאָט, וואָס פאַר א שטורעמ! אנ אָבערגלויבישער מענטש וואָלט אינ אזא וועטער געקומענ אפ שרעקלעכע געדאַנקענ.

ה ע ר צ ב ע ר ג.

זײַענ מיר דאָכ אָבער ניט אָבערגלויבישע מענטשנ. אונ איבעריקנס, ליבע עסטער, וואָס פאַר א באַדײַטונג קאָנ האָבנ אזא שטורעמ, וואָס קומט אפ א ווײַלע, מיט א בליצ אונ א דונער, אונ גײט גלײַכ איבער, ווענ מע פאַרגלײַכט אימ מיט דעמ שטורעמ אינ מײַנ ברוסט, וואָס קומט אָבער אונ ווידער יעדנ טאָג פונ מײַנ לעבנ אינ די לעצטע פופצנ יאָר, אונ איכ מוז קעסײדער ציטערנ, אז ער, מײַנ שטורעמ, זאָל ניט אויספּלאַצנ אינ מײַנ בוזעמ מיט א דונער, וואָס וועט קײנמאָל ניט פאַרהילכט ווערנ, מיט א בליצ, וואָס וועט קײנמאָל ניט פאַרלאָשנ ווערנ אונ וועט ערגעצ־ווו אָנמאַכנ א סרײפע... אָ, געליבטע, טײַערע, וואָס ווײסט איר? וואָס ווײסט איר, וואָס איכ האָב אל׳ די יאָרנ איבערגעלעבט?

ע ס ט ע ר.

אונ איכ, וויקטאָר?

הערצבערג.

איר האָט, לעכאָל-האפּאָכעס, געהאט אײַערע קינדער; איר האָט געהאט א טרייסט, א נעכאָמע, וואָס איכ האָב קיינמאָל ניט געהאט. איכ האָב געלעבט אינ א פּארצווייפלטע האָפּנונגסלאָזע ליבע. האָב געוווּסט די גאנצע צײַט, אז איר לײַדט פונ זײַנ שרעקלעכער אופירונג, פונ זײַנ שטענדיקנ אָפּענעמ באטרוג.[1] האָב געוווּסט, געוווּסט די גאנצע צײַט, אז איר זײַט זיכ מאקריוו — זיכ, עפּשער מיכ אויכ — אפּ דעמ מיזבּייעכ[2] פונ אײַער מוטער־ליבע, פאר אײַערע קינדער...

עסטער.

יע, פּאר די קינדער... וואָס האָב איכ געזאָלט טאָנ? מאכנ לײַטישע געלעכטער איז ניט אינ מײַנ נאטור... אונ וואָס וואָלט דאָס געהאָלפנ... ווענ איכ וואָלט יע געמאכט? אונ אפילע איצט, נאָכ דעמ, ווי איכ האָב געהערט פונ זײַנ אייגענער מויל, וואָס אונ ווי ער דענקט וועגנ מײַנ אופירונג, וועגנ זײַנע ראָמאנענ מיט פרעמדע ווײַבער...

הערצבערג.

וואָס? ער האָט עס אײַכ אויכ געזאָגט?

עסטער.

ניינ. איכ האָב, ניט ווילנדיק, געהערט א קליינעמ טייל פונ דעמ געשפּרעכ; וואָס ער האָט הײַנט געהאט מיט אײַכ. האָב דאָס לאנג ניט געקענט אויסהאלטנ, האָב שטיל פארמאכט צוריק די טיר, בינ ארויסגעגאנגענ אונ האָב זיכ גוט אויסגעוויינט אינ מײַנ צימער. עס האָבנ זיכ, מיטאמאָל, געפונענ טרערנ.

הערצבערג.

אָרעמע, טײַערע עסטער!

עסטער.

אונ נאָכדעמ, ווענ מיר זײַנענ ביידע צונויפגעקומענ אונ מיר האָבנ גערעדט אונ גערעדט... אונ איכ האָב געקלערט, עפּשער וועט איר מיר דערציילנ אלצ, וואָס ער האָט אײַכ געזאָגט, וואָס וואָלט פונ אזא טײַערנ פרײַנט ווי ד... איר עפּשער געוועננ נאטירלעכ, איבערהויפּט נאָכ דער דערקלערונג (זי גיט אימ די האנט) דער ליבעס-דערקלערונג, וואָס דו האָסט... אינ געדאנקענ זאָג איכ דיר איר מער דו... (ער וויל זיכ צו איר דערנעענטערנ, זי האלט אימ צוריק מיט א בליק אפּנ טיר אינ הינטערגרונט) וואָס דו האָסט מיר געמאכט אונ דו האָסט פונ דײַנ געשפּרעכ מיט אימ א וואָרט ניט געזאָגט...

הערצבערג.

(קושט איר האנט) האָסט מיכ געוויס געהאלטנ פאר א...

עסטער.

פאר דעמ נאָבלסטנ[3] מאנ, וואָס דו ביסט; פאר דעמ מאנ, וואָס איכ האָב אזוי לאנג, אזוי אומענדלעכ פיל געליבט... (זי קוקט זיכ אינסטינקטיוו האסטיק ארומ) קעסיידער דערשטיקנדיק אינ זיכ...

---

1 אָפּנארערײַ.
2 דאָס שעכט-פּלאצ פאר די קאָרבאָנעס.
3 איידלסטנ.

הערצבערג.

עסטער, טײַערע, אײנציקע! דו ביסט צו שטארק אופגערעגט.

עסטער.

קעסיידער דערשטיקנדיק אין זיך אלץ, וואָס איך האָב מוירע געהאט ארויסצוווײַזן פאר פרעמדע אויגן, בייס דו, טוענדיק דאָס זעלבע, האָסט פונדעסטוועגן דערפילט מײַן יעדן ווונטש, איידער איך האָב אים אויסגעדריקט. און ערשט דאַן, ווען ער האָט געבראכט קימאט אין מײַן הויז זײַן לעצטע מעטרעסע, א נײַעם שרעקלעכן שטאָך מיר אין הארצן, א נײַעם דאָרן אין מײַן אויג, האָט ענדלעך מײַן געדולד געפּלאצט און איצט קען איך זיך אויך ניט מער פארשטעלן. ערשט, ווען איך האָב קלאָר פארשטאנען, אז דאָס האָט ער צוליב זײַן נײַע געליבטע אוועקגעשיקט מײַן קינד פון דערהיים... ערשט דאַן, דו טײַערער, האָב איך אײַנגעזען, אז דו ביסט מײַן איינציקער, אז איך האָב כוץ דיר, קיינעם נישט, פאר וועמען עס זאָל נאָך לוינען לעבן...

הערצבערג.

אָ, ווי גליקלעך דו מאכסט מיך. נו, לאָמיר פאָרן... דו און איך... מיר ביידע אייבּ נעשאָמע אין צוויי קערפּערס... (עס דונערט) לאָמיר פאָרן...

עסטער.

(לויפט האסטיק צו צו דער טיר, קוקט זיך ארום פון אלע זײַטן, דאַן לויפט זי צו צו הערצבערגן און ווארפט זיך ארײַן אין זײַנע אָרעמס, וויינענדיק) פאר פרייד וויין איך, וויקטאָר, טײַערער.

צווייטער אקט

דעם דאָקטערס קאבינעט

I

ד ר. פ י ל י פ ס, ב ר ו י נ.

ד ר. פ י ל י פ ס.

(אריינקומענדיק, לייגט אוועק זיין הוט און זעצט זיך באַם שרייבטיש, זיך צוגרייטנדיק צו שרייבן) ברוין.

ב ר ו י נ.

הער דאָקטער!

ד ר. פ י ל י פ ס.

הייסט זיי אָנגרייטן מיין קאר ארויסצופאָרן אין א מינוטן צוואנציק. איך קען ניט גיין צום סטיישן[1] צופוס. דער רעגן האָט איבערגעפירט דעם וועג. איך וועל נעמען דעם פיר-דרייסיק־טריין.

ב ר ו י נ.

זייער גוט, הער דאָקטער... איר זייט געכאפט געוואָרן אין רעגן?

ד ר. פ י ל י פ ס.

יע, צום גליק אָבער בין איך געווען באם פארמער. האָב דאָרטן געמוזט בלייבן ביז דער שטורעם איז איבערגעגאנגען. איז מאדאם פיליפס נאָך ניט צוריקגעקומען? (ער מאכט דעם אָנשטעל צו נעמען שרייבן).

ב ר ו י נ.

ניין, הער דאָקטער.

ד ר. פ י ל י פ ס.

איז מען צוריקגעקומען פונעם לינקן פליגל?

ב ר ו י נ.

יאָ, מיין הער, שוין לאנג.

ד ר. פ י ל י פ ס.

זאָגט מאָסינען, ער זאָל ווארטן, איך וועל אים שיקן נאָכאמאָל א גאנג.

---

[1] סטאנציע, וואָקזאל.

ב ר ו י נ.

זייער גוט, הער דאָקטער.

דר. פ י ל י פ ס.

מיר דוכט, איך הער אַן אווטאָמאָביל אינ הויף.

ב ר ו י נ.

(צוגייענדיק צום פענצטער) אָ, יאָ! מאדאם קומט צוריק.

דר. פ י ל י פ ס.

איז ניט הער הערצבערג מיט איר?

ב ר ו י נ.

אָט קומט ער אליינ.

דר. פ י ל י פ ס.

גייט, ברוינ, זאָגט מאָסינען, אז איך וויל אים געבנ מײַנ בריוו פארנ אוועקגיינ.

(ברוינ אָפּ).

II

ה ע ר צ ב ע ר ג, ד ר. פ י ל י פ ס.

דר. פ י ל י פ ס.

(צו הערצבערגנ, וועלכער זעט אויס ווי דערשראָקנ, דערהערנדיק דעם דאָקטער) האלאָ! וואָס מאכסטו? (ער גיט אים די האנט, זיך ניט אומקערנדיק פונ טיש, האלטנדיק אינ שרייבנ).

ה ע ר צ ב ע ר ג.

(ניט בעמערנדיק די אויסגעשטעלטע האנט) ביסט אוועקגעפאָרנ?

דר. פ י ל י פ ס.

אומעגלעך צו פאָרנ. בינ געגאנגענ צופוס, האָט מיך דער שטורעם גע-פאקט. פארוואָס נעמסטו ניט מײַנ האנט?

ה ע ר צ ב ע ר ג.

דײַנ האנט? אָ, פארדאָנ! האָב זי ניט געזענ.

דר. פ י ל י פ ס.

(נאָך אלץ שרײַבנדיק) דו האָסט זי גאנצ גוט געזענ, מײַנ פרײַנט. אָבער וואַרט, מיר וועלנ באלד קומענ צו אַ פארשטענדיקונג. (פאַרוזע הערצבערגס פּאָנעם ווײַזט, אז דעם דאָקטערס רייד מאכנ אים אומרויק) ווו זײַט איר ביידע געווענ אינ דער צײַט פונעם שטורעם?

ה ע ר צ ב ע ר ג.

מיר האָבנ זיך אָפּגעשטעלט באַם גאראַזש.

דר. פ י ל י פ ס.

האָב טאקע אזוי גערעכנט. (ער ענדיקט שרײַבנ) אַ מײַסע מיט אַ סאָפּ! איצט אהער דײַנ האנט! דו האָסט זי מיר פריער ניט געגעבנ, ווײַל דו ביסט אָפּ מיר נאָך אלץ אינ קאס, וואָס איך האָב דײַנע אייצעס ניט גוט אופגענומענ...

ה ע ר צ ב ע ר ג.

(קארא־דאַוועדיק) קענ זײַנ...[1]

---

[1] א טאלמודישער אויסדריק. דאָ געמיינט—אָנגעבלאָזנ, בעׄרויגעזולעך.

דר. פיליפס.

נו, מײַנ פרײַנט, דאָס איז די אלטע, אלטע געשיכטע. עס איז אָנגענעמענער צו געבנ אײצעס, װי זײ אָנצונעמענ, אונ עס איז שװער צוצוגעבנ, אז מע איז אומגערעכט... אונ דאָכ, װענ מע איז נִיט א מעשוגענער אקשנ אונ גיט דורכ-אױס א שלעכטער מענטש, באדענקט מענ זיכ, װענ דער ערשטער קאס גײט איבער, װענ מע האָט קלוימערשט אױסגעפּירט אונ מע גיט נאָכ, אונ די אײצע איז א גוטע, װענ דער אײצעגעבער איז א געטרײַער, ערלעכער פרײַנט. מער נישט, געװײנלעכ זאָגט מענ דאָס ניט. איכ זאָג עס.

הערצבערג.

(קאלט) דערפאר קומט דיר א דאנק.

דר. פיליפס.

(אָנגעשפארט אָנ טיש, לינקס) איכ מוז מוידע זײַנ, אז דער שטורעמ האָט איכ דעמ געהאט א כײלעק. ער האָט מיר, אזוי צו זאָגנ, געבראכט צומ סײכל. זײַענדיק אײַנגעשפארט, האָב איכ געהאט די געלעגנהײַט נאָכצודענקענ אונ האָב טאקע פיל געטראכט. איכ האָב פאר די אויגנ געלאָזנ אריבערמארשירנ מײַנ גאנצע עקזיסטענצ, מײַנ גאנצנ לעבנ אונ האָב געפונענ א שײנ ביסל זאכנ, װאָס דארפנ מיט דער צײַט אנדערש װערנ. איכ װעל דיר ניט זאָגנ, אז איכ קלײַב זיכ צו װערנ איבער נאכט א גאנצ אנדער מענטש, אָבער דו װעסט זײער באלד זענ, אז איכ מײנ דיר צו פאָלגנ...

הערצבערג.

(אונטערשמײכלענדיק נאָכ אימער קאלט) א דאנק דיר...

דר. פיליפס.

נײנ, מײַנ פרײַנט, דער דאנק קומט דיר. דו האָסט ריכטיק פארשטאנענ; זײַענדיק אנ עמעסער פרײַנט, אז דער קריזיס אינ מײַנ לעבנ איז געקומענ, אז איכ בינ אָנגעקומענ אפּ א פונקט, װענ א מענטש שטעלט זיכ אָפּ, פאר-טראכט זיכ װעגנ זײַנ פארגאנגענהײַט אונ מאכט, װענ ער האָט כאראקטער אונ קענ זיכ אלײנ באהערשנ, אנ איבערבײַטונג, א פארענדערונג. דו האָסט פארשטאנענ, אז עס קומט די צײַט, װענ אנ אױסגעלאסענער מענטש האלט באמ װערנ א פארברעכער אונ, דערזעענדיק זײַנ העסלעכע געשטאלט אינ א פרײַנטלעכנ שפּיגל, דערשרעקט ער זיכ פאר זיכ אלײנ אונ קומט צו דער איבערצײַגונג, אז עס איז צײַט צו מאכנ אנ אָפּשטעל. דו זעסט, איכ האָב דיכ פארשטאנענ, נײנ?

הערצבערג.

יאָ.

דר. פיליפס.

נײנ, דו צװײפלסט. דײַנ „יאָ" קלינגט אינ מײַנע אויערנ, װי „נײנ". איכ גרונט גענומענ קענסטו מיכ ניט גוט. איכ בינ ניט פונ די מענטשנ, װאָס בא זײ איז װאָס אפנ לונג, דאָס אפנ צונג. אונ נאָכ עפּעס, מיט אלטע גוטע גע-טרײַע פרײַנט רעדט מענ אמאָל נאָכ װײניקער, װי מיט א צופעליקנ באקאנטנ בא א גלאָז װײַנ, אינ א טראקטיר. דערפאר רעדט מענ טאקע אויכ מער מיט א מעטרעסע, װאָס הײַנט לעבסטו מיט איר אונ מאָרגנ קענסטו איר ניט, װי

מיט אַן אייגענע ווײַב. כּוח דעם, גלויב איך, האָסטו אַ טאָעס, ווען דו מיינסט, אַז אַ מענטש מוז זײַן דורך און דורך פֿאַרדאָרבן, ווען ער האַנדלט ווי איך. מע קען אין טאָך זײַן אַ געטרײַער מאַן... דו שמייכלסט? איך זאָג דיר, מע קען זײַן אַ גוטער מאַן צו אַ ווײַב אין גרונט האַרצן אַפֿילע, ווען מע גיט נאָך די טײַוווע מיט אַנדערע פֿרויען. אַפֿילע דאַן פֿילט אַ מאַן, ווי גוט עס איז צו וויסן, אַז אינדערהיים איז דאָ אַן ערלעכע, אומבאַפֿלעקטע פֿרוי, וואָס הערשט איבערן הויז, וואָס וואַכט איבער דער פֿאַמיליע, וואָס שטעלט פֿאָר מיט זיך אַלץ, וואָס איז נאָבל און זויבער אין דעם הויזלעכן לעבן. און איך זאָג דיר, מײַן פֿרײַנט, אַז ווען מע זאָל קומען זאָגן דעם גרעסטן ציניקער צווישן אונדז—צווישן, וואָס מע רופֿט, אומגעטרײַע מענער—אַז זײַן ווײַב איז אים געוואָרן אומגעטרײַ, אַז זײַן טאָכטער האָט איר אומשולד פֿאַרלאָרן, אַז ער האָט מער נישט קיין הויז, קיין פֿאַמיליע, גאָרנישט, גאָרנישט אויסער זײַן טײַוווע... איך זאָג דיר, ליבער הערצבערג, אַזאַ מאַן וואָלט פֿילן, אַז עפּעס זינקט די ערד אונטער זײַנע פֿיס, אַז זײַן מויעך ווערט צעשטערט... נו, גלויבסטו מיר איצט?

הערצבערג.

(מיט אַן אונטערדריקטע אויפֿרעגונג) איך שווער דיר, אַז איך גלויב דיר.

דר. פֿיליפּס.

דו גלויבסט מיר, אָבער דו פֿאַרצײַסט מיר נאָך אַלץ נישט און דאָך... אָ, קוק מיר גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן... איך זע גאַנץ קלאָר, אַז דו הויבסט אָן מיר צו פֿאַרצײַען. (ער לאַכט און דריקט הערצבערגן די האַנט). איך ווייס, דו באַדאַרפֿסט צײַט, דו מוזט איבערקאָכן מײַנע רייד, ניט עמעס?

III

ברויִן, עסטער, דר. פֿיליפּס און הערצבערג.

ברויִן.

אײַער קאַר וואַרט אַף אײַך, הער דאָקטער.

דר. פֿיליפּס.

גוט. (ברויִן אָפּ). אַ, מײַן בריוו! גוט... האָב טײַווי פֿאַרגעסן אויפֿצושרײַבן דעם אַדרעס. (זעצט זיך און שרײַבט; דערווײַל עפֿנט זיך די טיר לינקס און עס באַווײַזט זיך עסטער, הערצבערג טוט זיך אַ הויב און באַטראַכט זי. עסטער באַמערקט איר מאַן, אירע קני טוען זיך אַ בויג, זי מאַכט לאַנגזאַם צו די טיר און גייט אַרויס). קום, וויקטאָר! איך וועל דיר ניט זאָגן, וואָס פֿאַר פּלענער איך האָב, אָבער ווען איך קום מאָרגן צוריק, וועלן מיר ביידע זײַן גוטע פֿרײַנט.

הערצבערג.

געוויס, וואָס רעדסטו?

דר. פֿיליפּס.

נו, גוד-בײַ! ביז מאָרגן, מײַן גוטער וויקטאָר.

IV

הערצבערג, נאָכדעם עסטער.

עסטער.

(אריינקומענדיק, לינקס, זייער צעטראָגן; אין א שטילן קאָל מיט אָפּגעהאקטע ווערטער)

יע, יע, דו ביסט געווען גערעכט, מײַן ליבסטער... אוועק פון דאנען... מיר מוזן אוועק... ניט גערעדט! גיי, מאך זיך פארטיק... איך קום מיט דיר מיט... איך בין באלד פארטיק...

הערצבערג.

(אויך שטיל) יע, געליבטע... איך גיי...

עסטער.

גיי און מאך זיך פארטיק צום פאָרן... איך קען מער א שאָ ניט בלײַבן אונטער דיזן דאך... איך בין דײַנע אליין מיטן גוף און מיט דער נעשאָמע... האָב קיינעם ניט כוץ דיר...

הערצבערג.

שש! מע קומט...

V

ברוין, הערצבערג, עסטער.

ברוין.

א דאמע וויל אײַך זען, מאדאם פיליפּס.

עסטער.

וואָס פאר א דאמע?

ברוין.

מאדאם שיינ פונעם לינקן פליגל.

עסטער.

מאדאם שיינ?

ברוין.

יע, די... איר ווייסט דאָך וועמען איך מיין.

עסטער.

זי איז דאָ?

ברוין.

יע, מאדאם. ווילט איר זי עמפּפאנגען?

עסטער.

(נאָך א קורצער פּאוזע מיט א שמערצלעכן טאָן) יע... (ברוין אָפּ).

הערצבערג.

זאָל איך בלײַבן מיט דיר?

עסטער.

ניין, ניין... עס איז שוין שפּעט. גרייט בעסער צו אלץ, וואָס מע דארף צום פאָרן.

הערצבערג.

דו קענסט זיך אפּ מיר פאַרלאָזן, טײַערע...

ברוינ.

(צוריקקומענדיק) מאַדאַם שײַנ! (ער לאָזט זי אַרײַנ; ער און הערצבערג אָפּ)

VI

מאַדאַם שײַנ, עסטער.

עסטער.

(פאַר זיך) וואָס פאַר אַ ־ועכט האָב איך זיך צו האַלטנ פאַר בעסער, ווי זי? נעכטנ נאָך בינ איך געוועזנ אַנ ערלעכע פרוי...

מאַד. שײַנ.

(זייער יונג, זייער עלעגאַנט; איז אָפּגערעגט און אַביסל פיבעריש). עס איז זייער פרײַנ־טלעך פונ... אײַך מעקאַרעוו צו זײַנ אַ פרעמדע.

עסטער.

(טרויעריק און זייער איינפאַך) איר זײַט פאַר אונדז ניט קיינ פרעמדע, מאַדאַם... אונדזערע ניו־יאָרקער פרײַנט האַלטנ פונ אײַך און אַגעוו זײַט איר דאָך אַ שכיינע. איבעריקנס האָט איר אינ מײַנע אויגנ נאָך אַ גרעסערנ רעכט צו ווערנ געאַכ־טעט... איר זײַט אַנ אומגליקלעכע...

מאַד. שײַנ.

אַנ אומגליקלעכע?

עסטער.

אָ, אַנטשולדיקט... אָבער זײַט איר ניט געליטנ פונ אײַער מאַנ?

מאַד. שײַנ.

(האַסטיק) אַ, יאָ. הער שײַנ איז אַנ אומגעווײנלעכער מענטש. מײַנע עלטערנ האָבנ קעגנ מיר פיל געזינדיקט, מאַדאַם פיליפּס.

עסטער.

(נאָך אַ פּאַוזע) און איר זײַט דאָ גאַנצ אַליינ?

מאַד. שײַנ.

ניינ, מיט מײַנ מומע. (עסטער פאַרטראַכט זיך) מיט מײַנ גוטע מומע. זי איז די גוטהאַרציקײַט אַליינ, מער ניש, זי לײַדט פונ אַ שווערע קראַנקהײַט... זי איז הײַנט קימאַט דעם גאַנצנ טאָג אינ בעט. זי האָט זייער באַדויערט, מאַדאַם, וואָס זי האָט מיך ניט געקענט באַגלייטנ.

עסטער.

דאָס טוט מיר אויך זייער לייד... ליבט איר דאָס לאַנד?

מאַד. שײַנ.

זייער, מאַדאַם פיליפּס! פרײַער פאַר אַלצ, ווײַל מע דאַרפ זיך ניט פוצנ. מע קענ גיינ אַזוי... (זי ווײַזט אירע האָר) קיינער קריטיקירט אײַך ניט. פאַר די האָר איז דאָס אַ מינ אָפּרו...

עסטער.

געוויס, געוויס...

מאד. שײַן.

און דאַן האָב איך אַן עמעצע מאַניע פאַר שפּאַצירן גיין אין וואַלד... איך האָב מיר זאָגאַר געלאָזן מאַכן אַן עקסטרא קאָסטיום דערפאַר. מיר דאַכט, דער קאָסטיום פּאַסט מיר זייער גוט.

עסטער.

אײַך פּאַסט אַלץ. איר זײַט אַזוי שיין...

מאַד. שײַן.

איך שיין, מאַדאַם? (זי טוט א זיפץ) אָ, גאָט!... איר האָט קינדער, מאַדאַם פּיליפּס? ניין?

עסטער.

יע, א טאָכטער און א זון.

מאַד. שײַן.

זיי זײַנען זיכער וווּנדערפאָל!

עסטער.

יע, זייער ליבע קינדער.

מאַד. שײַן.

אָ, ווי גערן וואָלט איך זיי קענען! איר האָט זיי ניט בא זיך?

עסטער.

(מיט אַן אָנשטרענגונג) ניין, מײַן זון רײַזט ארום און מײַן טאָכטער איז אין א באָרדינג־סקול.

מאַד. שײַן.

אָ, מײַן גאָט! ווען איך וואָלט האָבן קינדער, וואָלט איך ניט געוואָלט לעבן מיט זיי פונוויַטנ.

עסטער.

גלויבט מיר, מאַדאַם, איך ליב מײַנע קינדער... אָבער... מע איז ניט אי־מער א באַלעבאָס איבער זיך... עס זײַנען פאַראַן פאַרהעלטניסע... (איר קאָל ווערט דערשטיקט).

מאַד. שײַן.

אָ, מײַן גאָט! דאָס האָב איך, ניט ווילנדיק, אײַך אָנגעמאַכט שמערצן. איר שײַנט צו לײַדן פון עפּעס... איר זײַט אַזוי בלייך געוואָרן... (זי שטייט אויף).

עסטער.

(מיט א האַלב־פאַרשטיקטן קאָל) גאָרנישט, דאָס איז גאָרנישט.

מאַד. שײַן.

וואָס הייסט גאָרנישט? נעמט, איך בעט אײַך, מײַן פלאַקאָנטשיק. טוט א שמעק... דאָס וועט אײַך מאַכן פיל בעסער. (זי רוקט זיך צו נעענטער צו עסטערן, עסטער שטופּט איר אָפּ פון זיך אָפּ זייער א צערטלעכן אויפן) אָ, איך בעט אײַך, טײַ־ערסטע, לאָזט מיר. דאָס האָב איך אײַך אופגערעגט מיט מײַנע נאַרישע רייד. דאָס מאַכט מיר זייער אומגליקלעך... איר זײַט צו מיר אַזוי גוט... איר רעדט צו מיר מיט אַזוי פיל זיסקײַט... (אין א נידעריקערע שטימע) איך בין עפּשער ניט אַזוי שלעכט ווי איר מיינט, מאַדאַם.

עסטער.

איך מיין קיין בייז ניט... איך דאנק אײַך.

מאד. שיין.

איך בין אזוי צעטראָגן. אָט רייד איך מיט אײַך, און רייד און ווייס קאַם, וואָס איך זאָג. איר מוזט מיר האַלטן פאר א צעדולטע...

עסטער.

(מיט גוטסקייט) ניין, פאר א קינד.

מאד. שיין.

א פארלאָזענעם קינד... (זי טוט א זיפץ).

עסטער.

אָ, ניין, ניין! נו, איך פיל זיך איצט בעסער... (גיט איר צוריק דעם פלאַקאָנטשיק) אדאנק אײַך...

מאד. שיין.

(שטייט אוף צום גיין) נו, איך לאָז אײַך צורו, מאדאם.

עסטער.

אָ ווידערזען, מײַן קינד! (זי גיט איר די האנט).

מאד. שיין.

אדיע, אדיע... (זי נעמט עסטערס האנט מיט רעשפעקט) אדיע, מאדאם פיליפס.

VII

עסטער אליין.

עסטער.

איך מישפעט קיינעם ניט. איך בין הײַנט ניט בעסער פאר קיין שום אַנדער פרוי... ניט בעסער פאר די נידעריקסטע... אָ, וואָס פאר א כאָלעם, מײַן גאָט! ווען איך דאָס קיינמאָל ניט אופכאפן זיך? אָ, ווי איך וואָלט שוין וועלן זײַן אוועקגעפאָרן, זײַן ווײַט, ווײַט פון דאנען... לאָמיך זען, וואָס קען איך טאָן ביז איך פאָר אוועק? מיר דאכט, איך וועל מעשוגע ווערן, אויב איך בלײַב דאָ נאָך לאנג... איך טאָר ניט טראכטן ביז איך פאָר אוועק... און אזוי ווי איך בין, קען איך דאָך אויך ניט פאָרן... איך מוז זיך איבערטאָן, לאָמיך גיין זיך איבערטאָן... יע, און שרײַבן, אים שרײַבן מוז איך דאָך אויך... גוט. (זי גייט צו אנטשלאָסן צום טיש) איך זעץ זיך שרײַבן. (זי זעצט זיך, נעמט ארײַן א פעדער אין האנט; מיטאמאָל הערט זיך א ווייש ווי פון אן אוטאָמאָביל אין הויף. זי לייגט צו אן אויער) גאָט, וואָס איז דאָס?

א קאָל פון דרויסן.

מאמע!

עסטער.

(א דערשראָקענע) מיריאָם!

דער קאָל.

ליבע מאמע!

עסטער.

(ווי פון א דונער דערשלאָגן) מיריאָם!!

VIII

מיריאָם, עסטער.

מיריאָם.

(אריינקומענדיק און פאלנדיק דער מוטער אפן האלדז) אָ, מײַן טײַערע מאמעלע!

עסטער.

דו? דאָס ביסט דו?

מיריאָם.

יע, דאָס בין איך, מוטער געליבטע. זע, דו קושט מיך גאָרניט?

עסטער.

(אומבאשלאָסן, שטופט זי א האַרעלע צוריק, דאן כאפט זי אריין אין אירע אָרעמס מיט א געשריי:) אָ, דאָס קען ניט זײַן! דאָס איז אומעגלעך! (זי וויינט זיך פאנאנדער).

מיריאָם.

האָסטו דען פון קיין זאך ניט געוווסט? האָט דיר מײַן פאָטער גאָרנישט געזאָגט?

עסטער.

גאָרנישט, גאָרנישט... איך פארשטיי גאָרנישט... וואָס טוט זיך דאָ? זאָג מיר.

מיריאָם.

אָ, איצט פארשטיי איך. ער האָט דיר געוואָלט מאכן אן איבעראשונג. שטעלט דיר נאָר פאָר: מיר האָבן געהאלטן באַם אריינגיין אין וואגאָן, מײַן קוזינע און איך, אף דעם וועג צו דער באָרדינג-סקול, ווען מע דערלאנגט מיר דיזן בריוועלע, נא לייען.

עסטער.

איך קען ניט, איך קען ניט. דו זעסט דאָך, אז איך קען ניט. לייען דו (זי זעצט זיך).

מיריאָם.

זייער גוט, טאָ הער זשע, טײַערע מאמעלע: (לייענט) „מײַן ליבסטעס קינד, אויס באָרדינג-סקול!" (צו דער מוטער:) הער, הער! (לייענט) „איך גיב זיך אונטער צו דײַן מוטערס טרויעריקײַט און מײַנע אייגענע געפילן. דו בלײַבסט אינדערהיים, מיט אונדז! לאָז מען דיך גלײַך ברענגען צוריק". איך האָב ניט געלאָזן זיך דאָס זאָגן צוויי מאָל, קענסט מיר גלויבן, אָבער הער ווײַטער: „דו מוזט נאָך זײַן אינדערהיים צום סאפער מיט דײַן מאמען און זאָג איר, איך האָב איר זייער, זייער ליב!" (זי ווידערהאָלט) און זאָג איר, איך האָב איר ליב, זייער ליב! (זי גיט דער מוטער א לײַדנשאפטלעכן קוש).

עסטער.

(ארײַנעמענדיק אין האנט דעם בריוועלע) אָ, גאָט אין הימל! וואָס וועט פון מיר ווערן?

מיריאָם.

אָבער, ליבע מאמע! מע וואָלט זאָגן, דו ביסט ניט צופרידן, וואָס איך בין צוריקגעקומען.

עסטער.

וואָס מײנסטו, מײַנ קינד, איכ האָב דיכ אזוי יוײנ צוריק דערוואַרטעט! איכ ווײס ניט, צי איכ כאָלעמ ניט. אָ, מײַנ טײַערע אָרעמע קעצעלע!
(זי קושט איר די הענט).

מיריאָמ.

באַרוּיִק דיכ, מאַמעניו, באַרוּיִק דיכ! לאָז אונדזער גרויסער גליק ניט אויסזענ עפּעס ווי א שיוורע-לעוו,[1] כאָלילע! האַלט, ווײסטו, וואָס מיר וועלנ טאָנ? מיר וועלנ זיכ דאָ באַזעצנ יעדע פונ אונדז אינ איר ווינקעלע, אונ מיר וועלנ זיכ קוקנ אײנס אפ די אנדערע אונ קלײַבנ נאַכעס אײנע פונ די אנדערע, אונ מיר וועלנ פּלוידערנ אונ זיכ ליבנ, אונ זיכ ליבנ, שטיל אונ רויִק. ווילסטו?

עסטער.

וואָס דו וועסט וועלנ, ווי דו וועסט וועלנ, מײַנ קינד...

מיריאָמ.

(ברענגט א קאָרב מיט שטיקערײַ, מיט לײַוונט, מיט זײַד אונ אנדערע זאַכנ, נעמט ארויס אנ אָנגעפאַנגענעמ — פונ בײדע זײַטנ אָנגעפאַנגענעמ קאַרפּעט,[2] גיט דער מוטער אײנ ברעג אונ נעמט זיכ דעמ צווײטנ. בײדע ארבעטנ) גאָט, ווי גליקלעכ איכ בינ ווידער צו זײַנ לעבנ דיר. מיט וואָס פאַר א שווערנ הארצנ איכ בינ פונ דיר הײַנט אינדערפרי אוועקגעגאַנגענ, זיכ זאָגנדיק: ביז איבעראיאָר! אונ מיטאמאָל, אָט איז דער יאָר פאַרבײַ. נו, אונ מײַנ פאָטער איז אינ שטאָט?

עסטער.

יע... דו ווײסט דאָכ... האָט עפּעס א געשעפט אינ שטאָט.

מיריאָמ.

וואָס פאַר א קאַבאָלעס-פּאָנעמ[3] מיר וועלנ אימ געבנ מאָרגנ! אזוי! אונ דו אָרעמע מאַמעלע, ביסט געבעכ דעמ גאַנצנ טאָג געווענ אנ עלנטע, אײנע אלײנ... אָ, נײנ, וואָס רײד איכ? מיסטער הערצבערג איז דאָכ דאָ געווענ מיט דיר... האָב אימ דאָכ געזענ אינדערפרי, נײנ?

עסטער.

נו, געוויס.

מיריאָמ.

ער וועט אויכ זײַנ צופרידנ מיט מײַנ צוריקקומענ, נײנ?

עסטער.

ווער?

מיריאָמ.

הער הערצבערג...

עסטער.

יע... געוויס... דו פאַרשטײסט, איכ קוק אפ דיר אונ גלויב מײַנע אײגענע אויגנ ניט.

---

1 א הארצווײטעק.

2 טעפּיכ.

3 באַנעגעניש.

מיריאָם.

אָ, דאָס בין איך, מאַמעניו, דאָס בין איך, איך בא דיר — אַפּ אימער, אַפּ אַלע, אַלע מאָל, מאַמעלע!

עסטער.

(טוט א זיפֿצ).

מיריאָם.

וואָס זיפֿצסטו?

עסטער.

איך טראַכט, מײַן קינד, וועגן דער צוקונפֿט. פֿריִער אָדער שפּעטער וועלן מיר זיך דאָך... מוזן שיידן.

מיריאָם.

שיידן? מיט דיר? ווען? צוליב וואָס?

עסטער.

נאַרעלע, ווען דו וועסט כאַסענע האָבן.

מיריאָם.

אָט האָט איר מײַן מאַמען! זי דײַגעט שוין פֿאַר די צײַט, ווען איך וועל... עס איז צום לאַכן. אָט זוכסטו זיך דײַגעס און שיוורע־לעוו, זוכסט, ווי מיט ליכט. לאָמיר דיר פֿריִער פֿאַר אַלץ זאָגן, אַז איך וועל מײַן צוקונפֿטיקן שטעלן שווערע באַדינגונגען. ער וועט מוזן צופֿרידן זײַן צו ווױנען מיט מיר בא מײַן טײַערע מאַמע, אָדער ניט ווײַט פֿון איר... און, כוצדעם, זעסטו, וועט זײַן זייער ניט לײַכט מיך צו פֿאַרשאַדכענען.

עסטער.

ווײַל?

מיריאָם.

ווײַל איך האָב פֿיל געטראַכט אַרום דעם און...

עסטער.

און...?

מיריאָם.

און האָב פּעסט באַשלאָסן קיינמאָל ניט צו הייראַטן א גאַנץ יונגן מאַן. יונגע לײַט האָב איך ליב אַלס טענצער; אַלס מאַנען זײַנען זיי אין מײַנע אויגן זייער ווייניק וואָס ווערט. איך רעשפּעקטיר זיי ניט גענוג, און דער מאַן, וואָס איך זאָל נעמען, דאַרף זײַן איינער, וואָס קאָן האָבן מײַן רעשפּעקט. איך וויל זאָגאַר אַזעלכן, פֿאַר וועלכן איך זאָל דאַרפֿן מוירע האָבן... איך וויל אַן ערנסטן, שטאַרקן מאַן, א מײַסטער, פֿאַרשטייסטו.

עסטער.

קינדערײַ!

מיריאָם.

(ניט הערנדיק) איך מיין ניט דאַפּקע אַן אַלטן מאַן, אָבער א מאַן פֿון א געוויסן עלטער, וואָס איז נאָך א... אָלרײַט... ווי פּאַפּאַ, צום בײַשפּיל, אָדער נאָך בעסער ווי... ווי... ווי הער הערצבערג; ער איז נאָך ניט אַזוי אַלט, ווי פּאַפּאַ, אָבער שוין מער ניט יונג. דערבײַ נאָך זייער ליבנסווירדיק.

עסטער.

(איר אריינקוקנדיק גלייך אין פּנים אריין) דו ליבסט דאָך ניט עפּשער הערצבערגן?

מיריאָם.

וואָלט דאָס זיין א זינד, מאמא? (זי איז זייער רויט געוואָרן).

עסטער.

א זינד? ניין. אָבער אן אומגליק. זאָג מיר דעם עמעס, מיין קינד, ליבסטו הערצבערגן?

מיריאָם.

(מיט א האלבע מויל): ער איז זייער ליבנסווירדיק.

עסטער.

דו ענטפערסט מיר ניט אף מיין פראגע, קינד.

מיריאָם.

(מיט טרערן אינעם קאָל) וואָס זאָל איך דיר ענטפערן? ווי א הויז-פריינט האָב איך אים אלעמאָל געליבט. זינט אָבער מיר זיינען דאָ קימאט אימער צוזאמען אפן לאנד ... (זי וויינט זיך פאנאנדער).

עסטער.

אָרעם קינד! מיר טוט שרעקלעך לייד, מיין קינד, דיר צו פארדארבן די פרייד פון דיין צוריקקומען, אָבער דו קענסט זיין פרוי קיינמאָל ניט זיין. איך בין געצוווּנגען דיר צו זאָגן, אז דאָס וואָלט געווען אן אומגליק פאר דיר... אן אומגליק, דו הערסט?

מיריאָם.

ווייל ער ליבט אן אנדערע, מוטער?

עסטער.

דו ווייסט דאָך, הער הערצבערג האָט פאר אונדז קיין סודעס ניט. מיר קענען זיין גאנצן לעבן. ער האלט, ווי עס שיינט, אז ער טאָר ניט הייראטן.

מיריאָם.

קיינמאָל ניט?

עסטער.

פרעג מיך ניט, מיין קינד. דו ווייסט? הייסט דאָס, דו ליבסט אים ווירקלעך? ווער וואָלט זיך אפ דעם גערעכנט... בארויק זיך קינד ...

מיריאָם.

אָ, איך וועל זיך בארויקן, ליבע מוטער... עס וועט נעמען צייט, אָבער איך וועל זיך צוגעוווינען צו דעם געדאנקען... אז איך טאָר וועגן אים ניט מער טראכטן... אָבער, מאמעניו, דו ווייסט ניט, ווי טיף מיין ליבע צו אים איז געווען ... (זי וויינט קעסיידער).

עסטער.

אין דיינע יאָרן, קינד... דאָס גייט לייכט איבער. דאָס איז דיין ערשטע ליבע... דער ערשטער שניי ...

מיריאָם.

קען זיין, דאָס איז אזוי, אָבער, מאמע, זינט איך האָב זיך איבערצייגט, אז ער איז פאר מיר ניט מער דער אמאָליקער הערצבערג, דער הויז-פריינט, דער

ליבנסווירדיקער מאנ, וואָס פלעגט מיך טראָגנ אַפ די הענט אינ די קינדער-יאָרנ. ... זינט יענעם טאָג איז ער מיר קעסיידער געשטאנענ פאַר די אויגנ ארומ וואָס איך האָב ניט געטראכט, ווו איך בינ נימ געשטאנענ, געזעסנ, געלעגנ. ער איז מיר קיינמאָל ניט ארויס פונ די געדאנקענ ניט אינ כאָלעמ, ניט אפנ וואָר... גאנצ זיכער איז בא מיר געוואָרנ, אז איך קענ אָנ אימ ניט לעבנ, הײַנט אינדער-פרי, ווענ איך האָב אימ געזאָגט גוד-בײַ.[1]

ע ס ט ע ר.

הייסט דאָס, דיר האָט עפשער מער לײַד געטאָנ זיך צעשיידנ פונ אימ, ווי פונ מיר? (פאַר זיך) גאָט, ווו נעמט מענ קויעך דערצו?

מ י ר י אָ מ.

מער, ווייניקער—ווי קענ מענ דאָס אָפּוועגנ, אָפּמעסטנ. איך ווייס, אז מײַנ הארצ איז שיר ניט געבראָכנ געוואָרנ... אונ ווייסטו נאָך וואָס, מאמא?

ע ס ט ע ר.

וואָס, מײַנ קינד?

מ י ר י אָ מ.

צײַטנוויַיז האָט זיך מיר אָפּגעדוכט, אז ער ליבט מיך אויך. עמעס, טאקע ניט זייער אָפט, אָבער צײַטנווײַז, ווי איך זאָג, פלעג איך אימ טרעפנ... אליינ ער-געצ-ווו, איך פלעג רויט ווערנ, ער פלעגט מיר געבנ אזא קוק, וואָס פלעגט מיך דורכנעמענ, דורכ אונ דורכ... דאנ פלעגט זיך באווײַזנ א ליבלעכער שמייכל אפ זײַנע ליפנ, א זיסער, ליבלעכער שמייכל אונ... אונ איך פלעג זענ דעמ שמייכל קעסיידער פאַר די אויגנ, אונ, מאמעניו, דאנ בינ איך געווענ אזוי גליקלעך, אזוי אומענדלעך גליקלעך...

ע ס ט ע ר.

גלויבסטו, אז ער האָט דיך אויך געליבט?

מ י ר י אָ מ.

עפשער... מע קענ אזעלכע זאכנ ניט ויסנ. אלס פרײַנט, אלס טײַערער פרײַנט פונ מײַנ ערשטער קינדהײַט אָנ, האָט ער מיך אלעמאָל געליבט... צי ער האָט מיך ווענ עס איז געליבט אלס פרויענצימער, ווייס איך ניט.

ע ס ט ע ר.

(פאַר זיך) נו, וואָס איז דער טויט פארגליכנ דערמיט? (אינדערהייך). גיי, מײַנ קינד, מיר דאכט, איך הער אימ קומענדיק. שלאָג זיך דאָס ארויס פונ קאָפּ... זײַנ הארצ געהערט ניט אימ.

מ י ר י אָ מ.

(וויינענדיק) טײַערע מוטער! (זי קושט עסטערנ) איך גיי.

---

1 זײַ געזונט.

IX

הערצבערג, עסטער.

עסטער.

(שטייט באַם מענטלפּיס[1] מיטן פּנים צו דער וואַנט; האַלט זיך באַם האַרץ און שלוכצט פּילנדיק, אַז הערצבערג איז אַרײַנגעקומען. ווישט זי זיך אויס די אויגן) זי איז צוריקגעקומען.

הערצבערג.

יע, איך האָב געהערט דערפֿון, איידער איך בין אַהער געקומען.

עסטער.

ער איז געווען אַזוי טרײַנטלעך זי מיר צוריק צו ברענגען... אָ, גאָט, אָ, גאָט!

הערצבערג.

וואָס איצט?

עסטער.

אָ. מיר גייען אַרום מילשטיינער אין קאָפּ...

הערצבערג.

האָסטו געענדערט דײַן מיינונג? דו הויבסט אָן צו וואַנקען[2] אין דײַן באַשלוס. (א פּאַוזע; עסטער ענטפֿערט ניט: האַלט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ) זיכער איז, אַז מיר קענען דאָ ניט בלײַבן. עפּעס פֿעלט דיר דער מוט אוועקצוּוואַרפֿן אַלץ, וואָס דו האָסט דאָ, אָבער איך זאָג דיר, דאָ קענען מיר ניט בלײַבן. איך בין ניט מער זײַן פֿרײַנט, איך קען זיך ניט פֿאַרשטעלן פֿאַר בלויז דײַן פֿרײַנט. איך קען לענגער ניט שפּילן די אַלטע קאָמעדיע, זינט מיר זײַנען געוואָרן אײנס... דײַן הויז וועט איצט פֿאַר אונדז זײַן א גענעם אַף דער וועלט; מײַן יעדער גוטמאָרגן אַפּילע, שוין ניט רײדנדיק וועגן א האַנט-דרוק פֿאַרן דאָקטער, וועט זײַן א מיעסער באַטרוג...

עסטער.

וואָס זשע טוט מען? גרויסער גאָט, וואָס טוט מען?

הערצבערג.

איך קען דיך מיט קיינעם ניט טיילן. מיר מוזן אוועק פֿון דאַנען. מיר מוזן זײַן אַליין, ביידע צוזאַמען, ביידע אײנס אַף אייביק... דו מוזט האָבן די קראַפֿט דערצו. דו מוזט מיר געבן דעם פֿאָרצוג פֿאַר אַלעמען, פֿאַר אַלץ. עס טאָר קיין זאַך, קיין מענטש ניט שטיין אין וועג; אַפּילע מיריאַם ניט...

עסטער.

אַפּילע זי ניט? אָ, מײַן גאָט! (זי וויינט זיך פֿונדאָסנײַ פֿאַנאַנדער).

הערצבערג.

באַרויִק זיך, טײַערסטע! איך פֿאַרשטיי דײַנע געפֿילן... איך קען זיי אָפּשאַצן, ווי מע דאַרף... (פּאַוזע) נו, אויב מיריאַם איז דיר טײַערער, ווי איך,

---

[1] דער קאַרניז פֿון דעם קאַמין.

[2] זיך וואַקלען.

מוז איך אוועקפאָרן אָן דיר: דאָ קען איך ניט בלייבן, אויב איך זאָל קענען זיך אליין קוקן אין פּאָנעם, אויב איך זאָל זיך ניט מוזן פאראכטן, אויב איך זאָל ניט באַלד אָנהויבן צו קלערן, אז איך פארדין דיין ליבע ניט.

עסטער.

וואָס זאָל איך טאָן?

הערצבערג.

דו מוזט באשליסן, צי דו גייסט מיט מיר, אָדער דו בלייבסט מיט מערעלען...

עסטער.

(שטיל און מיט האַלבע ווערטער) נו, און ווי... אויב די פראגע זאָל זיין: צי דו בלייבסט, אָדער דו גייסט מיט מערעלען?

הערצבערג.

וואָס מיינסטו, טייערע?

עסטער.

וואָס איך מיין? מיריאָם ליבט דיך...

הערצבערג.

נו, געוויס אלס א פריינט, אלס איר אָנקל הערץ פון די קינדער-יאָרן, פאר-שטייט זיך.

עסטער.

ניין. מיין פריינט, זי ליבט דיך, ווי א פרוי א מאן, זי ליבט דיך ליידנשאפטלעך, זי האָט דאָס נאַרוואָס מיר געזאָגט... (זי וויינט פונוואַסנייי).

הערצבערג.

איז דאָס מעגלעך?

עסטער.

דאָס איז אזוי. וואָס זשע טו איך איצט? פאָר איר אוועק מיט דיר, דאַן האסט זי מיך נאָך מער, ווי איר פאָטער וואָלט מיך האסן... בלייב איך דאָ מיט דיר, דאַן געפינט זי דאָס פריער אָדער שפּעטער ארויס און... דאָס איבעריקע קען-סטו זיך לייכט פאָרשטעלן... אָ, מיין גאָט! עס איז צום אראָפּגיין פון זינען.

הערצבערג.

הייסט דאָס, איך פאָר אליין?

עסטער.

דו, אליין? אָ, ניין, ניין! איך האָב ניט קיין הארץ דיר דאָס צו זאָגן...

הערצבערג.

לאָז מיר, וויניקסטנס, פּאָרן...

עסטער.

(אים אָנעמענדיק פאר ביידע הענט און אים אָנקוקנדיק מיט אויגן פול מיט טרערן) אָ, אנט-שולדיק, אנטשולדיק, מיין ליבער! איך קען איר ניט פארלאָזן, די אָרעמע מיי-דעלע מיינע.

הערצבערג.

זייער גוט. גיי צוריק צו איר. עפשער קום איך איין טאָג צוריק אלס... אלס דיַין פריַינט... ניט מער, ווי אלס א פריַינט, אן עמעסער פריַינט.

עסטער.

א דאנק דיר!

הערצבערג.

(צוריקגעהאלטן) אדיע. שילט מיך ניט, איך ווייס, איך בין געווען זייער שולדיק... אָבער איך האָב דיך צו שטארק געליבט... (אָפּ).

עסטער.

און איך! (זי פאלט אנידער אפּ א שאָקלשטול 1 און שלוכצט).

---

1 וויב־שטול.

דריטער אקט

דעם דאָקטער'ס קאבינעט אין שטאָט. אכט פאַראָשים שפּעטער.

I

דר. פיליפּס, ברוין.

דר. פיליפּס.

(באַם שרײַבטיש; ארום אים פּאפּירן, צײַטונגען, בריוו געעפנטע. ער ראמט אוף און דערלאנגט די בריוו ברוינען; אין האנט האלט ער איין בריוו) דאָס איז פון הערצבערגן, א קאָמישער מענטש, כלעבן! ווער האָט אים געטריבן פון דאַנען? (ער באמערקט ברוינען) נאָט אײַך דעם פּאקעט בריוו; לאָז מאָסינג זיי אוועקשיקן און איר קומט צוריק (ברוין אָפּ)· אין אָנהויב האָב איך געטראכט, אז דאָס איז ער צוליב מיריאַמען אוועקגעפאָרן. אָבער זי איז דאָך נאָך אַלץ אין מײַן הויז און פונדעסטוועגן קומט ער צוריק... דארף, אייגנטלעך, שוין דאָ זײַן... האָט, מאַשמאָעס, ניט שטארק געגלויבט אין מײַן נעמען זיך א נײַעם פיר און זיך האַלטן דערבײַ... האָט ניט געקענט צוזען מײַן זינדיקן פירונג... קען זײַן אָבער, דאָס דערקלערט ניט אַלעס. (ברוין באַווײַזט זיך אין טיר) קומט ארײַן, ברוין!

ברוין.

שייגע עטלעכע פּאציִענטן אין עמפּאנג-צימער.

דר. פיליפּס.

איך גיי. איר ברענגט דערווײַל דאָ דעם קאבינעט אין אָרדנונג... דעם שרײַבטיש. טאָמער קומט מאדאם שיינ אהער, בעט איר א ווײַלינקע ווארטן.

ברוין.

גוט, הער דאָקטער. (דר. פיליפּס אָפּ; טיר בלײַבט אָפן) דערמאָנט דעם מאַלעכ, קומט דער גאַלעכ.

II

מאד. שיין, ברוין.

מאד. שיין.

האלאָ, מר. ברוין!

ברוין.

(שמייכלענדיק) האלאָ, מאדאם שיין!

מאד. שיין.

דער דאָקטער צו הויזע?

ברוין.

יאָ, נעמט אופ פאציענטן אינעם קראנקען-צימער.

מאד. שיין.

און ווי פילט זיך מאדאם פיליפס? איז זי בעסער?

ברוין.

ניין, זי איז זייער שוואך און זייער קרענקלעך.

מאד. שיין.

(מיט א ווינק מיט אויג) פילט איר ניט א צוגווינט?

ברוין.

זאָל איך צומאכן די טיר?

מאד. שיין.

אויב איר ווילט. (ער גייט צו דער טיר, קוקט זיך גוט ארום און מאכט צו. דאן)

ברוין.

(לאכנדיק) אויב מיר ווילן. האָבן מיר שוין געוואָלט, שיינע העלענע (ער פאדעט ארום דעם דאָקטערס שרייבטיש).

מאד. שיין.

איר זייט שטארק ביזי [1] ארום דעם דאָקטערס פאפירן? ניין?

ברוין.

ווארום וואָס? ארום אייך עפּשער? מיט הענטשקעס אף די הענט און א וואל אפן פּאָנעם...

מאד. שיין.

האלטן מיר שוין אזוי ווייט? (טוט אויס די הענטשקעס) זיי זאָלן אייך ניט שטערן (זי גיט אים די הענט, ער קושט זיי), אָבער דער וואל בלייבט אף זיין אָרט.

ברוין.

איר זייט זייער א שלעכטינקע ווייבעלע, איר הערט?

מאד. שיין.

דאָ איז ניט דער אָרט צו זיין א גוטינקע... ווי איך פארשטיי, האָט מאדאם פיליפס אין אָנהויב געמיינט...

ברוין.

אז איר ליבער מאן איז מיט אייך צו אינטים.

---

[1] פארנומען.

מאַד. שיינ.

מיר איז דאָס אפילע אינ כאָלעמ נית אײַנגעפאַלנ. אזעלכער ווי ער, מיט אזויפיל אוואנטיורעס איז נית א מאנ נאָכ מײַנ געשמאַק. איכ ליב א מאנ...

ברוינ.

ווי איכ, העלענאָטשקע, נײַנ?

מאַד. שיינ.

יעדנפאלס, מער ווי אנ אויסגעלאסענעמ דאָקטער. אזוינער קאָמפּראָמעטירט א פרוי, איידער זי רעדט מיט אימ אויס א האלב טוצ ווערטער, דערפונ האָב איכ געהאט דערפארונג גענוג... מער דארפ איכ נית.

ברוינ.

הייסט עס? איר ליבט מיכ...

מאַד. שיינ.

נית אזוי האסטיק, מײַנ פרײַנט! וואָס האָט איר קיינ צײַט נית? מאדאמ פיליפס האָט מיכ, ווי איכ זע איצט, כוישעד געווענ, אז איכ בינ...

ברוינ.

איינע פונ זײַנע שיינע פאציענטקעס, שיינע העלענע! (ער כאפט אָנ איר האנט אונ קושט זי ליידנשאפטלעכ)

מאַד. שיינ.

פאַרזיכטיק, ברוינ! עמיצער קענ ארײַנגיינ (ער גייט צוריק צומ שרײַבטיש) איר ווייסט, מיר טוט זייער באנק פאר איר.

ברוינ.

איכ גלויב אײַכ.

מאַד. שיינ.

זי איז זייער א ווילדע, נאָבעלע[1] פרוי...

ברוינ.

(אינ דעמ זעלביקנ טאָנ) איכ גלויב אײַכ.

מאַד. שיינ.

(קוקט אימ אָנ) זי האָט זיכ גענוג געמוזט אָנלײַדנ בא אײַער דאָקטער..?

ברוינ.

(ווי פריער) איכ גלויב אײַכ.

מאַד. שיינ.

מיר דאכט, איר מאכט כויזעק פונ מיר, הער ברוינ!

ברוינ.

איכ גלויב אײַכ... נית! אָ, איר שיינע, ליבע, כיינעוודיקע העלענאָטשקע.

מאַד. שיינ.

שטילער! מע קענ אײַכ הערנ איבערנ גאנצנ הויז... (פארטראכט) איר ווייסט, ברוינ, א מענטש מיט דאָקטער פיליפסעס כאראקטער האָט גאָר קיינ רעכט נית כאסענע צו האָבנ. וואָס מיינט איר, ווענ איכ וויל...

---

1 איידעלע.

ב ר ו י נ.

איז ער אײַערער אײנס־צװײ־דרײַ! פּאָטער[1] נו! און איך אָנהײב זײַט איר דאָך טאַקע געקומען אהער זומערן, מאַכמעס ער האָט דאָס אײַך געראָטן.

מ א ד. ש ײ נ.

געװיס. אָבער איך האָב אים נישט פאַרשטאַנען. האָב ניט געגלױבט, אַז אַ דאָקטער מיט אַ נאָמען, אַ מאַן פון אַ ליבנסװירדיקע פרוי, אַ פאָטער פון אַ יונגע טאָכטער װעט מיך אַראָפּברענגען אהער צוליב... צוליב, אזעלכע, איך װײס ניט, װי דאָס אָנצורופן.

ב ר ו י נ.

אָ, װאָס מאַכט דאָס אױס? איצט זײַט זיך מוידע, טײַערסטע, איר זײַט געקומען צוליב אים און זײַט דאָ געבליבן צוליב מיר... װאָס, ניין?

מ א ד. ש ײ נ.

(לאַכט) אַן אײַנרעדעניש איז אַמאָל ערגער װי אַ קרענק. אָבער װאָס עמעס איז עמעס... געפעלן געפעלט איר מיר... איר זײַט אַן אינטעליגענטער מענטש, ניט העסלעך און...

ב ר ו י נ.

און אַ באָכער, װאָס קען האלטן דאָס מויל און קען האלטן װאָרט..? און אזוי האָט פון מאָל צו מאָל דעם דאָקטערס שליכעס צו אײַך דורך מיר גענר־מען אַלץ מער און מער צײַט... און אײַער אופשרײַבן דעם ענטפער האָט גע־דויערט אַלץ מער און אַלץ לענגער און געשריבן האָט העלענאָטשקע ראַק קוקנ־דיק מיט דער לינקער אויג צו מיר צו...

מ א ד. ש ײ נ.

און װײַטער גאָרגישט... גוט, גוט, רעדט זיך אײַן פויגעלעך אין בוזעם, מײַן פרײַנט! אָבער איר דאַרפט ניט װאַרטן ביז מע שיקט אײַך צו מיר, אָדער צו מײַן מומען...

ב ר ו י נ.

דעם דאָקטערס אַלטע פּאַציענטקע...

מ א ד. ש ײ נ.

איר מעגט אזוי אויך אַמאָל אַריבערקומען... נאָר רעדט זיך ניט אײַן...

ב ר ו י נ.

איך פאַרשטײ עס, איר ליבט מיך ניט, אָבער...

מ א ד. ש ײ נ.

אָבער װאָס?

ב ר ו י נ.

אָבער איר ליבט מיך יאָ! נו, גוט, איך װעל קומען. בעט באַם דאָקטער אַ בוך לײַען פון זײַן ביבליאָטעק... איך װעל עס אײַך ברענגען.

מ א ד. ש ײ נ.

זייער גוט... איר װעט שוין אליין װיסן, װאָס פאַר אַ בוך.

---

[1] געװיס, זיכער.

ב ר ו י נ.

עפשער גאָר הײַנט אָוונט?

מ א ד. ש י י נ.

פונ מײַנטוועגנ... לאָז זײַנ הײַנט אָוונט.

ב ר ו י נ.

א הענטעלע אהער, שיינע העל... האלט, איכ הער דעם דאָקטערס טריט. איכ גיי. (גייט ארויס; אינ טיר צום דאָקטער) מאדאם שיינ ווארט אפ אײַכ, הער דאָקטער.

III

ד ר. פ י ל י פ ס, מ א ד א מ ש י י נ.

ד ר. פ י ל י פ ס.

(ער איז זייער פארטראכט, צעטראָגנ) מאדאם שיינ! איר ווארט שוינ לאַנג?

מ א ד. ש י י נ.

האָב אײַכ געוואָלט האלאָ זאָגנ. זענ וויל איכ מאדאם פיליפס. (אינ טיר באַוויַזט זיכ מיריאָם).

ד ר. פ י ל י פ ס.

זייער גוט, מאדאם. מיריאָם! קום ארײַנ, מײַנ קינד!

מ א ד. ש י י נ.

אפ ווידערזענ, ליבער דאָקטער. (אָפּ)

IV

מ י ר י אָ מ, ד ר. פ י ל י פ ס.

ד ר. פ י ל י פ ס.

(צו מיריאָמענ, וועלכע גייט לאנגזאמ, זיכ קירעווענדיק צו דער מוטערס צימער) ווו גייסטו, ליב קינד?

מ י ר י אָ מ.

צו דער מוטער.

ד ר. פ י ל י פ ס.

האָסטו איר נאָכ הײַנט ניט געזענ?

מ י ר י אָ מ.

יאָ, פאָטער, איכ האָב איר געזענ.

ד ר. פ י ל י פ ס.

אונ וואָס מאכט זי?

מ י ר י אָ מ.

קרענקלעכ... זייער קרענקלעכ, ווי אימער... עפשער מער ווי אימער. זי מאכט מיכ זייער אומרויִק...

דר. פיליפס.

(פארטראכט) יע, זי איז נערוועז... ווײַטער, דאכט זיך, גאָרניט... זי איז ווייער נערוועז... די ערשטע טעג פונעם פרילינג איז זי אימער נערוועזער, ווי געווײנלעך, און האָט הארץ־קלאַפּן מער ווי א גאנץ יאָר... אָבער איר הארץ איז ניט שלעכט...

מיריאָם.

ביסטו זיכער אין דעם, פּאפּא?

דר. פיליפס.

אָ, גאנץ זיכער. נאטירלעך, מע קען ניט זאָגן, אז זי האָט א פולשטענדיק געזונטע הארץ, אָבער קיין געפאר איז ניטאָ; אין דעם מעגסטו זיך פארלאָזן אף דעם פאָטער. נו, און דו? וואָס מאכסטו?

מיריאָם.

(טרוקן) זייער גוט, מײַן פאָטער. (זי רוקט זיך צו דער מוטערס צימער צו).

דר. פיליפס.

(הייבט זיך אוף) ווילסט דאָס מיר גאָרניט א קוש טאָן?

מיריאָם.

דו ביסט געווען אזוי באשעפטיקט. (זי שטעלט אים ארויס איר שטערן).

דר. פיליפס.

(זייער ערנסט) ליבסטו מיך ניט, מיריאָם?

מיריאָם.

אָ, פאָטער!

דר. פיליפס.

דו ווייסט, איך בין אביסל אייפערזיכטיק אף דײַן מאמען. מיר דאכט זיך, דו ליבסט זי מער, ווי מיר. זאָג דעם עמעס!

מיריאָם.

פאָטער, דו מאכסט כויזעק פון מיר.

דר. פיליפס.

ניין, איך שפּאס גאָרניט... מיר דוכט זיך זייער אָפט, אז דײַן ליבע פאר מיר איז אביסל אָפּגעקילט. אָט, לעמאָשל, האלסטו זיך פון מיר פונוואַנען און דו פארטרויסט מיר ניט די סעקרעטן דײַנע, וואָס דו פארטרויסט דײַן מוטער.

מיריאָם.

דאָס איז איינפאך דערפאר, ווײַל איך האָב קיין סוידעס ניט.

דר. פיליפס.

איז דאָס אבסאָליוט עמעס? זעץ זיך קעגן מיר דאָ אפן שטול א ווײַלינקע, טו מיר דעם קליינעם געפאלן. [1] (ער ווײַזט איר אָן אף א שטול קעגן אים) איצט הער איך דיר, זאָג מיר אלעס!

מיריאָם.

(לאכנדיק) אָבער וואָס?

---

[1] געמייַנט, טו מיר צוליב.

ד ר. פ י ל י פ ס.

א מיידל אין דײַנע יאָרן האָט אימער א געהיימניס. קום, לאָמיך הערן, וואָס זאָגן די קאוואַליערן דײַנע, וואָס טאנצן מיט דיר?

מ י ר י אָ ם.

גלויב מיר, קיין זאך ניט, וואָס וואָלט קענען דיך אינטערעסירן.

ד ר. פ י ל י פ ס.

און דײַן אייגן הארץ, וואָס זאָגט זי דיר?

מ י ר י אָ ם.

אויך גאָרנישט.

ד ר. פ י ל י פ ס.

נו, זאָג מיר אין ערנסט, מײַן קינד, טראכסטו גאָרניט וועגן כאסענע האָבן?

מ י ר י אָ ם.

ניין, פאפא, איך בין זייער גליקלעך נעבן מײַן מוטער... און מײַן פאָטער.

ד ר. פ י ל י פ ס.

און דײַן פאָטער אויך? גוט. דאָס איז זיכער זייער שמייכלהאפט פאר מיר אָבער נאָך אלע מײַסעס, מע קען ליבן א מאמען און... א פאָטער אויך און דאָך חייראטן. אזעלכע זאכן פאסירן.

מ י ר י אָ ם.

געוויס, אָבער אין דעם פאל מוז מען ליבן א מאן עפשער נאָכמער, ווי פאָטער און מוטער. יעדנפאלס ניט ווייניקער, און אזא מאן האָט זיך אין מײַן לעבן דערווײַל נאָך ניט באוויזן.

ד ר. פ י ל י פ ס.

זעסטו, דאָס איז שוין א גרונט. נו, ווי אָבער וועט זײַן, ווען אזא מאן זאָל קומען, אָדער, בעסער געזאָגט, ווען ער זאָל צוריקקומען?

מ י ר י אָ ם.

צוריקקומען? ווער?

ד ר. פ י ל י פ ס.

(זיך זעצנדיק אפ א שטול לעבן איר) מײַן ליב קינד, איך וועל דיר ווײַזן, אז איך האָב פיל מער צוטרויען צו דיר, ווי דו צו מיר. איך האָב אויך גרויס עמונע אין דײַן סייכל, דײַן קוראזש, דײַן אָפנהארציקייט און איך דערוואַרט פון דיזע אלע אייגנשאפטן, אז איך וועל דורך זיי דערגייען צום עמעס. זאָג מיר, האָב איך ווירקלעך געלעבט אין טאָעס די גאנצע צײַט, דענקענדיק, אז דו ביסט ניט גאנץ גלײַכגילטיק צו מײַן פרײַנט וויקטאָר...

מ י ר י אָ ם.

ה ע ר צ ב ע ר ג?

ד ר. פ י ל י פ ס.

יע, וויקטאָר הערצבערג.

מ י ר י אָ ם.

נו, דאָס איז עמעס.

ד ר. פ י ל י פ ס.

ליבעס קינד! איצט לאָמיך אפעלירן צו דײַן סייכל און צו דײַן מוט. זאָג מיר, מײַן טאָכטער, האָסטו אים װען עס איז געגעבן צו פארשטײן דײַנע געפילן צו אים דירעקט אָדער אומדירעקט?

מ י ר י אָ ם.

קיינמאָל ניט, פאָטער.

ד ר. פ י ל י פ ס.

נו, און פון זײַן זײַט, האָט ער דיר װען עס איז אפ ערגעץ אן אויפן געלאָזט מערקן, װאָס ער פילט צו דיר?

מ י ר י אָ ם.

גאָרנישט. קיינמאָל ניט, פאָטער.

ד ר. פ י ל י פ ס.

ביסטו זיכער, אז גאָרנישט?

מ י ר י אָ ם.

אָ, פאָלקאָם זיכער. ער איז צו מיר אימער געװעזן גוט און ליבנסװירדיק, אָבער מער גאָרניט. מיר האָט זיך שטענדיק געדוכט, אז ער האלט מיך נאָך אלץ פאר א קינד. א פרויענצימער, אפילו א מיידל אין מײַנע יאָרן האָט אין אזעלכע זאכן זעלטן װען א טאָעס. דעם עמעס זאָגנדיק, האָט עס מיך אביסל געערגערט, אמאָל... זאָגאר אסאך.

ד ר. פ י ל י פ ס.

אָרעם קינד! דו דארפסט אָבער פארשטײן, אז אויב איך פרעג דיך אויס אפ דעם אויפן, איז דאָס באָר דערפאר, װײַל הערצבערגס אװעקפאָרן קיין מיצראַים פאראיאָרן איז געװען געקומען אזוי פלוצלינג, אזוי אָן יעדן גרונט, אז איך האָב אימער געזוכט צו דערגיין דעם עמעסן מאָטיװ. און אזוי װי זײַן אָפּפאָרן איז פאָרגעקומען פונקט אין דער צײַט, װען דו ביסט צוריקגעקומען, האָב איך גענומען קלערן, עפשער איז געװען עפּעס א שײַכעס צװישן זײַן אװעקפאָרן און דײַן אהיימקומען.

מ י ר י אָ ם.

ניין, פאָטער, דאָס איז גאנץ אומעגלעך.

ד ר. פ י ל י פ ס.

איז געװיס גוט. אויב אזוי, קענען מיר אים לאָזן צוריקקומען.

מ י ר י אָ ם.

(רויק) צוריקקומען? קומט ער דען צוריק?

ד ר. פ י ל י פ ס.

ער איז שוין דאָ. אָט איז זײַן בריװ, אָנגעקומען קימאט מיט אים צוגלײַך. ער װעט זיכער באלד אהער קומען. אָט דערפאר האָב איך עס געהאלטן פאר נייטיק מיט דיר צו האָבן די איצטיקע קורצע אונטערהאלטונג. איצט, מײַן טײַער קינד, װענד איך מיך צו דײַן סייכל... געדענק, איך װיל ניט גיסן קיין קאלטע װאסער אפ דײַנע הייסע געפילן... פארקערט, איך װעל זײַן איבער גליקלעך צו זען, אז דײַן כאָלעם װערט מעקוים. מיר פערזענלעך איז ניט באקאנט א מער ערנהאפטער מאן, װי װיקטאָר הערצבערג. זײַן עלטער,

זײַנ גוטער נאָמענ, זײַנ סאָציאַלע לאגע—דאָס אלצ פאסט מיר גאנצ גוט פונ דעמ שטאנדפונקט פונ א שידעכ... געוויס, מיר וועלנ גײנ לאנגזאמ, מיר וועלנ אימ כאָלילע איבער גוואלט ניט נעמענ... מיר האָבנ צו היטנ אונדזער אײגענעמ שטאָלצ, אונדזער ווירדע, מיר וואַרפנ זיכ ניט אוועק פאר דעמ בעסטנ מענטשנ.

מ י ר י אָ מ.

(מיט א ביטערנ שמײכל) איכ דאנק דיר. פאָטער, איכ דאנק דיר פונ טיפסטנ הארצנ, אָבער דאָס אלצ וועט ניט נײטיק זײַנ. דיזער כאָלעמ, ווי דו רופסט אימ, איז שוינ לאנג אוועק—איכ בינ לאנג שוינ אויפגעוואכט. איכ וועל אינ אזא כאָלעמ מער צוריק ניט ארײַנפאלנ.

ד ר. פ י ל י פ ס.

אינ אזעלכע זאכנ, מײַנ קינד, איז מענ קײנמאָל ניט זיכער.

מ י ר י אָ מ.

מײַנ ליבער פאָטער, איכ מוז דיר זאָגנ דעמ גאנצנ עמעס, איכ ווײס צו גענוי, אז הער הערצבערגס הארצ איז אנדערש-ווו; איכ ווײס, אז מײַנ ליבע פאר אימ וואָלט געווענ האָפנונגסלאָז אונ אז עס האָט קײנ זינ ניט זיכ צו יאָגנ נאָכ א שאָטנ.

ד ר. פ י ל י פ ס.

דו ווײסט? דו ווײסט, זאָגסטו? וויאזוי ווײסטו דאָס? ווער האָט דיר דאָס געקענט זאָגנ?

מ י ר י אָ מ.

מײַנ מוטער.

ד ר. פ י ל י פ ס.

דײַנ מוטער? זי האָט דיר געזאָגט? דאָס איז אינטערעסאנט. אדעראבע, לאָמיכ הערנ!

מ י ר י אָ מ.

דאָס איז טאקע געווענ דעמ אָוונט, ווענ איכ בינ צוריקגעקומענ, נאָכדעמ, ווי דו ביסט געווענ אזוי גוט מיכ צוריק צו רופנ, בײַס איכ בינ שוינ געווענ אפ מײַנ וועג צו דער באָרדינג-סקול. איכ האָב געפלוידערט מיט מײַנ מוטער אונ דורכ א צופאל זײַנענ מיר געקומענ צו הערנ הערצבערג. איכ האָב דאנ מוידע געווענ פאר מײַנ מוטער, אז... נו, וואָס איכ האָב איצט דיר דערציילט. דאנ האָט זי מיר געזאָגט, אז עס וואָלט געווענ אומזיניק צו טראכטנ ארומ אימ.

ד ר. פ י ל י פ ס.

(אינ אנ ערנסטערנ טאָנ) זי האָט דיר געזאָגט?

מ י ר י אָ מ.

דו פארשטײסט, פאָטער...

ד ר. פ י ל י פ ס.

זי האָט דיר געזאָגט, אז...

מ י ר י אָ מ.

אז הער הערצבערג איז ניט פרײַ.

ד ר. פ י ל י פ ס.

וואָס רופסטו ניט פריַ?

מ י ר י אָ ם.

אז ער האָט ערגעץ א פאַרבינדונג... אז זיַנ לעבנ איז פאַרפלאָנטערט מיט אנ אנדער פערזאָנ.

ד ר. פ י ל י פ ס.

דאָס האָט דיר דיַנ מוטער געזאָגט?

מ י ר י אָ ם.

זעסטו אינ דעם אנ אומרעכט?

ד ר. פ י ל י פ ס.

כאָלילע! אָבער דעם זעלביקנ אָוונט, ווענ דו ביסט צוריקגעקומענ אהיים?

מ י ר י אָ ם.

יע, יענעם אָוונט.

ד ר. פ י ל י פ ס.

(זיך אופהייבנדיק) איז דיַנ מוטער בא זיך אינ צימער?

מ י ר י אָ ם.

יאָ, פאָטער.

ד ר. פ י ל י פ ס.

גיי, מיַנ קינד, מיר וועלנ זיך טרעפנ אינ גאָרטנ.

מ י ר י אָ ם.

איך גיי... (זי בליקט אים אָנ אומרויִק).

ד ר. פ י ל י פ ס.

(באפעלעריש) טאָ גיי זשע!

V

עסטער, ד ר. פ י ל י פ ס.

(דר. פיליפס זיצט א וויַילע אומבאוועגלעך מיט א ביסטרענ קוק. נאָכדעמ הייבט ער זיך אופ אונ גייט עטלעכע מאָל הינ אונ צוריק אינ צימער. ענדלעך שטעלט ער זיך אָפּ בא דער טיר, וואָס פירט צו עסטערס צימער, האָבנדיק געפאסט א באשלוס. מיטאמאָל עפנט זיך עסטערס טיר, ווי ער האלט באמ אָנקלאפנ. זי דערשיַנט זייער שוואך אונ בערוועז).

ד ר. פ י ל י פ ס.

איך בינ טאקע געגאנגענ צו דיר.

ע ס ט ע ר.

א דאנק דיר, דאָס האָסטו פארהאלטנ מיריאָמענ?

ד ר. פ י ל י פ ס.

יאָ, מיר האָבנ זיך אונטערהאלטנ.

ע ס ט ע ר.

אונ איצט איז זי אינ גאָרטנ? (זי וויל גיינ).

דר. פיליפס.

(פאר זיך) איך וועל עס אויסגעפינען... (הויך) עסטער!

עסטער.

(קערט זיך אום) דו רופסט מיך?

דר. פיליפס.

איך וואָלט זייער גערן מיט דיר ריידן א פּאָר ווערטער.

עסטער.

(אומרויִק; נעמט איר שטיקערײַ אין האנט אריין און זעצט זיך) זייער גערן.

דר. פיליפס.

(די אויגן ארײַנגעלאָזן אין זײַן ווײַב, רעדט ער לאנגזאם) אָט איז א טרויעריקע נאָכריכט, וואָס איך האָב געקראָגן פון מיצראַיִם.

עסטער.

(אופהייבנדיק צו אים די אויגן) א בריוו?

דר. פיליפס.

פון אונדזער קאָנסול אין יעגיפּטען...

עסטער.

(ווערט בלייך) א!

דר. פיליפס.

עס האנדלט זיך, צום אומגליק, וועגן אונדזער פרײַנט... דו פארשטייסט דאָך... איך מיין (עסטער קוקט אים אָן) הערצבערג...

עסטער.

(טוט זיך האסטיק א הייב, ארײַנלאָזנדיק די אויגן אין איר מאן) טויט?

דר. פיליפס.

(שאָקלט מיטן קאָפּ „יאָ”).

עסטער.

(פאלט צוריק אפן שטול און בורבלט:) אָ, מײַן גאָט! (זי נעמט זיך קלוימערשט צו דער ארבעט און ניט אופהייבנדיק די אויגן:) וויאזוי האָט ער זיך גענומען דאָס לעבן?

דר. פיליפס.

ער האָט ניט באגאנגען זעלבסטמאָרד.

עסטער.

מיר האָט זיך געדוכט, דו האָסט געזאָגט...

דר. פיליפס.

רײַזע-אָנשטרענגונג, פיבער—דאָס האָט אים מאשמאָעס; דערקאָנטשעט.

עסטער.

(נאָך א קורצע פּאוזע) זײַן מוטער וועט זיך פילן זייער אומגליקלעך.

דר. פיליפס.

זי וועט ניט זײַן די איינציקע.

עסטער.

ניין... געוויס ניט.

ד ר. פ י ל י פ ס.

ניט ריידנדיק פון אונדז ביידנ, ווייס איך ווירקלעך ניט, ווי דאָס אָנצו־זאָגנ מיריאַמענ.

ע ס ט ע ר.

מיריאַמענ?

ד ר. פ י ל י פ ס.

האָסטו דענ קיינמאָל ניט באמערקט איר צונייגונג... צו הערצבערגנ?

ע ס ט ע ר.

נ... ניינ!

ד ר. פ י ל י פ ס.

אָ, מײַנ טײַערע, דערינער זיך! (ער הייבט זיך האסטיק אופ).

ע ס ט ע ר.

זיך דערינערנ? וואָס?

ד ר. פ י ל י פ ס.

גאָט איז מיט דיר... מיריאַם אליינ... איך האָב פרובירט אויסגעפינענ אירע געפילנ צו הערצבערגנ... מיריאַם אליינ האָט מיר געזאָגט, אז זי האָט דיר פארטרויט שוינ לאנג צוריק, נאָך איידער ער איז אוועקגעפאָרנ, דעם זעלביקנ טאָג, דאכט זיך, איר ליבע צו אונדזער פרײַנט. זי האָט דאָס מיר אליינ גע־זאָגט צוריק מיט עטלעכע מינוט. לאָמיך האָפנ, די קליינע האָט מיר ניט גע־זאָגט קיינ ליגנ?

ע ס ט ע ר.

(מיט א נערוועזנ לאך) נו, זאָג איך א ליגנ. איבעריקנס, דערמאָנ איך זיך איצט, אָבער זי האָט גערעדט זייער ניט דײַטלעך...

ד ר. פ י ל י פ ס.

זייער ניט דײַטלעך? דאָס איז ניט, וואָס זי האָט מיר געזאָגט. נאָך אירע רייד נאָך האָט איר ביידע געהאט א זייער ערנסטנ געשפרעך. ווענ זי האָט דיר געזאָגט, אז זי ליבט הערצבערגנ, ביסטו געוועג די, וואָס האָט איר דער־פונ אָפגערעדט, איר דערקלערנדיק, אז זי קענ מיט אים קיינמאָל קיינ פּאָר ניט ווערנ.

ע ס ט ע ר.

דאָס איז מעגלעך...

ד ר. פ י ל י פ ס.

זאָג מיר, לײַדסטו הײַנט מער ווי געוויינלעך? דו זעסט אויס זייער בלייך הײַנט.

ע ס ט ע ר.

יע, איך לײַד זייער שטארק הײַנט. (זי האלט זיך פארנ הארצנ).

ד ר. פ י ל י פ ס.

די הארצ?

ע ס ט ע ר.

(מיט א האסטיקנ בליק צו אים). יע, ווי אימער.

ד ר. פ י ל י פ ס.

איכ וועל דיר שפּעטער א ווײַלע אונטערזוכנ. אָבער זאָג מיר, פּארוואָס האָסטו איר אָפּגערעדט פונ הערצבערגנ?

ע ס ט ע ר.

איכ האָב ניט געגלויבט, אז זי וועט מיט אים גליקלעכ זײַנ.

ד ר. פ י ל י פ ס.

וויאזוי?

ע ס ט ע ר.

איכ האָב ניט געגלויבט.

ד ר. פ י ל י פ ס.

(זיכ זעצנדיק נעבנ איר) מיריאָמ האָט מיר געזאָגט, אז דו האָסט איר געגעבנ אנ ערנסטערנ גרונט. דו האָסט איר, פארשטיי איכ, געזאָגט, אז ער איז פאר-בונדנ מיט אנ אנדער פּערזאָנ אינ א פארבינדונג, פונ וועלכער ער וועט קיינ-מאָל זיכ ניט ארויספּלאָנטערנ. הערצבערג איז מײַנ אינטימסטער פרײַנט, אונ איכ ווייס ניט פונ קיינ שומ פּלאָנטער אזעלכנ. ביסטו, הייסט דאָס, נעענטער צו אים אונ ווייסט זײַנע סודות בעסער, ווי איכ? גוט, גוט, וואָס אָבער איז דאָס געווענ פאר א פארהעלטניס אזוינס?

ע ס ט ע ר.

גאָרניסט... איכ האָב איר געזאָגט, וואָס מיר איז אינ יענעמ אויגנבליק גראָד ארופגעקומענ אפנ צונג...

ד ר. פ י ל י פ ס.

דאָס איז, אלזאָ, געווענ ניט מער, ווי אנ אויסריידנ. נו אויב אזוי, פארשטיי איכ דײַנ מאָטיוו נאָכ ווייניקער ווי פריער... וואָס האָט דיר געקענט ניט גע-פעלנ אינ הערצבערגנ? איז ער ניט געווענ א רייצנדער מאנ אפנ פּנימ? עפּשער ניט רײַכ גענוג? עפּשער ניט קיינ יאכסנ? אונ כוץ די אלע מײַלעס האָט ער דאָכ געהאט א ריינע ווארעמע נשמה, איז ער דאָכ געווענ א פאָל-קאָמענער דזשענטעלמענ... אנ עמעסער, געטרײַער פרײַנט...

ע ס ט ע ר.

(איר לאָזנ זיכ אויס די קויכעס) איכ בעט דיכ, ארטור, מאכ א סאָפ דערפונ... זעסט דענ ניט... דו, א דאָקטער, ווי קראנק איכ בינ?

ד ר. פ י ל י פ ס.

(מיט וויט)[1] זייער גוט! אָבער א סאָפ מאכנ קענסטו דערפונ אונ מיט איינ-איינציקנ וואָרט... זאָג מיר בלויז, פארוואָס האָסטו ניט צוגעלאָזנ, אז דײַנ טאָכטער זאָל צונויפקומענ מיט הערצבערגנ? פארוואָס האָסטו זיכ אזוי לײַדנ-שאפטלעכ געשטעלט דאקעגנ?

ע ס ט ע ר.

איכ בינ געווענ, אויב דו ווילסט ויסנ, קעגנ דיזנ שידעכ, ווי איכ וואָלט געווענ קעגנ יעדנ אנדערנ.

---

[1] אופגעבראכטקײַט.

ד ר. פ י ל י פּ ס.

אָבער פאַרוואָס, מײַן גאָט!

ע ס ט ע ר.

(וועקוואָרפנדיק אירע שטיקערײַ, מיט אַ פאַרצווייפלטער אַנטשיידנהײַט) דו ווילסט דאָס טאַקע וויסן?

ד ר. פ י ל י פּ ס.

זייער, עסטער.

ע ס ט ע ר.

(מיט אַ קרענקלעכער ענערגיע). זייער גוט! נו, ווײַל איך וואָלט גיכער באַגראָבן און באַשאָטן מײַן קינד מיט די אייגענע הענט, איידער איר איבערצוגעבן צו אַ מאַן, וויסנדיק, וואָס איך ווייס; וויסנדיק, וואָס זי האָט צו דערוואַרטן; וויסנדיק, ווי עס לאָזן זיך אויס די מייסטע שידוכים אין אונדזער וועלט, איך דער וועלט פון די פײַנע לײַט. איבעריקנס, איך האָב ניט געדאַרפט פיל רייד פאַרלירן... האָט מיריאַם ניט געזען מיט אירע אייגענע אויגן, ווי איר טאַטע־מאַמע האָבן געלעבט, ווי גליקלעך איר מאַמע איז געווען פאַר איר טאַטן, אַליין ניט קיין ערגערער מאַן עפּשער, ווי אַסאַך אַנדערע... דאָס זײַנען די שידוכים, וואָס מיר קענען געפינען פאַר אונדזערע קינדער... נו, איידער אַזאַ לעבן וואָלט איך גיכער געזען מײַן קינד אַ מויד ביזן גרויען צאָפּ... וואָלט איך זי גיכער געזען טויט! (זי שטייט אויף).

ד ר. פ י ל י פּ ס.

נו, דו, וואָס רעדסט אַזוי שוין וועגן דײַנע אייגענע לײַדן, האָסטו געדאַרפט איר ראָטן צו ווערן אַן ערלעכע פרוי: עס זײַנען דאָ לײַדן, וואָס ערלעכע אָנשטענדיקע פרויען האָבן ניט.

ע ס ט ע ר.

(אַרײַנקומענדיק מער און מער אין אַן עקסטאַז: זי האַלט זיך די גאַנצע צײַט פאַרן האַרצן)

אָ, דו גרויסער גאָט! איך זאָג דיר, אַרטור, דו האָסט אַ טאָעס. פאַרקערט, זי וועט אַלץ מער לײַדן, וואָס מער זי וועט זײַן ערלעך. די אומערלעכע לײַדן ניט, דו מעגסט גאַנץ רויִק זײַן... אָבער זי, מײַן מערעלע, וואָס האָט זי צו דערוואַרטן? אָט וועל איך דיר זאָגן, איך ווייס עס פון אייגענער דערפאַרונג... זי וועט זײַן אַ געליבטע איין טאָג, עפּשער איין וואָך; זי וועט זײַן געליבט, ווי אַ מעטרעסע, און דאַן וועט זי ווערן אַ פרעמדע פאַר דעם מאַנס האַרצן, אַ פרעמדע פאַר אַלע די פריידן, וועגן וועלכע זי האָט געחלומט... עס וועט ניט דויערן לאַנג, וועט איר מאַן ווערן אומטרײַ צו איר, ער וועט טראַמפּלען [1] איבער אירע געפילן, ער וועט זי נאַרן מיט אַנדערע קימאַט אונטער איר נאָז; זי וועט אַרומגיין אַ לאַנגע צײַט מיט ווונדן אין האַרצן, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, מיט אַראָפּגעשלונגענע טרערן, טרײַ צו איר מאַן, ניט אַכטנדיק אויף זײַן פירונג, ביז עס וועט קומען דער שרעקלעכער טאָג, און זי וועט אויף אים און פון אים שוין מער ניט האָפן, מער נישט דערוואַרטן; עס וועט קומען דער טאָג, ווען איר מאַן, צו וועלכן זי וועט זיך ווענדן, וועט פון איר ניט וועלן

1 טרעטן מיט די פיס.

וויסן, זײַענדיק צו ביזי מיט זײַנע מעטרעסן, מיט זײַנע פּאַציִענטקעס... לאָז מיך אויסריידן, אַרטור! און ווען אירע קינדער זאָלן זײַן פּאַרשיקט, און דער גאָט, צו וועמען זי ווערט זיך ווענדן, וועט איר ניט ענטפערן, דאַן, העריסטו, וועט קומען איר פאַל, איר שאַנדע. דאַן וועט איר ניט בלײַבן איבעריק קיין אַנדער זאַך, ווי צו קומען צו איר מאַן און אַרײַנצוּוואַרפן זיך אין פּנים אַרײַן: קום, האַרגע מיך צו, איך בין דיר געווען אומטרײַ; איך האָב געלעבט מיט אַן אַנדערן...

ד ר. פ י ל י פּ ס.

דו זאָגסט ליגן. דו וואָלסט ניט וואַגן זיך מוידע צו זײַן; דו וואָלסט מוירע האָבן פאַר דײַן ליובאָווניק!

ע ס ט ע ר.

אַ, ער איז טויט!

ד ר. פ י ל י פּ ס.

ניט עמעס! ער לייגט איר פאַר די אויגן הערצבערגס בריוו: זי שרײַט אויס „אָ״! אין דעם זעלביקן אויגנבליק עפנט זיך די טיר און הערצבערג קומט אַרײַן) אָט איז ער, דער הערצבערג.

ע ס ט ע ר.

(אין פאַרצווייפלונג וואַרפט זי זיך צום דאָקטערס פיס, וועלנדיק אים נעמען פאַר דער האַנט)

אָ, איך בעט דיך, אום גאָטעס ווילן... טראַכט וועגן אונדזער קינד... אַ! (זי ווערט ווי דערשטיקט. זי פאַלט אַפן זאָפאַ[1] מיט דער האַנט אַפן האַרצן. איר קאָפּ פאַלט דאַן אַרויס אַפן טיש).

VI

ה ע ר צ ב ע ר ג, ד ר. פ י ל י פּ ס, ע ס ט ע ר.

ה ע ר צ ב ע ר ג.

(לויפט צו צו עסטערן און וויל זי אויפהייבן).

ד ר. פ י ל י פּ ס.

דו, דו ווייסט, דיר וועל איך דערמאָרדן...

ה ע ר צ ב ע ר ג.

(שמערצלעך, קוים-וויינענדיק) דערווײַל האָסטו דערמאָרדעט דײַן פרוי.

1 קאַנאַפּע.

א געהארגעטער עדיטאָר'על

(איינאקטער)

„וועגן דעם „געהארגעטן עדיטאָריעל" האָב איך בלויז איין וואָרט צו זאָגן:

אזעלכע רעדאקציעס זיינען עפשער היינטיקע ציטן מער ניטאָ. מיט א פערטל יאָרהונדערט צוריק זיינען אין די פראָווינצן עפשער קיין אנדערע ניט געווען.

צי דער מאָלן פונעם בילד איז א געלונגענע זאך, ווייס איך ניט, אָבער גענומען איז ער פונעם לעבן".

(פון ווינטשעווסקיס נאָכוואָרט צו די דריי איינאקטערס—„מיזרעך-ווינט", „מאן און ווייב" און „א צוגעהארגעטער עדיטאָריעל",—„פאָרווערטס"-אויסגאבע פון ווינטשעווסקיס ווערק, 3-טער באנד).

א געהארגעטער עדיטאָריעל

(א סצענע אין א רעדאקציע)

פערזאָנען:

רעדאקטער קריץ, 50 יאָר אלט, טראָגט שפאקולן מיט גילדערנע אָלאָב־ליטשקעס; ערטערווייז גרויע האָר אין זיין לאנגן באָרד.

מיסיס קריץ, זיין פרוי, א ייִדענע אין זיין עלטער, זייער א האסטיקע, נים קיין מיִעסע; זי טראָגט, קענטיק, די הויזן.

פריילן וואלענטין, א רוסיש־ייִדישע אינטעליגענטקע, שטארק נים דער־באקן; טראָגט א פאנסנע.

מענעדזשער[1] **גאָלדמאן**, א ייִד פון א גאנץ יאָר; איז אין די ציישונג־ביזנעס, ווייל ער טויג דערצו נים.

דער אגענט זוב, א צענטער זייל פון דעם ציישונג־געשעפט.

זעצער גראָדזענסקי, א יונגערמאן, נים אבי וועך.

לענדלאָרד ליסטער, אן אופגעקומענער באלעבאָס, קימאט אן אָלרייטניק.

א פעדלער, מיט מער צונג אין מויל, ווי סכוירע אין קעסטל.

צייט: ארום 1895—1896.

די סצענע: א צימער מיט א גלעזערנער טיר אין הינטערגרונט, פון דרויסן שטייט אופגעמאָלט: „דער סאמבאטיען, א וואָכנשריפט" אפן גלאָז. אין מיטן צי־מער א שרייבטיש מיט אלץ, וואָס געהערט צום שרייבן און אויך וואָס געהער דערצו ניט.—באם זייט דעם מענעדזשערס פולט—א טיר פון דער לינקער זייט פירט צו די „זעצערס": א שטייגער, „קוילעט מיר די גענדז".

---

1 פאריוואלטער.

ע ר ש ט ע ד ע ר ש ײַ נ ו נ ג

דער רעדאַקטער און דער מענעדזשער.

ר ע ד א ק ט ע ר.

איז דער פּאָסטמאַן שוין דאָ געווען?

מ ע נ ע ד ז ש ע ר.

איר מיינט דער „לעטערקעריער"[1]... נאָך ניט.

ר ע ד א ק ט ע ר.

מיט וואָס טויג אײַך דאָס ניט „פּאָסטמאַן", מיסטער גאָלדמאַן?

מ ע נ ע ד ז ש ע ר.

פּאָסטמאַן קלינגט גרין, מיר לעבן דאָך עפּעס אין אמעריקע! נאַ דיר— פּאָסטמאַן! אײַ, גרינקישאָק,[2] גרינקישאָק!

ר ע ד א ק ט ע ר.

(האָט, קענטיק, ניט געהערט דעם מענעדזשערס לעצטע ווערטער) ווען קומט ער, געוויינלעך, דער „לעטערקעריער" אײַערער?

מ ע נ ע ד ז ש ע ר.

דער לעטערקעריער אונדזערער קומט אַרום דיזע צײַט... זאָגט מיר, בעסער, מיסטער קריץ, האָט איר שוין געלעזן די הײַנטיקע רויטע שמאַטע?

ר ע ד א ק ט ע ר.

אײַ בעטשו,[3] איך האָב געלעזן... און ביסײַדס[4]! א ברײַרע האָב איך? איר ווייסט, אפּאָנים, וואָס דאָס הייסט זײַן אַן עדיטער[5]? ווי נאָר א שונד, קומט דאָס אין מײַן מויל... א גוט וואָרט, כ'לעבן! נײַן?

מ ע נ ע ד ז ש ע ר.

האַקט דאָס אַרײַן אין אײַער עדיטאָריעל[6]! איר לאָזט אין ניוועץ גיין אַלע אײַערע גוטע ווערטלעך, מיסטער קריץ... די לעזער קענען אײַך ניט הערן רײַדנדיק, שרײַבט! האַגאַם אײַערע עדיטאָריעלס...

ר ע ד א ק ט ע ר.

מען לעזט זיי, מען לעזט! דאַנקט טעל' מי,[7] איך ווייס... עפּשער ניט אַלע, אָבער מען לייענט.

מ ע נ ע ד ז ש ע ר.

(מיט א געניווישן שמייכל, אָבער ניט זייער דרייסט) דער זעצער און דער קאָרעקטער אוואַדע, מיילע! א שפּאַס... נישט מער, ווי א שפּאַס, מיסטער קריץ. אָבער ווייסט איר, ווו עס בעט זיך א ווערטל מער, ווי אומעטום? טאַקע פאַר

1 בריוועטרעגער.

2 א גרינער, א ניטגעניטער, א ניט לאַנג אָנגעקומענער.

3 איך וועט זיך מיט אײַך.

4 אכוץ דעם.

5 רעדאַקטער.

6 לייטאַרטיקל.

7 דערציילט מיר ניט קיין מעשׂיות.

מײַנ פידזש.[1] האַלעווײַ קענ איכ אַזוי שרײַבנ ווי... ווי איר, מאַכ איכ אײַכ עדס,[2] וואָס פאַרכאַפּנ דעמ אָטעמ. מײַנ ייִנגל איז אַ מאַדימ אַמ דעמ, אָבער זײַנ לאָשנ איז ענגליש. ווייסט איר וואָס ער זאָגט?

רעדאַקטער.

לאָזט דאָס אַמ אַנ אַנדערש מאָל. מוז זיכ זעצנ שרײַבנ מײַנ עדיטאָריִעל, מר. גאָלדמאַנ. „ווי נאָר אַ שונד — גלײַכ אינ מײַנ מונד" אָט אַזוי הייב איכ טאַקע אָנ מײַנ אַרטיקל... (זעצט זיכ שרײַבנ).

מענעדזשער.

רײַבט זיי גוט אָנ אַ מאָרדע, די יאָלדעס. אונדזער פּובליקומ פאַרלאַנגט דאָס. פונ וואַנענ נעמענ זיכ אָט אַלע די סטרײַקס, אויב ניט פונ זיי? און, צווישנ אונדז זאָל דאָס בלײַבנ, אונדזער סירקולײשאָנ[3] פאַלט קעסיידער, מיסטער קריץ.

רעדאַקטער.

טאָ לאָזט זשע שרײַבנ... לאָמיר נאָר אַ מאַכ טאָנ מיטנ פענ, און זיי צאַפּלענ זיכ בײַ מיר, די רויטע קאַט־לייצאָנימ,[4] אַזוי שרײַב איכ טאַקע: „די רויטע קאַט־לייצאָנימ". אַ וויל וואָרט, בײַ מײַנע ייִדישקײַט... און זיי צאַפּלענ זיכ בײַ מיר, ווי... ווי...

מענעדזשער.

ווי דער פיש אָפנ סקאָוואָראָדע... אויכ קיינ שלעכט ווערטל! האַלעווײַ בינ איכ אַ שרײַבער.

רעדאַקטער.

אַזוי! וואָרימ אײַכ פאַרדריסט, מאַשמאָעס, וואָס איר גייט אינ גאַנצע שטיוול, מיסטער גאָלדמאַנ... אײַ! דאָס טאָר ניט אינ ניוועצ גיינ... דאָס ווערט גלײַכ אַרײַנגעטראַסקעט אינ די וויצנ אַרײַנ... באָרוויסע שרײַבערס! דאָס נעמט דעמ אוילעמ... אינ די וויצנ אַרײַנ—„די גאַנצע שטיוול" (ער פאַרשרײַבט עס). איצט אָבער מײַנ עדיטאָריִעל! הייב איכ אַזוי אָנ... (ער פאַרײַסט אַביסל דעמ נאָז, טוט זיכ אַזוי ווי אַ וויש דעמ שטערנ מיט דער לינקער האַנט און וויל אָנהייבנ שרײַבנ).

צווייטע דערשײַנונג

דער זעצער צו די פאָבריקע.

מענעדזשער.

וואָס דאַרפט איר, גראָדזוענסקי?

זעצער.

(מיטנ פּאָנעמ צומ רעדאַקטער) קאָפּיע[5] דאַרפ איכ.

מענעדזשער.

(פאַר זיכ) מײַנ האַרצ אײַנגעפאַלנ... האָב געמיינט ער דאַרפ געלט.

---

1 זײַטל, שפּאַלט.

2 אַנאָנסנ.

3 טיראַזש.

4 כעוורע לייצימ.

5 מאַנוסקריפּט.

רעדאקטער.

איך שרײַב. איר זעט דען ניט? װארט, װי רופ איך דעם ארטיקל מײַנעם? „נאָמענלאָזע לומפערײַ".

מענעדזשער.

נעמען—לויזע—לומפיקע? לומפיקע לויזע מײַלער װאָלט געװען בעסער, דאכט מיר.

רעדאקטער.

מיסטער גאָלדמאַן, איר שטערט מיר... נאָמענלאָז הײסט ניט לויזע נעמען; דאָס באטײַט... דאָס איז דײַטש, פארשטײט איר, אין יידיש לאָזט זיך דאָס שװער פארטײַטשן, עס װעט שוין זײַן אָלרײַט.

זעצער.

(אונטערן נאָז) „טײַטש", װאָס אין יידיש קען מען ניט „פארטײַטשן!" (צום רעדאקטער) גיט דעם ארטיקל גאָר קײן נאָמען ניט...

רעדאקטער.

דאָס איז א שטאָך־װאָרט, גראָדזענסקי; איך קען אײַך, איר זײַט א סאָציאליסט. דאָס מאכט איר בעקיװן אָן גרײַזן אין מײַנע ארטיקלען. בעקיװן! גײט צו אײַער ארבעט.

זעצער.

איך װארט אויף קאָפּיע.

רעדאקטער.

טאָ שװײַגט און לאָזט מיר שרײַבן. (ער שרײַבט, קװעטשענדיק דעם שטערן) „װעזױס לעפּאָנים בעיסראָעל" אזוי האָט זיך פארצײַטן געפירט, שטײט אין אונדזער הײליקער טוירע...

זעצער.

פארגעסט ניט, מיסטער קריץ, מיר האָבן אין דעם הײַנטיקן נומער אן ארטיקל — און א שארפן! פול מיט אפּיקוירסעס...

רעדאקטער.

דאָס איז ניט אײַער זאך. אן אומגליק דאָס איז אביסל צו זײַן א רעדאקטער אין אמעריקע! װער עס װיל און װער עס װיל ניט, האָט דאָ א מײנונג.

זעצער.

טאקע ניט מײַן זאך. אָבער פאָרט אזוי: דאָ די הײליקע טוירע אונדזערע און דאָרטן: אל האשעם װעאל מעשיכוי, מיט נענאטקעס[1] מיט אלעמען! װי שיקט זיך דאָס?

רעדאקטער.

כ'בעט אײַך, טײַנעט ניט צופיל... װען ניט די יוניאָן...[2]

---

[1] פאָלקס־װערטל. געמײנט: קעגן גאָט, קעגן מאָשיעכן און קעגן יעדער אױטאָריטעט.

[2] דער פּראָפסאַריין.

מענעדזשער.

באַרויִקט זיך, מיסטער קריץ, באַרויִקט זיך! (קומט צו אים צו בעגנטער און זאָגט קי-מאַט אפּן אויער) דריַי וואָכן ווײדזשעס[1] קומט אים... און טאַקע די יוניאָן!

רעדאַקטער.

(שריַיבט וויַיטער) „פּאַרציַיטן האָט זיך געפּירט, שטייט אין אונדזער..."

דריטע דערשײַנונג

דער לענדלאָרד צו די פּאַריקע.

מענעדזשער.

(מיט א פריַינטלעכן שמייכל) האַלאָ, מיסטער ליסטער!

לענדלאָרד.

(גראָב) יאַך קים נוך מאַן רעיינט,[2] דעטס-אָל![3]

מענעדזשער.

איר שטערט דעם עדיטער, שטערט איר, קומט אריַין א האָרעלע שפּעטער.

לענדלאָרד.

שפּייטער? וואוס האַייסט שפּייטער? יאַך קים נישט שפּייטער, יאַך וויל מאַן רעיינט, דעטס-אָל!

רעדאַקטער.

מיסטער גאָלדמאַן, סעטלט[4] מיט דעם מאַן און לאָזט מיך שריַיבן.

לענדלאָרד.

יאַכ'ל וואַרטן ביז איר שראַבט מירון דוס קוויטעלע, דוס טשעקל אפּן בייִנק. לאָזט אים שראַבן, מיסטער גאָלדמאַן. (ער זעצט זיך אוועק זיכער, ברייטלעך).

רעדאַקטער.

(שריַיבט און לייענט מיט געשמאַק—שפּילנדיק פאַר זיַין אוילעם) „פּאַרציַיטן האָט זיך געפּירט, אזוי שטייט אין אונדזער הייליקער טוירע..."

לענדלאָרד.

דוס, ווען עמיץ הוט געוווינט אין א האַוזקע, הוט ער געצולט זאַן רע-ייגט... דוס, מיסטער, שראַבט שפּייטער, אצינדער שראַבט דוס קוויטעלע, דוס טשעקל... יאַך האָב נישט קייַן צאַט צי וואַרטן... איר זאַגט בא מיר נישט קאַן בען יוכיד.

מענעדזשער.

קומט שפּעטער א וויַילינקע. איך דערוואַרט א גרויסע סומע געלט מיט דער פּאָסט. מיט דער נעכסטער מעיל...[5] א כוץ דעם ברענגט מיר באַלד א מאַן פון דער... פון דער פּראָווינץ געלט... גרויסע געלט, אין די שווערע הונדערטער אריַין...

---

1 געהאַלט.

2 דירע־געלט.

3 דאָס אַלץ.

4 פאַרענדיקט.

5 קאָרעספּאָנדענץ.

לענדלאָרד.

יאַכ וויל נישט קאַנ הינדערטער און קאַנ טויזנטער... יאַכ בעייט נישט מעיינ, ווי מאַנ געלט, דעטס־אָל. ווּוּס איז מאַאַנס, איז מאַאַנס, און מעיינ פאַר־לאַנג איכ נישט.

מענעדזשער.

ווילט איר וואַרטנ, מיסטער ליסטער, וואַרט, איר זײַט באַ אונדז אַ גוטער גאַסט.

לענדלאָרד.

גיט, וואַרטעכ... (ער באַזעצט זיכ גאָר ברייטלעכ אַפּ זײַנ שטול).

פערטע דערשײַנונג

פרײַלנ וואַלענטינ צו די פאַבריקע.

פרײַלנ.

קענ איכ זענ דעם הערנ רעדאַקטער? (דער לענדלאָרד טוט אַ שמייכל צו איר; זי ווענדעט זיכ צו אימ) איכ האָב די ערע מיכ צו אײַנדערדוסענ,[1] מיסטער...

לענדלאָרד.

ליסטער, מיס, ליסטער...

פרײַלנ.

אַהאַ! ליסטער. וועל,[2] הער רעדאַקטער...

לענדלאָרד.

יאַכ בינ נישט קאַנ עדיטער, מיס! יאַכ קימ נאָכ מאַנ רעיינט. דעטס־אָל, רעיידט צינימ (ווײַזט אַפּ מר. קריץ).

רעדאַקטער.

(אַראָפּנעמענדיק די אויגנ פונעמ פאַפּיר) אָלרײַט, אָלרײַט! וואָס איז אײַער ווונטש, פרײַלנ..? אײַער נאָמענ?

פרײַלנ.

וואַלענטינ, הער רעדאַקטער! (זי פאַרבייגט זיכ) איכ מיינ... אָבער איר האַלט אינ שרײַבנ...

זעצער.

און איכ וואַרט אַפּ קאָפּיע...

רעדאַקטער.

שטערט ניט, גראָדזענסקי! גייט, איכ שיק אײַכ באַלד אַרײַנ... דערווײַל וואַרפט אָפּ, וואָס איר האָט פונעמ לעצטנ נומער.

זעצער.

לאָז זײַנ אַזוי צו רעפּוע. (גייט אָפּ).

---

1 פאָרשטעלנ.

2 גוט.

ר ע ד א ק ט ע ר.

אלזאָ, ליבעס פרײַלנ... איר זעט דאָך, איך בינ שטארק פארנומענ... דער זעצער ווארט... אפ קאָפּיע, אפ מאנוסקריפּט...

ל ע נ ד ל אָ ר ד.

אינ יאכ ווארט אויפ רעייקט...

פ ר ײַ ל נ.

וועל אײַכ ניט שטערנ. בינ דעליקאטעסע גענוג צו זענ, אז איר האָט ניט קיינ צײַט, אנ עדיטער... א קלײניקײַט אנ עדיטער! שוטקא לי עטאָ! [1] א מאנ, קאָטאָרי וועלכער האָט אפ זײַנ קאָפּ אלע גאָסודארטטווענע מענטשנ, אונ צײַטונגענ, אונ טאבעלנע טעג, אונ קאָהאָלשע זאכנ אונ... ווי רופנ זיי דאָס? וואָנט'ס [2] אונ עד'ס... הײַנט דיכטנ אונ פּראָזע אונ אלע מעדינעס... זײַנע מינוטנ—אויסגערעכנט אפנ וואָר... כ'מיינ אפנ האָר... שטערנ אים? שטערנ אים אינ שרײַבנ אינ סאָטשינענײַעס [3] זײַנ פּערעדאָוויצע [4] בייס א וועלט ווארט אפ זײַנ וואָרט...

ל ע נ ד ל אָ ר ד.

אינ יאכ אויפ מאנ רעיינט...

פ ר ײַ ל נ.

(מיט א ביטערנ קוק אפנ לענדלאָרד) אזא מאנ שטערנ? ניינ, נאָט אײַ! באָזשע סאָכראַני! [5] איכ קענ א יונגנ שרײַבער, קאָטאָרי וועלכער איז די רעכטע האנט פונ דעמ „קויל מעוואסער"...

ל ע נ ד ל אָ ר ד.

ווּוס? א קיילע מיט וואסער? ווי האײַסט?

ר ע ד א ק ט ע ר.

(כאפּט א שטיקל פּאפּיר אונ שרײַבט) קויל מעוואסער — א קיילע מיט וואסער! וויל ווי די וועלט! אינ די וויצנ ארײַנ! אָבער וואָס איז אײַער ווּנטש, פרײַלנ? מאכט דאָס קורץ.

פ ר ײַ ל נ.

מײַנ ווּנטש?

ר ע ד א ק ט ע ר.

(פאר זיכ) ווענ ניט איר פּעניմל, וואָלט איכ איר גלײַכ אָפּגעפּראַווּעט. (צו איר) וואָס קענ איכ פאר אײַכ טאָנ?

פ ר ײַ ל נ.

(אזוי ווי באלײדיקט) פאר מיר טאָנ? איכ קום ניט נאָכ טשאַריטי, [6] ליבער הער רעדאקטער! איכ בינ, סלאווא באָגו, [7] ניט קיינ אָרעמע גרינ-האָרנ! איכ דארפ

---

1 עפּעס א ווערטעלע.

2 אנאָנסנ פונ די, וואָס זוכנ שטעלעס.

3 אָנשרײַבנ.

4 לײטארטיקל.

5 ניט איכ! גאָט זאָל אויסהיטנ!

6 צדאָקע.

7 דאנקענ גאָט.

פון אײַך קיין זאַך ניט ענידהאָל...[1] האָב אײַך נאָר געוואָלט זאָגן... אָבער איך וויל אײַך ניט שטערן... האָב פּײַנט צו נאַדאָיעדאַיען... פּערטיקעלע[2] אַ מאַן, קאַטאָרי וועלכער האָט אָפּ זיך, ווי מײַן ברודער... אָ, איר דאַרפֿט קענען מײַן ברודער... אַ העכסט געבילדעטער מענטש, שטודירט פֿון יאָרן אין כּאַרקאָווער אוניווערסיטעט.., אַ פּײַן יאָנג מען,[3] וואָלט אײַך דערציילט וועגן אים אַ זייער אינטערעסאַנטע געשיכטע מיט אַ דאַמע מיט... אַ גאַנצן ראָמאַן... נאָר איר זײַט ביזי...[4]

זעצער.

(צוריק אַרײַנקומענדיק) קאָפּיע, מיסטער קריץ! איך וואַרט נאָך אַלץ אָפּ קאָ־פּיע....

לענדלאָרד.

אין יאָך וואַרט אָפּ רעיינט! (צום מענעדזשער) אײַער מאַן מיט די געלט אײַלט זיך בישט צי קימען...

רעדאַקטער.

(צום זעצער) גייט, וואַרפֿט אָפּ, וואַרפֿט אָפּ!

מענעדזשער.

(לאַכנדיק) אַ מאַנסביל — וואַרפֿט אָפּ! ניט שלעכט, כ'לעבן! האַקט דאָס אויך אַרײַן אין די וויצן, מיסטער קריץ.

רעדאַקטער.

(פֿאַרשטייט ניט; צו פֿרײַלן וואַלענטינע:) אַלזאָ, ליבעס פֿרײַלן?

פֿרײַלן.

יע, אַ פּײַנער ראָמאַן, גאַנץ כּאַרקאָוו האָט דערפֿון גערעדט, נאָר איר זײַט ביזי און אײַך קען מײַן ברודער אין קאָפּ ניט קריכן איצט... אָבער איר מעגט וויסן, אַז ער קאָן פֿראַנצויז, און ספּענסער און באָקל, און די געהיימניסן פֿון פּאַריז, און אַלגעברע, און טראָגט אַ בלוזע און גילדערנע ספּעקטאַקליעס...[5] איז, זאָגט מײַן ברודער, זאָגט ער... אַרום וואָס רייד איך... שרײַבט, הער רע־דאַקטער, שרײַבט... אײַך דאַרף מען ניט שטערן, אַ מאַן, ווי אײַך, איינעם קאַטאָרי וועלכער איז, ווי מײַן ברודער... יע, ווי מײַן ברודער זאָגט, אַן אַט־לאַסענער מענטש, וואָס טראָגט אָפּ זיך אַ וועלט...

זעצער.

איר מיינט, ער איז אַן אַטלאַס, דער גאָט אַטלאַס,[6] ניט אַ מענטש!

פֿרײַלן.

זעט נאָר, זעט! אַ מענטש אין אַ פּאַרטוך, פֿול מיט טאָשע און דאָט וויס!

---

1 סײַ־ווי־סײַ.

2 באַזונדערס.

3 אַ שיינער יונגערמאַן.

4 פֿאַרנומען.

5 ברילן.

6 דער גאָט אַ ט ל אַ ס,—איינער פֿון די, וואָס האַלטן אָפּ זיך אונטער,—לויט אַן אַלטער לעגענדע,—דעם ערד־קוגל.

מ ע נ ע ד ז ש ע ר.

(שמייכלענדיק) אמעריטשקא־גאנעוו!

ר ע ד א ק ט ע ר.

(אביסעלע אומגעדולדיק) וואָס אלזאָ ווינטשט איר, מײַן פרײַלן?

פ ר ײַ ל ן.

וואָס זאָל איך ווינטשן? איך ווינטש אײַך אלדאָס גוטס פאר אײַער לעצטע סטאטיא,[1] אײַער, ווי מיר זאָגן אין כארקאָוו... נאָר וואָס מאכט עס אײַך אויס, ווי מיר זאָגן... לאָזט מיר, גרויסער מאן, (זי ווערט זייער ענטוזיאסטיש) אײַך א דריק טאָן אײַער האנט (זי נעמט אים אָן פאר די רעכטע האנט און לאָזט זי ניט ארויס ביזן סאָף פון איר רעדע) אײַך דאנקען פאר אײַער אָסטראָ־אומנע פערעדאָוויצע,[2] יעדער וואָרט אזוי קלוג, אזוי סמאט... אזוי... אזוי... (זי קומט נעענטער צו אים; מיסטער קריץ זעט אויס צעדרומשקעט שטארק...)

ר ע ד א ק ט ע ר.

ליבסטע פרײַלן! איך... מענטשן... נאָך עמעצער קומט...

פ ר ײַ ל ן.

אָ, איך וואָלט אײַך...

פ י נ פ ט ע ד ע ר ש ײַ נ ו נ ג

פרוי קריץ צו די פאָריקע.

פ ר ו י ק ר י ץ.

וואָס וואָלט איר? עפּשער אים קושן? פאר אלעמען אין די אויגן פאר אים אין באק?

מ ע נ ע ד ז ש ע ר.

(צום זעצער) „פאר מיר אין די אויגן, פאר אים אין באק!" זאָגט אים—אין די וויצן, אין די וויצן, גראָדזי!

פ ר ו י ק ר י ץ.

קיין בושע און קיין כארפּע ניטאָ? א פולע רעדאקציע מיט מענטשן...

פ ר ײַ ל ן.

אָבער מאדאם.... גאָט איז מיט אײַך!

פ ר ו י ק ר י ץ.

רייד מיר נישט מיט גאָט, סמאדעלניצע, דו! איך וויל פון דיר קיין דראָשעס ניט. (צום מאן, פון דער זײַט) און בא אים איז אלץ סכוירע... פיש—אלץ וואָס קומט ארײַן אין זײַן נעץ!

ז ע צ ע ר.

אין די וויצן, מיסטער גאָלדמאן (צום מענעדזשער) זי רעדט בעסער, איידער ער שרײַבט.

---

[1] ארטיקל.

[2] שארפזיניקער לייטארטיקל.

פרוי קריץ.

און אפ וואָס ער פארקוקט זיכ דאָס? די אויגנ זאָלנ אימ ארויסקריכנ! א שטיק פלייש מיט צוויי אויגנ! א סטראשידלע אינ ספאקולענ! ארויס פונ־דאנענ! הערסטו? בא מיר ווערט דאָס קורצ אונ שארפ...

פרייַלנ.

(האלב וויינענדיק) אָבער מאדאמ....

פרוי קריץ.

מאדאמעווע מיר ביט אונ גיי! ארויס, אז קיינ זוכ זאָל פונ דיר ניט בלייַבנ! (צומ מאנ) מיט דיר, טייַערע קיילע, רעכנ איכ זיכ אָפ אינדערהיימ. (זי נעמט אָנ מיט וואלענטינ פארנ האנט אונ שלעפט זי ארויס) קומ, קומ... דאנק גאָט, וואָס דאָ זייַנענ דאָ פרעמדע מענטשנ. (זי גיט א ספעציעלנ קוק אפנ לענדלאָרד).

לענדלאָרד.

יאָב ווארט אויפ מאנ רעיינט, דעטס-אָל.

פרוי קריץ.

ארויס פונדאנענ! (זי אונ פרייַלנ וואלענטינ אָפ).

מענעדזשער.

א פייַט,[1] א פייַט!

זעצער.

א וויַבערשער דועל, בענעמענעס! גייַנ זענ... (ער אונ אלע אנדערע גייענ האסטיק ארויס, כוצ דעמ רעדאקטער אונ דעמ לענדלאָרד):

לענדלאָרד.

הערטס! יאָב קענ ניט ווארטנ! שראבט אויפ דוס קוויטעלע אינ לוזט מעכ גייַנ אמענדנ[2] מאנ ביזנעס.

רעדאקטער.

מייַנ מענעדזשער וועט מיט אייַכ שוינ סעטלענ... (פאר זיכ) איכ זע, איכ וועל הייַנט שוינ ניט אָנשרייַבנ מייַנ עדיטאָריעל. פונ דער פלוינעסטע וועל איכ מיר מיסטאמע שוינ אויסרייכטנ א מאפאָלע... אפ סאָנע ייִסראָעל געזאָגט געוואָרנ... דער גוטער יאָר דארפ איר ארייַנברענגענ דאפקע, ווענ די יונגע דאמע ווערט צעשמאָלצנ... (געוואָר ווערנדיק דעמ לענדלאָרד) ווי ווערט מענ פאָטער פונ אימ? (צומ לענדלאָרד) סיי,[3] מיסטער ליסטער! דער מענעדזשער...

לענדלאָרד.

ווי איז ער ערגעצ, א-ער מענעדזשער?

רעדאקטער.

ער איז געוויס אפנ סטופ! זוכט אימ אופ, אונ לאָז ער מיט אייַכ סעטלענ.

לענדלאָרד.

יאָב גייַ!

---

1 א געשלעג.

2 פירנ מייַנע געשעפטנ.

3 היי.

רעדאקטער.

דער מאנ, אפ וועלכנ ער ווארט, מוז באלד קומענ. מיר קריגנ ארײַנ הײַנט א גרויסע סומע געלט... א גאנצנ אייגנס, פארשטייט איר...

לענדלאָרד.

האלט׳ס פאר זיכ. יאכ וויל נישט מײַנ, ווי מאנ רעיינט... אינ כ׳מיז אכ זוגנ, יאכ מיז מאנ רעיינט אובנ רעגעלע. אלע כוידעש רעגעלע, מיסטער עדיטער! הערטס! כ׳גײַ זיכנ אער מענעדזשער...! (גייט אָפּ).

רעדאקטער

באָרוכ שעפּאָטראָני[1] (ער ציט אָפּ דעמ אָטעמ) איצט שרײַב איכ (ער טוט א מאכ מיטנ פעדער) ... „אזוי שטייט אינ אונדזער הייליקער טוירע...” (פארטראכט זיכ) ווי, אונ! וואָס זאָג איכ ווײַטער? אנ אומגליק אביסל! אמאָל פלעגט מענ קענענ שרײַבנ, ווי עס האָט זיכ געשריבנ. הײַנט איז יעדער מוישע א מייוונ, א באל-מעפונעק[2] אונ א... א קריטיקער! אונ דאָס האָבנ אלצ די רויטע אָנגעמאכט... ווער ווייס, וואָס דאָס איז פאר א מאנ, וועמענ גאָלדמאנ דערוואַרטעט דאָ הײַנט. ער טראָגט זיכ ארומ מיט סעקרעטנ. א שוטעפ מיט געלט וואָלט געקענט צו-נוצ קומענ. אָבער... (לייענט) „אזוי שטייט אינ...”

מענעדזשער.

(קומענדיק צוריק) אײַער אלטע האָט זיכ גאָכ די יונגע דאמע נאָכגעיאָגט, ווי דער פויער נאָכנ גאנעוו—איבערנ גאס... אפּ לײַטישע געלעכטער... טוט אָנ אײַערע גילדערנע ספּאקולנ. ער קומט באלד, טוט זיי אָנ. טוט אָנ.

רעדאקטער.

צו וואָס? איכ קענ מיט זיי ניט שרײַבנ.

מענעדזשער.

איר דארפט מיט זיי ניט שרײַבנ. איר דארפט נאָר אויסזענ אביסל לײַטישער (מע קלאפט) דאָס איז ער.

זעקסטע דערשײַנונג.

א פעדלער צו די פּאָריקע.

(דער רעדאקטער אונ דער מענעדזשער זיצנ קלוימערשט שטארק פארטאָנ אינ זייער ארבעט. דערבײַ א לעדזשער[3] אונ יענער בא זײַנ אָנגעהויבענעמ ארטיקל. נאָכ א קלאפּ. די טיר עפנט זיכ לאנגזאמ)

רעדאקטער.

ארײַנ! קאמ אינ!

פעדלער.

גוד מאָרנינג, דזשענטלמענס![4] (ער נעמט אראָפּ פונ זיכ א קעסטעלע, וואָס איז געהאנגענ איבער זײַנ פּלייצע אפּ א שווארצנ רימענ) האָב פאר אײַכ אנ ארטיקל, וואָס רייד

---

1 געלויבט איז גאָט, וואָס איכ בינ פּאָטער געוואָרנ.

2 א צעפּעסטעטער.

3 קאָנטאָר־בוכ.

4 גוט מאָרגנ. מײַנע הערנ.

איך? אנ ארטיקל? ניינ, אנ אנטיקל, אנ עמעמנ אנטיקל. קריגט ניט אזא קוואַליטי,[1] אזא סטײַל,[2] אזא פעסטקײַט אינ קיינ סטאָר[3] אינ דער וועלט ניט. איך פארקויפ עס בעכאָצי כינאָמ...[4] זעכציק פראָצענט אונטערנ קאָסט-פרײַז, בלויז ווײַל איך וויל אײַך האָבנ פאר שטענדיקע קונדנ. איך גלײַך ניט...

מ ע נ ע ד ז ש ע ר.

(נאָרוואָס צו זיך געקומענ פונ דער אומאָנגענעמער איבעראשונג) מיר דארפנ גאָר נישט, קיינ שום זאכ ניט.

פ ע ד ל ע ר.

(ווי ניט אימ מיינט מענ דאָס) איך גלײַך ניט צו רימענ מײַנ סכוירע; וועל אײַך כאָלילע ניט אײַנריידנ...

ר ע ד א ק ט ע ר.

(אויסטוענדיק די גילדערנע ברילנ) מע האָט אײַך געזאָגט, אז מיר דארפנ קיינ שום זאכ ניט.

פ ע ד ל ע ר.

(ווי פריִער) וועל אײַך ניט אײַנריידנ, בליוו מי![5] באטראכט מיט אײַערע אייגענע אויגנ די סכוירע מײַנע.

מ ע נ ע ד ז ש ע ר.

גייט געזונטערהייט, גייט! איר ווייסטעט[6] אײַער צײַט.

פ ע ד ל ע ר.

איר דארפט נאָר באטראכטנ די סכוירע, דזשענטלמענס, וועט איר זענ.

מ ע נ ע ד ז ש ע ר.

(הויבט זיך אופ) גייט, רעב ייִד, אויב ניט, רופ איך א פאָליסמענ, איר הערט?

פ ע ד ל ע ר.

אז איר בייזערט זיך... נו, גיי איך, איבער גוואלד טוט מענ מענטשנ קיינ טויוועס ניט (גייט און קערט זיך אום). אָבער א קוק טאָנ מעגט איר דאָך, דזשענטלמענס! גיט א קוק! וואָס וועט איר דערצו צולייגנ?

מ ע נ ע ד ז ש ע ר.

איך זאָג אײַך: גייט! זאָג איך אײַך, איר הערט?

פ ע ד ל ע ר.

אוואדע גיי איך. מיינ דאָ ניט צו בלײַבנ אפ[8] נאכטלעגער. ווילט איר ניט, ווי איר ווילט זיך. (גייט און זאָגט, צומאכנדיק די טיר) דאָ פעלט, קלער איך, „קעש".[7] א גוטנ.

ר ע ד א ק ט ע ר.

וועמענ האָט איר דאָ עקספעקטעט?

---

1 קוואליטעט.
2 פאסאָנ.
3 קראָמ.
4 האלב אומזיסט.
5 גלויבט מיר.
6 פארשווענדט.
7 מעזומענ.
8 דערווארט.

מענעדזשער.

ניט אָט דעם שווארציאָר — איַי בעטשו! איך דערוואַרט א מאַן. א גרויסן עדווערטײַזינג-איידזשענט, [1] פון גאָר די גרויסע, ער שרײַבט מיר, ער מיינט אַרײַנצולייגן געלט אין אונדזער ביזנעס. וויל אונדז העלפן ברעכן די רויטע קרעמל... הינטער אים שטייט א גרויסער מאַנופעקטשורימען, [2] וואָס האָט פײַנט די אונטערהעצער, די טראָבלמאַכער, [3] די רויטע! (א קלאַפּ אין טיר) דאָס איז ער! צוריק די גילדערנע ספּאַקולן טוט אָן. בלײַבט זיצן. קאַם אין!

ז י ב ע ט ע ד ע ר ש ײַ נ ו נ ג

אגענט זוך צו די פּאָריקע.

(דער רעדאַקטער מיטן מענעדזשער זעען אויס זייער באַשעפּטיקט און וואַזשנע).

אַ ג ע נ ט ז ו ך.

גוטען מאָריען, מײַנע הערן! איך האָבע די ערע מיך פאָרצושטעלן: מײַן נאמען איז זוך, אַנאַסטאַזיום זוך! יאַוואָל! [4]

מ ע נ ע ד ז ש ע ר.

(פאַר זיך) ער רעדט, ווי א ייִדישער אַקטיאָר! (צו אים) מר. גאָלדמאַן הייס איך, און אונדזער עדיטער קענט איר געוויס פון זײַנע שריפטן.

ר ע ד א ק ט ע ר.

(דערלאַנגט מיסטער זוך א האַנט) גלעד טו מיעט יו, סער! [5]

אַ ג ע נ ט ז ו ך.

איר נאמען איזט מיר ניכט אונבאַקאַנט. איך בין היר פערהעלטנסמעסיקער-ווײַזע איין פרעמדער, אָבוואָל [6] די צײַטונגס-וועלט קענט מיך. דענאָך [7] איזט מיר איר ווערטער... [8] ווערטעס נאמען באַקאַנט. יאַוואָל!

ר ע ד א ק ט ע ר.

נעמט פּלאַץ, מײַן הער!

אַ ג ע נ ט ז ו ך.

איך דאַנק-קע העפלּיכסטערווײַזע. איך ווערדע מיך קורץ פאַרפאַסן, יאַוואָל! איך טו צו אינען קאָמען וועגן איינ זייער וויכטיקעס געשעפט, מײַנע אַבזיכט [9] איזט, זאָ צו זאָגן, געוועזען וואָרדען וואַר אינען דען... דאָס פאָר-שלאַג צו מאַכן, איך וואָלטע זאָגען, אינען די אָפּאָזיציאָן [10] צו מאַכן טון (עס הערן זיך טריט דרויסן).

---

1 רעקלאַמע-אַגענט.

2 פאַבריקאַנט.

3 צאָרעס-מאַכער.

4 יאָ.

5 צופרידן זיך מיט אײַך צו באַקענען, מײַן הער.

6 כאָטש.

7 דאָך.

8 כאָשעווער.

9 ווונטש, פאַרלאַנג.

10 פאָרשלאַג.

רעדאקטער.

(צום אגענט) אנטשולדיקט, מײַן הער! (צום מענעדזשער) באַלדמאַן! דאָס איז די יונגע פארשוינ צוריק... איך גיי אריין צו די זעצערס! (ער גייט ארויס דורך די טיר לינקס).

אגענט זוך.

וואס איזט דאס?! (ער זעצט זיך האסטיק אריבער אינ דעם רעדאקטערס שטול).

אכטע דערשײַנונג

פרײַלנ וואלענטינ צו די פאַבריקע.

(זי קומט אריין פארוויינט, מיט רויטע אויגנ, וועלכע זי האלט האלב פארדעקט מיט א טיכל, זי טוט זיך א זעץ אבידער אפ א שטול באם וואנט רעכטס, אינ וויינענדיקנ קאָל, צווישנ שליכצערס, ווערנדיק וואָס ווײַטער אלצ מער אופגערעגט).

פרײַלנ.

(מיינענדיק, אז דאָס איז דער רעדאקטער, זאָגט זי צום אגענט).

מײַנ הער! מיר איז סאָוועסטנע דאָס צו זאָגנ, אָבער אײַער ווײַב איז א ווערמע, א האניבאל, א ראגינע. (זי וויינט).

אגענט זוך.

אבער, ליבעס פרײַלנ!

פרײַלנ.

יע, אבערט נאָכ! (וויינענדיק נאָכ שטארקער) אזוי צו באליידיקנ א יונגע פערזאָנ! איר, א מאנ, קאָטאָרי וועלכער... צוצוזעענ, ווי מע מאכט פונ מיר אש אונ בלאָטע... (מיט קאס) מײַנ הער, איר זײַט אלייג א לומפ, א ניעגאָדיאי, א...א...

אגענט זוך.

פרײַלנ, וואס וואגענ זי מיר צו זאגענ? ווי אונטערשטעהענ[1] זי זיך צו אינסולטירנ[2] מײַנע פרוי? (צום מענעדזשער) ווי נענט מאנ זאָ וואס,[3] העי?

(ער שפרײַזט ארום איבערנ צימער).

מענעדזשער.

דאָס איז א טאָעס, הער זוך! (פאר זיך) אימ זאָגנ דעם עמעס, קענ מענ אויך ניט, וואָס וועט ער דענקענ פונ אונדזער רעדאקטער? (צו מיסטער זוך) די דאמע... דאמע איז א האָרעלע ניט באם זינענ... זי וויים ניט... וויים ניט, ווו זי איז...

פרײַלנ.

וואָס—עיי!? בינ שוינ בא אײַכ מעשוגע אויכ! איינער ערגער פאר דעם אנדערנ... א באנדע גאַלאָוועזנ... דארפ דאָס דער שלימאזל ארײַנפירנ א מענטשנ אינ אזא בלאָטע... (גייט ארויס וויינענדיק, מיטנ טיכל איבער די אויגנ).

---

1 וואגנ.

2 באליידיקנ.

3 ווי זאָל מענ דאָס אָנרופנ?

א ג ע נ ט ז ו כ.

(זייער אופגערעגט) איך בין ניכ-כט הירהער געקאָמען אום אינסולטירט ווער-דען... ווארדען צו זיין. פארשטייען זיי מיך? אדיע! (טוט א האק מיטן טיר ארויס-גייענדיק).

ר ע ד א ק ט ע ר.

(קומט צוריק; זוכ שרייט אים אריין אין פּנים „אדיע!" בייס ער גייט ארויס און זיי טרעפן זיך אין טיר) א שיינע בורעניגע, כ'לעבן! דער לענדלאָרד אין קאס, מיין ווייב אין קאס, די יונגע פארשוין אין קאס, דער מאן אין קאס, עפשער דער זע-צער אויך אין קאס און דער ארטיקל נאָך אלץ ניט געשריבן... מיין גאנצע הארץ וועל איך אויסלאָזן צו די רויטע...

מ ע נ ע ד ז ש ע ר.

(פארכמורעט) קעדייער אין רעדאקציעס קיין ליבעס ניט צו שפילן, הער קריץ!

ר ע ד א ק ט ע ר.

וואָס? וואָס זאָגט איר?

מ ע נ ע ד ז ש ע ר.

און אז מע האָט ראָמאנען, ברענגט מען די באטרעפנדע ניט אין די אָפיס... זעט מען זיך אנדערשוו[1]!

ר ע ד א ק ט ע ר.

וואָרום איר מיינט טאָקע...

מ ע נ ע ד ז ש ע ר.

אוואדע מיין איך... פארוואָס קומט קיינער צו מיר ניט...

ר ע ד א ק ט ע ר.

רעדט ניט אזוי הויך... מע קען אייך דאָ הערן... זייט איר מעשוגע? ער שרייט! מען קען הערן א מייל פונדאנען...

נ ײַ נ ט ע ד ע ר ש ײַ נ ו נ ג

לענדלאָרד ליסטער און פרוי קריץ.

פ ר ו י ק ר י ץ.

און איך האָב טאקע אלץ געהערט! האָב איידעס, מיין שיינער יונגער-מאנטשיק, קום אהיים! א ייִד מיט א באָרד און פייעס און...ווארט נאָר, ווארט!

מ ע נ ע ד ז ש ע ר.

מאכט ניט קיין ספעקטאקל, מאכט ניט, גייט בעסער אהיים, גייט, פרוי קריץ!

פ ר ו י ק ר י ץ.

קום, ליבהארציקער מאן מיינער, קום! וועל דיר שוין ווייזן; ווער עלטער איז, ווארט!

---

1 קאָנטאָר.

מענעדזשער.

(פאר זיך) מע ווייס, מע ווייס! א בלינדער קען דאָס זען...

פרוי קריץ.

וואָס בורטשעט איר דאָרטן אונטערן נאָז... אליין אויך א שיינער טאַכ-שיט! מע קען אייך... (דער רעדאקטער הויבט אָן צו גיין. פרוי קריץ אים נאָך).

מענעדזשער.

גיי אויך, איבערגעפירט א פיינעם דיל[1] בענעמאַנעס, וואָס טוט מען איצט?

לענדלאָרד.

מע צולט די רעיינט!

פאָרהאנג.

[1] א פיינעם געשעפט.

א כאַסענע און אַ לעווייַע

א פאַנטאַזיע אין צוויי בילדער

ערשטער בילד

די כאסענע

פּערזאָנען:

כאָסן־קאַלע — ארטור און עטל.
זײַנע עלטערן.
אירע עלטערן.
זײַן ברודער און זײַן שוועסטער.
זײַן פעטער און זײַן מומע.
געסט.
א גאסט און זײַן ווײַב.
צוויי פידלער.
דער גרויסער גאסט.
דער שעד.
די קאט-לעצאָנים.[1]

די סצענע. א פײַן דעקאָרירטער גרויסער זאל מיט קלענערע און גרעסערע טישן פאר צוויי און מער פּערזאָנען. א גאלעריע פאר די מוזיקאנטן. בא דרײַ קליינע טישלעך איבעם הינטערגרונט זיצן פאָרוויַיז כאָסן־קאַלע, זײַנע און אירע עלטערן.

I

אירע עלטערן

זי.
נו, געלויבט איז גאָט, א כאסענע א פײַנע האָבן מיר געפראוועט, האָלעוויַ ניט ערגער בא אונדזער מוזינקע, אין א גוטער שאָ...

ער.
כוץ וואָס ס'איז געווען איבער אונדזערע קויכעס.

---

1 כעווריע לייצים. דאָ געמיינט שיידים.

ז י.

גיב אהער א ווײַנטרויב. מאַמיד טראַכסטו וועגן דער הויצאָע. גיט מען אויס א טאָכטער, מוז מען זיך א קויעב אָנטאָן... (זי גייסט).

ע ר.

יע, פון לײַטנס וועגן, פאר די וועלט...

ז י.

געוויס, דו טוסט זיך אָן א פּאָר שיך גאָר טײַערע, א בעגעד און א הוט אפּן קאָפּ פאר לײַטנס וועגן. דו פארשאפסט זיך מעבל אין דײַן הויז פיל מער ווי דו באַדאַרפסט פאר דײַן הויזגעזינד, פון לײַטנס וועגן...

ע ר.

געוויס, נאָר א מאָס דארף זײַן; כאפסטו דיזע מאָס אריבער, קענסטו זײַן קאפוט, צופיל פון לײַטנס וועגן טאָן קען דיך פארפירן אין א זומפּ און די לײַט גליקלעכער ניט מאכן.

ש ע ד.

פאר די לײַט, די וועלט! פאר די וועלט, וועלכע וועט אומבארעמהארציק מישפּעטן דיך מאָרגן, ווען דו באַנקראָטירסט; אין דער דאָזיקער וועלט וועלן דאן די אלע זײַן, וואָס דאָ האָבן קלוימערשט פײַן געהוליעט, פײַן פארבראכט, וואָס דאָ האָבן זיך געשטאָפּט מיט פײַנע שפּײַזן, און געטרונקען אײַער ווײַן. און ניט בלויז פרעמדע געסט. אײַך מישפּעטן וועט דער מעכותן, די מעכותענעסטע, אפילע אײַער כאָסן-קאַלע, אײַער איידעם, אײַער אייגענע געליבטע טאָכטער לעב! ווער ווייס, עפּשער פארענדיקט איך אָטראָג איר דעם יאָנטעוודיקן טאָג.

ע ר.

דער אָרקעסטער מאכט א גוויסן ליארעם, קוים וואָס מע קען הערן, וואָס מע רעדט.

ז י.

יע, מע קען ניט אויסריידן א וואָרט.

ש ע ד.

באריידן אָבער מענטשן, דאָ און אומעטום, דארף זײַן ניט שווער.

II

דעם כאָסנס ברודער און שוועסטער

ע ר.

ווייסטו, ראָכעלע, מיר האָבן זיך, נאָך אלעמען גאָרניט שלעכט דאָ אמוזירט.[1]

ז י.

וואָס הייסט ניט שלעכט? עסן גוט און טרינקען איז עפּשער ניט שלעכט? איך וואָלט זיי געשאָנקען די מוזיק אינגאנצן...

1. אָנגעגעסן פּארבראכט.

ע ר.

און איך די לעכערלעכע לאנגע, פרומע דראָשע פון א קלוימערשט אופ־געקלערטן, יאלעוונ באלדארשער.

ז י.

און מיר, זעסטו, האָט די רעדע גראָד געפעלן... עטוואָס פון מאָראל קען זיכער ניט שאטן בא א כאסענע אינ אזעלכע צײַטנ, ווי די הײַנטיקע.

ע ר.

אָ, מאָראל, מאָראל! פרעג דעם אלטנ היפּאָקריט,[1] דעם פּרײַדיקער, ווי האָט ער אליינ געלעבט מיט זײַנ באשערטער? מײַנסט, ער ווייס אליינ ניט, אז די קלוימערשטיקע ליבע ביזנ טויט האלט בא א יונגער פּאָר ניט פיל לענגער ווי דעם טאָג, ווענ זיי ביידע הויבנ אָנ איינער דעם צווייטנ צו דערעסנ; ווענ ער אָדער זי באגעגנט אנ „אפּיניטי",[2] ניט פאר אונדז געדאכט.

ז י.

דו ביסט צו שטרענג! און צו פּעסימיסטיש. „קלוימערשטיקע ליבע"! גלויבסטו ניט, אז אונדזער פּאָר דאָ זײַנענ דורכ דער ליבע מאנ און ווײַב?

ע ר.

זי אים, ער איר? ווער פון זיי, קלערסטו, האָט וועמענ געליבט? ער איר, אָדער עפּשער גאָר זי אים? און פארוואָס זאָל ער זי ליבנ? זאָג מיר, אויב דו ווייסט, פאר וועלכע מײַסים־טויוויִם? אדעראבע, זאָג מיר, ראָכל!

ז י.

זי איז זיכער שיינ.

ע ר.

וואָס זאָגסטו?

ז י.

איך זאָג, זי איז שיינ.

ע ר.

געמאָלט?

ז י.

דו ביסט, ברודער, גאָר א ציניקער. זי האָט אפ זיכ גאָר קיינ שמינקע[3] ניט. און אירע עמעס־פּערלדיקע ציינער?

ע ר.

אירע ציינער?

ז י.

אירע, וועמעס דענ? גלויבסט ניט, אז א מיידל קאָנ דאָכ ציינער האָבנ?

ע ר.

ווער קענ וויסנ? עפּשער אירע, עפּשער אלע אירע, עפּשער עטלעכע פון זיי...

ז י.

גיי, גיי!

---

[1] צבוּעק.

[2] געמיינט א סימפּאטיע.

[3] פּודער, פּארב.

ע ר.

נו, א דייַגע מייַנע. לעבן וועט מיט איר אַרטיר אונדזוערער, ניט איך. ער וועט זען, ווי די צייַגער האַלטן נאַכטלעגער, אין מויל אָדער אַפּן פּאַליצע. לעכאַים, ליבע שוועסטער!

ש ע ד.

טרינקט, און אין דעם ווייַן דערטרינקט די קינע אייַערע, וואָס עסט אייַך אויף. איך קען אייַך, איר וואָלט וועלן באַכטאַן זיי און קענט ניט. קיינער וויל אייַך ניט. דו, ראָכל, קערסט זיך צו דייַן ברודער צו, און קלוימערשט פּראָטעסטירנדיק, אונטערשרייַבסטו זייַן געמיינע לאָשן-האָרע. ביידע קומט איר אַף דער כאַסענע דאָ אָפּ: דו, אָן ווערטער, ראָכל, ער אָן טראָפּ.

III

א ג א ס ט א ו ן ז ייַ ן ו ו ייַ ב

ע ר.

ווער איז יענע ייִדענע?

ז י.

וועלכע מיינסטו? מיטן הוילן רוקן?

ע ר.

יע, דעם שוואַרצן.

ז י.

האָסט א בייזע צונג אין מויל, זי טוט זיך אָן...

ע ר.

טוט זיך אויס...

ז י.

טוט זיך אָן, ווי זי פאַרשטייט.

ע ר.

איך זאָג, טוט זיך אויס.

ז י.

ווער הייסט דיר קוקן?

ע ר.

איינפאַך עקלדיק! א דאַרער, שוואַרצער רוקן אויסגעבלויזט און בא א פרוי שוין אין די יאָרן.

ז י.

איצט פאַרשטיי איך, שלעכט איז, וואָס זי איז ניט יונג. וואָלט זי ייִנגער בלויז געווען, וואָלט דיך, העגדי, דייַן געוויסן ווייניקער געקווערלט.[1] הא, הא!

ע ר.

דו ביסט אויך ניט בעסער. זע נאָר אָן דייַן פּראָנט... אָט דערפאַר נעמסטו זיך אָן פאַר איר, מייַן ווייַב!

---

1 געמוטשעט.

ז י.

עפשער בעסער, עפשער ערגער, גלויב דו מיר, איך קען איַיך, מענער...

ע ר.

איניקע פון אונדז, שײַנט מיר, קענען אײַך. אָט האלט א באָכער זײַנע אויגן אין דײַנע... דעקאָלטע ארײַנגעלאָזן, ליבסטע.

ז י.

אײַ שוד וואָרי![1] איך קען אים די אויגן ניט פארמאכן. לאָז ער קוקן, אויב דאָס מאכט אים שפאס... גיב אביסל ווײַן אהער!

ע ר.

אָ, דו ביסט א פײַנע סכוירע. כאסענעס, בעלער און באנקעטן זײַנען פאר אײַך אלעמען בלויז יארידן, ווו איר ברענגט די סכוירע אײַערע...

ז י.

שווײַג, שאט-אפ![2] דו ווערסט גראָב! דו מוזט שיקער זײַן, מײַן ליבער מאַן...

ע ר.

און ווער איז יענע יונגע פרוי, וואָס זיצט באם טישל דאָרט מיט דײַן קאָזען?[3]

ז י.

זאָל איך בײַטן פלעצער מיט זשאנעטן?

ע ר.

דו רעדסט קינדערײַען! אָבער ווער איז די זשאנעטע דײַנע? איז דאָס א פארברעכן צו ווערלן וויסן?

ז י.

היַינט ביסטו צו ציניש, וועל דיר מאָרגן זאָגן.

ש ע ד.

ניט מער ציניש איז ער היַינט. האָט בלויז היַינט מער געטרונקען און זײַן צונג איז לויזער. און דערפאר קומט אפן צונג ארויס איצט, וואָס ער האָט געוויינלעך אפן לונג. ווען ער איז אליין אפ טימכעס, טראָגט ער אויך קיין קלאפונעס[4] ניט אפ די אויגן. האָט ער עפעס פײַנט, דאן איז דאָס, אז זײַן ווײַב זאָל אפ כאסענעס און בעלער אירע סכוירע ברענגען נא-פאָקאז[5]. פאר אנדערע מאמזעלן[6] איז ער א מאָדערנער מענטש, קימאט גאָר א פאריזער.

---

1 א דײַגע מיר א גרויסע.

2 פארמאכ סימויל, ווער פארשטומט.

3 קוזען, שוועסטערקינד.

4 לעדערנע דעקלעך.

5 אפ אויסצושטעלן.

6 מיידלעך.

IV

דעמ כאָסנט פּעטער און מומע

ז י.

רייד ניט אזוי הויכ. באַמ צווייטנ טישל דאָרטנ זיצט א נעפּעש מיט אויס־געשטעלטע אויערנ...

ע ר.

וואָס זשע רייד איכ? גאָרנישט, וואָס איכ זאָג איז...

ז י.

אז דו רעדסט ניט, בעסער זאָג ניט. שווײַג! מאכסט א לעבנ באַ דײַנ רײַכנ שוואָגער, דארפסטו דאָס ניט פארגעסנ. גיב מיר בעסער נאָכ א זופּ פונ יענעמ ווײַנ.

ע ר.

אינ אונדזערע מעקוימעס...

ז י.

ווו איז דאָס?

ע ר.

איכ מיינ גאָר פּאָשעט, אינדערהיימ טרינקט מענ ניט אזעלכע טײַערע מאַש־קאָעס.

ז י.

אָט דערפאַר טאקע, דארפ מענ טרינקענ אנדערשווו, ווענ עס מאכט זיכ א געלעגנהײַט. גיב מיר עפּעס צומ פארבײַסנ.

ע ר.

א קלאל איז דאָ באַמ אוילעמ, אז מע נעמט ניט, האָט מענ ניט. מײַנ ברודער, זאָל ער לעבנ, האָט געהאט דעמ סייכל, אינ דער צײַט פונ מילכאָמע...

ז י.

ששש... קענסטו ניט אביסל שטילער האלטנ דײַנע דראָשעס...? אפנ סייכל לייגט זיכ מיר, דו האָסט געשנאָשקעט א האָרעלע צופיל.

ע ר.

לאָז זײַנ „שטילער“... ער, זאָג איכ, האָט דאנ געהאט סייכל אויסצונוצנ די מילכאָמע.

ז י.

נו, אונ דו? דו ניט?

ע ר.

איכ? צו שפּעט, אונ אינ א מאסשטאב א קלענערנ, מײַנ טײַערע. דו ווייסט דאָכ, וואָס איכ מיינ, הא?

ז י.

ווער זשע איז דיר שולדיק?

ע ר.

קיינער ניט. ער האָט טייכל מער געהאַט, אים האָט זיך אײַנגעגעבן. איינער גייט אין וואַלד, אַן אַנדערער אין לאָמבערײַארד.[1]

ז י.

איך, מיט זײַנע געלט, וואָלט אַ שידעך אַ פּיל בעסערן געטאָן.

ע ר.

נו, האָט אַרטור דיך גראָד ניט געפרעגט. אָבער גוטע ווײַן איז דאָ.

ז י.

טאָ טרינק און שווײַג. מיר וועלן געפינען צײַט צום ריידן אינדערהיים.

ש ע ד.

איר וועט ריידן און באַריידן אין די אייגענע פיר ווענט, פאַרקויפטע, העסלעכע נעשאָמעס. איר, וואָס האָט צו ביליק די נעשאָמעס אײַערע אפּגן מאַרק אויעקגעגעבן. דער מעכוטב איז קליגער פאַר אײַך ביידן, און ער איז שטיינרײַך, בײַס פאַר די אויירעס זײַנע זעט זיך ווײַניק-וואָס בײַ אײַך.

V

דער כאָסן און די קאַלע

ע ר.

עטעלע!

ז י.

וואָס, מײַן טײַערער.

ע ר.

גאָר... גאָרנישט, עטעלע.

ז י.

גאָרנישט, אַרטור ליבער?

ע ר.

ביסטו גליקלעך, עטעלע?

ז י.

דו פרעגסט נאָך?

ע ר.

דו ביסט געווען אַזוי פאַרטראַכט.

ז י.

ווילסט דעם עמעס וויסן?

ע ר.

טײַערע, וואָס איז?

ז י.

אָט-די צערעמאָניע לאַנגווײַלט מיך.

---

1 אַ סקלאַד פון געהילץ.

ער.

פארשטיי... מיך נאָך עפשער מער...

זי.

ס'איז ניט, וואָס דו מיינסט...

ער.

וואָס זשע דען?

זי.

די געסט, די אלע פרעמדע מענטשן, אָ, איך פיל, זיי זיינען פרעמדע, און זיי ווינטשן אונדז קיין גליק ניט.

ער.

וועלן מיר דאָס גליק שוין מוזן האָבן אָן די בראָכעס זייערע.

זי.

איך קען אלע מיינע כאווערטעס דאָ היינט, געוועזענע שול-פריינדינס... איי-ניקע פון זיי, מיינע פריינט, האָבן כאסענע געהאט צו פרי...

ער.

וואָס מיינסטו, עטעלע, דערמיט?

זי.

וואָס איך מיין? צו יונג, האָבן זיך ניט גוט פארשטאַנען אָפ די סכוירע, וואָס זיי האָבן איינגעהאנדלט...

שעד.

אך, די יונגקייט, וואָס פאר א כעסאָרן איז די אויגן פון אביסל א פארזע-מענע...

ער.

ווי דו דריקסט זיך אויס, מיין עטעלע! נו, גוט! און די אנדערע?

זי.

די אנדערע — צו שפעט. האָבן נעמען שוין געמוזט, וואָס האָט זיך גע-מאכט...

ער.

א דייגע דיינע!

זי.

מער ניט, ליבסטער, איך פיל... האָב איך דיר ניט איינגעריכט דיין שוכ מיט מיינעם, טייערער?

ער.

ניין, האלט דיין פוס... דו זאָגסט?

זי.

וואָס, טאקע, זאָג איך? יע, איך... פיל איך, הייסט עס, אז די פריינדינס אלע, סיי די יינגערע און סיי די עלטערע, מיר מיין גליק היינט ניט פאר-גינען...

ער.

ליבסטע... ווירקלעך?

ז י.

אָ, זיי האסן זיכער מיך. טיף אין הארצן האסן זיי אונדז ביידן.

ע ר.

דו, געליבטע, איבערטרײַבסט...

ז י.

איך קען זיי. מעקאנע זײַנען זיי אונדז אונדזער כאסענע, די מוזיק די פײַנע, די דעקאָראציעס, די געדעקטע טישן מיט די בלומען, ווײַן און די פרעכטיקע מײַכאָלים. נו, דו הערסט?

ע ר.

זיכער, הער איך.

ז י.

ווײַל מיר דוכט, דו קוקסט אהין, ווו די קליינע בערטא זיצט.

ש ע ד.

זי הויבט אָן גאָר באצײַטנס. דאָס, זעט איר, געפעלט מיר גראָד.

ע ר.

אירסט[1] דיך, ליבסטע, זיכער...

ז י.

האָט זיך מיר עס אָפגעדוכט אזוי... איך ווייס, מײַן טײַערער... דאָס איז גאנץ געוויס ניט... ווייסט, וואָס זיי שפּילן איצט?

ע ר.

דאכט זיך, א געוויסן מארש... וואָס, זאָגסטו, איז גאנץ געוויס...

ז י.

איך זאָג, עס איז גאנץ געוויס ניט שיין צו זאָגן, אָבער מיר שטייט די צערעמאָניע, מיט די פרײַנט, מיט אלעם מיט־אנאנדער שוין קימאט אין האלדז.

ע ר.

און מיר ניט? נו, נאָך א ווײַלינקע געדולד.

ש ע ד.

איך פארשטיי אײַך. ביידן אײַך איז ערגער דאָ, ווי אלעמען... צופרידן איז, אין טאָג, אין דעם גרויסן אוילעם קיינער ניט, און דו, קאלע, ביסט גערעכט: דו קענסט זיי דײַנע כאוועריטעס עפשער אזוי גוט, ווי איך; האָסט אויך קיין טאָעס ניט געהאט מעקויעך מיסטער ארטורס בליק, וואָס האָט צו בערטען זיך פארבלאָנדזשעט. פריִער אָדער שפּעטער וועט איר ביידע ווערן קליגער, און דאָס עפענען פון די אויגן וועט אײַך, ווי אמאָל דעם ערשטן מענטשן מיט זײַן ווײַב, קאָסטן טײַער אינעם גײַסט אײַך און אין לײַב.

---

1 האָסט א טאָעס.

VI

צוויי פידלער

ערשטער.

ענדלעך עסט מען! עסן ענדלעך אויך מיר! אָ, די גראָבע יונגען!

צווייטער.

וואָס ביסטו אזוי אין קאס?

ערשטער.

עקלען טוט מיר פאר דעם גאנצן אוילעם דאָ.

צווייטער.

זײַ ניט אופגערעגט, גיסט אויס די זופּ.

ערשטער.

אָ, דו ביסט א פידלער, ניט קיין קינסטלער, און דו, טײַערער, קענסט מיך ניט פארשטיין. דײַן פידל איז בא דיר א האק צום האקן האָלץ, צי א מעלקנדיקע קו. בא מיר איז מײַנע א באשעפעניש, א לעבעדיקע, מיט א נעשאָמע, מיט א הארץ...

צווייטער.

אָ, הערסטו? ווײַטער, ווײַטער רייד!

ערשטער.

דײַנע, פרײַנט, איך מיין, דײַן פידל ווערט ניט באליידיקט אזוי לײַכט, ווען זי רעדט צו גראָבע מענטשן, קיצלט זייער אויער, גיסט איר הארץ אויס פאר זיי, אין א טויזנט טענער צארטע, און זיי קנאקן ניסלעך, גריזשען עפּל, האקן מיט גאָפּל-מעסער אָן די טעלער, אָן די טאצן, אָן די גלעזער; שרײַען, ריידן, רײַבן שוועבעלעך; זיי רוקן שטולן, מישן בייס מיר שפּילן, בייס מײַן פידל, א פארקריפּטע, מאטערט זיך זיי צו געפעלן, מײַן קאָלעגע.

צווייטער.

וואָס גייט דיך דאָס אָן? ווועמעס דײַגע איז עס, צי מע הערט אונדז, צי מע הערט אונדז ניט?

ערשטער.

האָב געוווסט, דו וועסט מיך ניט פארשטיין! דו ביסט ניט קיין קינסטלער און דו שפּילסט ווי א פּיאנאָלא, א מעכאניזם, וואָס אים ארט ניט, צי מע קושט אים, צי מע שפּײַט אָפּ אים.

צווייטער.

ארט מיך טאקע ניט.

ערשטער.

געוויס ניט. דיך אַליין רירט ניט, ווען דײַן פידל וויינט, ווען זי שרײַט, ווען זי טרוימפּירט, אָדער ווען זי רעדט—רעטשיטאטיוו—דערציילנדיק איר סימכע, אָדער טרויער, זי און דו—איר זײַט נאָר צוויי, ניט איינייניציקער, ווי מײַן פידעלע און איך, זײַט אפילע ניט א פּאָר! מײַנע, ברודער, פילט א באליידיקונג, ווײַל זי איז—איך, מײַן נעשאָמע-אויסדרוק, מײַן געזאנגס-אינסטרו-

מענט, אונדז קען א גראָביאַן אין א פראַק, אין א ווײַסע העמד, מיט א גאָל־דענעם זייגער און קייט, מיט א פעטע קו באַם זײַט, אמאָל א הויכע, שטאָל־צע שוויצער־קו, מיט א פײַנע צאַרטע הויט, דאָך א גראָבע האַרץ—זיי קענען ניט פאַרשטיין אונדז, און, ברודערל, מיר לײַדן...

צוויי טער.

מיר עסן ניט, דאָס איז זיכער א קאַפּאָרע אלע פעטע קי פאַר מײַנע מינדסטע נעגעלע.

שעד.

יע, נעם און עס! אף דער וועלט שפּײַ מיט די קאַלעס און כאַסאַנים, מיט די מעכוטאָנים, געסט און אלע אנדערע שוואַרצ-יאָר. וואָס טויג איצט דער ריידן, ס׳וועט אמאָל נאָך ווערן ערגער, ליבער קינסטלער, א מאַשין וועט שפּילן און דער קלעזמער וועט זײַן א מאַשין, דאַן וועט זײַן א כאַסענע, אַן אַנדערע, מיט גליק, ווי עס איז געווען פאַלש ווי די, מיט א דאָר צוריק.

VII

ווידער אירע עלטערן

שעד.

הערסטו, גאָר אינגאַנצן זײַט פאַרשטומט איר. עסט איר אזויפיל, אָדער זײַט איר אזוי שטאַרק פאַרזאָרגט—צום באַנקראָט האָט איר נאָך דרײַ־פיר וואָכן, עפשער העלפט אויס דער מעכוטן, לאָמיך ווידער הערן עפּעס א גוט וואָרט פון אײַך.

ער.

פאַרשטומט איז די „מוזיקע". טאַקע צו מײַן האַרצן...

זי.

אימיצער וואָלט מיינען, דו ביסט אף דײַן קינדס לעווײַע, ניט אין גוטער שאָ צו ריידן, ניט אף איר כאַסענע. כוצדעם איז געווען די צײַט צום ריידן בײַס די מוזיקאַנטן האָבן נאָך געשפּילט, ניט ווען זיי עסן.

ער.

מע דאַרף ניט שרײַען. ריידן שאַדט ניט. אָבער וואָס איז דאָ צו ריידן? וואָלט געוואָלט עס זאָל א סאָף שוין נעמען. ראַק דײַנע פּוסטע גײַוועס! דער מע־כוטן איז געווען צופרידן, די קלעזמאָרים און די גאַנצע כאַסענע אף זיך צו נעמען, האָט דיר ניט געפּאַסט. און אײַנגעלאַדן האָט מען, צי מע דאַרף, צי ניט, א האַלבע שטאָט.

זי.

פאַרגעסטו אָבער די מאַטאָנעס, א קלײניקײַט אביסל!

ער.

איך פאַרגעס זיי גאָרניט. מיר, אין אָפיס[1]—מײַן קאַסירער מיטן בוכהאַל־טער און איך אליין האָב די פּראָצענטן אָפּגעשאַצט; די אלע וווּנדערבאַרע זאַכן צאָלן דעם זאַל און די מוזיק, גאָרניט קיין שלעכטער געשעפט, כ׳לעבן!

[1] קאַנטאָר.

ז י.

הייסט עס, דײַנע טאָכטערס גליק איז בא דיר בלויז א פראגע פון מע-זומען; צוגעלייגט אָדער געלט פארדינט. פארהייראט [1] גוט דײַן טאָכטער האָסטו יעדנפאלס.

ער.

שושקענען זיך איז ניט נייטיק מער. די מוזיקאנטן גייען ווידער שפילן. גוט פארהייראט? זאָגסטו? אז פארהייראט איז זי, ווייס איך. צי פארהייראט גוט, דאָס ווייסט איינער גאָט אין הימל.

ז י.

און פארוואָס ניט דו?

ער.

ארטור איז אריבער דרײַסיק. האָט שוין פיל אין זײַן לעבן דורכגעמאכט און גענוג גענאשט, איז מיט בערטא לעווינסאָן — דאָ אין האָל [2] — שוין פון לאנג באקאנט.

ז י.

איז וואָס?

ער.

איז פּאַשעט דאָס. בערטא איז א פרוי ניט פון די פײַנסטע.

ז י.

און פון וואנען ווייסטו דאָס?

ער.

מע הערט. מענטשן ריידן און מע הערט.

ז י.

ניט מע זעט, פילײַכט [3]...

ער.

וואָס, דו ביסט מיך כושעד?

ז י.

א מיידל ניט קיין פײַנע דארף דיר זײַן ניט אומבאקאנט.

ער.

רעדסט אומזיסט. יעדנפאלס איז ניט דער אָרט דאָ וועגן דעם צו ריידן.

ז י.

פריִער איז געווען, וואָרום ניט איצט?

ער.

דו הער בעסער, וואָס מע שפּילט.

ז י.

דו האָסט אָנגעהויבן.

---

[1] כאסענע געמאכט.

[2] א גרויסער זאל.

[3] עפשער.

שעד.

אופגעהערט אין צײַט. וואָס איר זענט הײַנט, וועלן זײַן די ליבע קינ־דער פֿריִער אָדער שפּעטער. אײַער אײדעם וועט ניט בעסער פֿארן שווער זײַן. און די טאָכטער וועט ניט ערגער זײַן, ווי די מאמע אירע, עפּשער אויך ניט בעסער, ווי די שוויגער. דאָס איז זיכער, סײַדן איך בין ניט קיין היגער.

VIII

דער גרויסער גאסט און די געסט

אלע.

ספּיטש! ספּיטש!! [1]

גרויסער גאסט.

גלויבט מיר, ליבע פֿרײַנט, איך האָב ניט וואָס צו זאָגן, אײַער גוטסקײַט איבעראַשט מיך.

אלע.

ספּיטש! א ספּיטש! א טאָוסט! [2]

גרויסער גאסט.

איר גוטע, שלעכטע לײַט, ווי איך זע, דריי איך זיך פֿון אײַערע ליבע הענט ניט ארויס. ווייס ווי אָפּצושאצן אזא קאָמפּלימענט. דאנק אײַך הארצלעך, פֿארן קאָוועד.

אלע.

הערט! הערט!

גרויסער גאסט.

אָבער וויסן מוזט איר, ליבע פֿרײַנט, זיכער פֿאל איך דורך.

אלע.

ניין, ניין!—אף דעם פֿאָלקס אכרײַיעס!—נעמען עס גאָר איינגאַבצן אַלצ אף זיך!

גרויסער גאסט.

(נעמט א גלאָז ווײַן אין האנט ארײַן) הערט-זשע, מײַנע ליבע, ווערטע [3] מעכו־טאָנים, כאָסן-קאַלע, קרויווים טײַערע און פֿרײַנט! מיר זײַנען דאָ צו פֿײַערן בא אונדזער יונגע פּאָר דעם שענסטן טאָג פֿון זייער לעבן... (אפּלאָדיסמענטן).

שעד.

וועלכער קען, פֿונדעסטוועגן, זיך אמאָל נאָך ווידערהוילן... [4]

גרויסער גאסט.

דיזער שייגער טאָג איז א טאָג, ווען זיי ווערן אייגנטלעך געבאָרן, ווײַל א מענטש איז ניט קיין מענטש—די יונגע פֿרײַלנט און די יונגע לײַט, וואָס

---

1 א רעדע.

2 טאָסט—א רעדע בא א גלאָז־ווײַן.

3 כאָשעווע.

4 זיך איבערכאזערן.

זײַנענ דאָ, וועלנ מיר פאַרצײַענ—זאָג איכ, ניט קיינ מענטש, אינ דעמ פולנ זינ פונ וואָרט, קאָלזמאַנ ער איז אָנ א לעבנס-כאַוער, אָנ א לעבנס-כאַווערטע. (אפלאָדיסמענטנ) הייסט דאָס, אז דעמ טאָג, ווענ אזעלכע קעגנזײַטיק, צערטלעכ-ליבנדיקע, צוויי יוגנטלעכע מענטשנ-קינדער גייענ, וואָלט איכ זאָגנ, אינ גאַ-ניידנ פונ דער ליבע, דורכ די פראָנט-טיר פונ הייראַטנ אַרײַנ... (אפלאָדיסמענטנ) ווערנ זיי ערשט אינ אנ עמעסנ געבאָרנ...

ש ע ד.

אָדער קאַנדידאַטנ פאַרנ געט-געריכט...

ג ר ו י ס ע ר ג א ס ט.

יע, אינ עמעסנ געבאָרנ. דאַנ, ערשט ווערנ זיי, וואָס די טוירע רופט „לע-באָסער עכאָד", „איינ פלייש", ווי מיר זאָגנ, צוויי, צונויפגעשמאָלצענע, צוויי צונויפגעגאָסנ אינ אייניינציקע פערזאָנ. (אפלאָדיסמענטנ)

ש ע ד.

ביזנ ערשטנ קריג, ווענ ביידע גייענ זיכ פאַנאַנדער אונ מיט צוויי פּאָר הענט רײַסנ זיכ די נעזער.

ג ר ו י ס ע ר ג א ס ט.

אָ, אינ אייניינציקע פערזאָנ, ליבע פרײַנט, אָבער ניט זיי אַליינ, ניט די מעכוטאָנימ אַליינ. מיר, דאָ אַלע, פילנ הײַנט זיכ אייניק אונ פאַרייניקט, ווי איינ האַרצ אונ איינ נעשאָמע מיט די יונגע טײַערע פאַרליבטע. (שטאַרקע אפלאָדיסמענטנ)

ש ע ד.

איבערהויפט... עפשער בערטא לעווינסאָנ מיט דעמ כאָסנ אונדזערנ. „אַלטע ליבע ראָסטעט ניט",[1] זאָגט דער דײַטש.

ג ר ו י ס ע ר ג א ס ט.

אונדזער אַלעמענס פולט קלאַפּט אינ איינקלאַנג מיט דעמ דויפעק פונ די האָכצײַט-קינדער, ווי זיי גייענ, האַנט אינ האַנט אונ האַרצ אינ האַרצ[2] אַרײַנ אינ לעבנ, צוויי פונ דאָס נײַע הײַנט געבאָרענע נעפאַשעס, אונ איכ טרינק אָפּ דאָס וואָלזײַנ, די געזונטהײַט, פונ די עלטערנ פונ ביידע צדאָדימ, פונ דעמ כאָסנ מיט דער קאַלע, פונ די קרויווימ זייערע אונ די גאַנצע נאָבעלע[3] גע-זעלשאַפט.

א ל ע.

אונ געזונט זאָל זײַנ דער רעדנער. (זיי אַפּלאָדירנ שטורמיש)

ג ר ו י ס ע ר ג א ס ט.

מײַנע ווערטע דאַמענ אונ הערנ, הערצלעכ דאַנק איכ!

(די פאַרזאַמלטע דריקנ איִמ די האַנט, מאַנכע[4] זאָגנ „יאַשער-קויעכ",[5] אַנדערע: „טענק יו",[6] אַנ אַלטע דאַמע כאַפּט זיכ איִמ קושנ).

---

1 זשאַווערט ניט.

2 כאָסנ-קאַלע.

3 איידעלע, געהויבענע.

4 אייניקע.

5 א דאַנק.

6 דאָס זעלביקע—אינ ענגליש.

ש ע ד.

ער האָט זיי צעוואַרמט. דאָס איז עמעס, אָבער קיינער האָט א פערטל וואָרט ניט פונ זײַנ ספּיטש געגלויבט. געוויס, ניט ער אליינ, ניט כאָסנ-קאַלע אונ ניט, ווענ זיי ניכטערנ זיכ אויס, אָט־די אלע.

IX

זײַנע עלטערנ

ז י.

מיר דוכט, דו ביסט געשלאָפנ ביזנ טאָוסט, ערשט דער רעדנער האָט דיכ אופגעוועקט.

ע ר.

וואָס־זשע ווילסטו, טײַערע? טאַקע אונדזער כאָסנ, אָבער לאַנגווײַליק איז דאָ געווענ גאָר אָנ א שיר, אונ די „געטלעכע מוזיק"! דאָס שלעפּערט אײַנ אונדזער איינעמ א געשעפטסמאַנ, ווי דײַנ מאַנ.

ז י.

טאָ פאַרוואָס האָסטו א וואָרט ניט אויסגערעדט מיט דײַנ ווײַב?

ע ר.

וואָס ווילסטו זאָל איכ ריידנ? בינ א פּראָסטער ביזנעסמאַנ,[1] איכ מאַכ קיינ קאָמפּלימענטנ ניט אונ זאָג קיינ ליגנס ניט, סײַדנ עפּשער אינ געשעפט...

ז י.

אַביסל שטילער רייד.

ע ר.

ווייסטו וואָס איכ קלער? דער מעכוטנ איז מעכולע[2] אונ ער רעכנט, קלער איכ, אפ מײַנ הילפ.

ז י.

אונ דו? וועסט אימ אונטערטראָגנ?

ע ר.

ניט בא מאָטיענ! אינ געשעפט זײַנענ ניט פאַראַנ קיינ מעכוטאָנימ. האַנדל־שאַפט, זאָגט דער דײַטש, איז ניט קיינ ברודערשאַפט. אײַ, מײַנ זונס־שי־דוכימ!

ז י.

צווישנ זיכ גערעדט האָט דײַנ זונ אינ איר פאַרליבט זיכ, ניט זי אינ אימ.

ע ר.

פאַרליבט זיכ? ווי פיל מאָל קענ מענ זיכ פאַרליבנ?

ז י.

דאַרפסט דאָס בעסער וויסנ. איכ בינ א יונגע קינד געווענ, ווענ איכ האָב דיכ גענומענ.

---

1 געשעפטסמאַנ.

2 ע איז געענדיקט, געמיינט ער ווערט א קאַפּצנ.

ע ר.

יעדנפאלס, בין איך היינט א ביזנעסמאנ און איך זאָג דיר שוינ: ער קריגט, דער מעכוטנ, ניט א רויטנ סענט בא מיר. אפ דעם שידעך האָב איך קיינ כאראָטע ניט. אָפגעטאָנ... נו, איז פארפאלנ. כאראָטע, ווייסטו דאָך, מײַנ ווײַב, איז קיינמאָל ניט געווענ מײַסטע סויכער. זע, דער אוילעם גייט זיך שוינ פאנאנדער.

(אלע זעגענענ זיך).

ש ע ד.

זיכער איז, אז איר צוויי אלטע וועט שוינביידע אויסלעבנ די יאָרנ, ווי א באָבע און א זיידע. עפשער פריילעכער, ווי אפ דער כאסענע דאָ היינט, צווישנ אזויפיל טײַערע און ליבע געסט, וועלכע עסנ, ווי זיי קענענ, געררנ קעסט, מאכנ אומעטום א „מויצע״,[1] ווו ס׳איז דאָ א כאלע, צי בא א מאזלטאָוו, אָדער בא א כאָסנ-קאלע.

ק א ט ל ע צ אָ נ י מ.

קומט וואכמאָנים בניי ראכמאָנים,
זיפצט זיך אָפּ מיט די מעכוטאָנים,
געגעצט מיט אונדז—קאט-לעצאָנים—
מיטנ הויזגעזינד פונ טײַוול;
זיפצעט, געגעצט אײַער בראָכע,
פאר די קאלע, איר מישפּאָכע,
בייס זי ווערט א יונגע ווײַבל,
טוט צוריק אָנ שווארצע שיך
און געזעגנט זיך—מיט זיך.

[1] מאכנ א „מויצע״—געמיינט אָפּעסנ (א מויצע—אזא בראָכע, וואָס פרומע יידנ מאכנ בייס זיי נעמענ זיך עסנ).

צווייטער בילד.

די לעווייַע

פערזאָנען:

זייַן זון און זייַן טאָכטער.
זייַן פעטער און זייַן מומע.
צוויי רייַכע פרייַנט.
דער קאברען און זייַן פורמאַן.
דער כאזן און דער שאמעס.
א יינגעלע און א מיידעלע.
צוויי ארבעטער.
דער קנעכט און דער הונט.
דער שעד.
די קאט-לעצאָנים.

די סצענע: (דער אריינגאנג צום בעסוילעם.—עס זעען זיך פון ביידע זייטן פארשיידענע אָפטיילונגען: די „קארקע“[1] פון אלערליי כעוורעס און נאציאָנאלע אָר־גאניזאציעס, יעדע מיט א באזונדער „גייט“ (טויער), וואָס פירט צו די שורעס פון קיוואָרימ).

I

צוויי רייַכע פרייַנט

ערשטער.

אוי, איינגאנצן איז ער קנאפע זעכציק יאָר געוועזן אלט... אָ, שרעקלעך, שרעקלעך! בא מייַן יידישקייַט.

צווייטער.

און שרעקלעך איז דערפאר קיין וואָרט ניט! ערשט א וואָך צוריק האָב איך אים געזען. ווי טייכלדיק האָט ער גערעדט! וואָס פאר א געזעצטקייַט! וואָסער א מויעך!

ערשטער.

און א מעבל-פאבריקאנט, פונדערהיים א פראָסטער סטאָליער...

---

1 דאָס קייווער-פלאַץ.

צ ווי י ט ע ר.

שנעל האָט ער ארופגעארבעט זיך און איז געשטאָרבן א גוויר־אָצום[1] היינט. וואָס האָב איך אייך אָנגעהויבן צו דערציילן? יע, איז ווען איך האָב אים דאָן צום לעצטן מאָל געזען, האָט ער גערעדט טאקע וועגן זיינע טראָבלס.[2] אָ, ווי קלוג! ער האָט קלאָר באוויזן, ווי פארברעכעריש לעבן זיך און ווייב און קינדער, שוין גאָרניט ריידנדיק מיקויעך אים, דעם באָס.[3] אליין, די סטרייקערס האנדלען. שניידן, מאכט ער, מיר אין בעגעד, זיך אין פלייש. די נארן, מאכט ער, פרעג זיי, וואָס זיי ווילן, מאכט ער, וואָס פארלאנגען זיי?... זאָל איך, זאָגט ער, זיי מיין אייגנס, מיין פארמעגן, זיי מיין גאנצן רעווער, מאכט ער, געבן? און אָט איז ער טויט! ווי ניט געוועזן אף דער וועלט.

ע ר ש ט ע ר.

ניט צום זינדיקן מיט די רייד אזוינע, עפעס ווי אף א מין סטרייק גייט ארויס אזא נעשאָמע! עפעס אזוי האסטיק, דיר גיט, מיר ניט, מיטאמאָל!

צ ווי י ט ע ר.

מיטאמאָל וואָלט איך ניט זאָגן. ער, מיין פריינט, האָט קיינמאָל ניט געהיט זיך, ניט א האָר... ניט אין עסן, ניט אין טרינקען האָט ער ניט געוווסט, וואָס א מאָס הייסט. „טרינקסט צופיל", זאָג איך, „זיי פאָרזיכטיק"; און ער, „ניש-קאָשע", מאכט ער, „נאָך א גלעזעלע פון אזא ווייַן מעג", מאכט ער, „געמען אפילע א קימפעטאָרן", מאכט ער, „וועט איר גיין אין קריפט"... היינט טו-וואָס מיט אזוינעם, מויכל זאָל ער מיר זיין.

ע ר ש ט ע ר.

נו, אָט איך, זעט איר, גיין שוין ווידער גאָר אן אנדער מענטש.

צ ווי י ט ע ר.

אייך קען איך. ווייסט איר? דאָס טויג אויך ניט. זאָגט דער אוילעם: אלץ וואָס צ ו איז אומגעזונט. גלויבט מיר, מיין פריינט, דער אוילעם איז שוין גאָר קיין גוילעם ניט. וואָס דארפט איר מער? אָט מיינער א באקאַנ-טער האָט זיך אויך צו פיל געהיט, האָט מער ווי איינ מאָל אין א מיטן וואָך אָפגעריכט א טאָנעס. אָט אזוי, אשטייגער, רייניק איך דעם מאָגן! היינט שפא-צירן טעגלעך מיילן ווייט, און געבאָדן זיך עפטער, ווי א כאָסיד גייט אין מיקווע, און געמאכט, לעהאוודל,[4] ווי א פאָרעץ, אלערליי גימנאסטיקע. מאלע וואָס? און ער איז, ניט פאר אייך געדאכט, מיטאמאָל אוועק פון דער וועלט צוריק מיט דריי כאדאָשים, ווי א פייער וואָלט פארברענט אים.

ע ר ש ט ע ר.

נו, ראכמאָנע ליצלאָן,[5] אלץ פאסירט, קעדייער לעכאָל-האדייעס,[6] איז צו היטן זיך, דאָס איז מיין קלאל.

---

1 א גרויסער גוויר.

2 צאָרעס, זאָרג.

3 באלעבאָס.

4 ניט געגליכן.

5 גאָט זאָל אונדז אָפהיטן.

6 לויט אלעמענס מיינונג.

צווייטער.

עפשער זײַט איר אויך גערעכט: מע קען דען אין דעריין ארײַנקריכן? עס איז א גאָט-זאך! אויסזען זעט איר, קיין אײַנאָרע, פײַן אויס.

ערשטער.

דאנק אײַך, פרײַנט, האלעווײַ ווײַטער, און איר? אײַך פעלט אויך, געלויבט איז גאָט, ניט קיין געזונט. נו, א גוטן! טרעפן זאָלן מיר אף סימכעס זיך. זײַט געזונט, מײַן פרײַנט!

צווייטער.

גייט געזונטערהייט!

שעד.

און דאָס זײַנען דעם געשטאָרבענעמס צוויי גוטע פרײַנט, צוויי פון די בעסטע! קומען זיי דאָס אים באגלייטן צו זײַן אייביקער עמעסער רו, די היפאָקריטן! יענער איז געשטאָרבן און זיי פאטשן זיך אין די בײַכער: זיי לעבן! גוט איז אפן הארצן זיי, זיי זײַנען די קלוגע. ער, דער טויטער, איז דער נאַר, עפשער גאָר מעשוגע!

II

זײַן זון און זײַן טאָכטער

ער.

וויין ניט, שוועסטער מײַנע, וואָס קען אים דאָס ווײנען העלפן? דאָס איז אונדזער סאָף פאר אלעמען. ווער אביסל פריִער, ווער אביסל שפעטער... נו, גענוג שוין, מאליע! איז ער ניט געווען דען מײַנער אויך א פאָטער? איז מײַן הארץ ניט אויך צעבראָכן? אָבער וואָס איז דאָ צו טאָן? פונעם טויט קען קיינער ניט אנטלויפן, קינד, און דער לעבעדיקער—ער מוז לעבן, צי ער וויל, צי ניט...

שעד.

און ער וויל! און ווי נאָך וויל ער? איבערהויפט, ווען א בעקאָוועדיקע יערושע איז א זיכערע דערוואַרטונג, אוי, וועט מען דאָס אביסל א לעב טאָן! קוים באדעקט די ערד דעם אלטן און אָקן א וואָך דרײַ אים דאָרט באדעקט געהאלטן.

ער.

נו, גענוג, מײַן שוועסטער, לאָז שוין זײַן גענוג.

זי.

לאָז מיר וויינען, בערנארד, גוט איז דיר א מאנסביל... לײַכט צו ריידן, אז איך וויין ניט, פלאצט מײַן הארץ אין מיר...

שעד.

נו, דאָס איז נעענטער שוין צום עמעס. צו פארהיטן, אז דאָס אייגן הערצעלע, דאָס טײַערע זאָל ניט כאָלילע פלאצן, וויינט מען; ניט סטאַם נאָך א טויטן טאַטן.

ע ר.

ווייסטו, מאליע, איכ האָב גאָר אָנ אָנקל[1] שטיינ, אונדזער גוטנ פעטער שטיינ, פארגעסנ, בייס איכ האָב די קערעדושעס[2] געאָרדערט.

ש ע ד.

שאדט ניט, אָנ אזא עווינע צו פארגעסנ איז נאטירלעכ, צי ער איז א קאָ-רעוו אָדער ניט.

ז י.

אוי וויי, אוי וויי, דארפ דער אומגליק טרעפנ גראָד א כוידעש פאר מייַנ כאסענע! אוי וויי, אוי וויי!

ש ע ד.

א גרויסע, גרויסע אוולע! האָט ער ווארטנ ניט געקענט כאָטש נאָכ פיר וואָכנ. נייַנ, די טויטע האָבנ גאָר קיינ גאָט אינ הארצנ ניט און האָבנ קיינמאָל ניט געהאט.

ז י.

וואָס מאכט, ווער ווייס, די מאמע?

ע ר.

זי איז געבליבנ אינדערהיימ. ניט געלאָזנ האָט איר גיינ דער דאָקטער.

ז י.

איז זי טאקע ניט געזונט?

ע ר.

דו פרעגסט נאָכ? אָבער ווייַנ ניט, זאָל זייַנ גענוג—איז כאָלילע ניט געפער-לעכ, אָבער קרענקלעכ!

ז י.

בייזע צינגער וועלנ איר באריידנ...

ע ר.

רעדסט און וויינסט, זאָג מיר, וואָס דו מיינסט...

ז י.

די שטאָט ווייס, אז דער פאָטער מיט דער מוטער האָבנ ניט גע...

ע ר.

ניט געשטימט? נו, מאלע וואָס? קינד...

ז י.

און די ריידערייַ גראָד פאר מייַנ... אוי, וואָס רייד איכ? וויי, אוי, וויי איז מיר...

ע ר.

מיינסט דייַנ כאסענע וועט מוזנ ווערנ אָפגעלייגט, נו געוויס.

ז י.

אָ, ליבער גאָט, וואָס וועט ווערנ איצט פונ מיר.

---

1 פעטער.

2 קארעטנ, אווטאָמאָבילנ.

שעד.

פארשטײ! קענ זײַנ ער האָט ניט קײנ צאוואָע נאָכגעלאָזנ אונ דער ברור־דער איז קײנ ראכ־לעוו[1] ניט. עפשער ווערט דעמ כאָסנס ליבע (ווענ דער נאדנ איז ניט דאָס, וואָס ער האָט דערוואַרטעט אונ דערצו ווערט נאָכ די כאסענע אויכ אָפּגעלײגט) שטארק אָפּגעקילט... טאָ זאָגט טאקע דער באדכענ: וויינ־ישע קאלע, ווײנ—גענוג פאראנ כאסאנימ—טרײסט דער שאדכענ!

III

זײַנ פעטער אונ זײַנ מומע.

ער.

אָפּגעלעבט א לעבנ, אונ א שײנעמ לעבנ דאפקע, פול געהאבעוועט,[2] אָבער צדאָקע אויכ געגעבנ. מײַסע גוויר געלעבט, אונ מײַסע גוויר איז ער זיכ גע־שטאָרבנ! אונ דאָס לעבנ זײַנער ווי א שאָטנ, וואָס פארגײט, ווענ קײנ ליכט איז ניטאָ מער; ווי א פױגעלע, וואָס פליט ווײַט אוועק אינ די מערכאָקימ;[3] ווי א כאָלעמ, צי א שײנער, צי א מיִעסער, וואָס פארגײט. נאָר דערווײַל... דו ווײנסט זיכ שטילערהײט, מײַנ צעטראָגענע, געפּלאָגטע אלטיטשקע, ווײנ, מײַנ ווײַב, אָבער דו בארעכנ נאָר, מיר בײדע—דו איבער זעכציק, איכ נאָכ א פּאָר יאָר עלטער, אונ, געלויבט האשעמ ייִסבאָרעכ, לעבנ מיר גאָכ הײַנט. אָרעמ אלע יאָרנ, ניט דערעסנ, ניט דערטרונקענ, ניט דערשלאָפנ, זאט מיט דײַגעס נאָכא־נאנד, דײַגעס פאר פּארנאָסע, דורכגעשטופּט א לעבנ, אָבער ווי דאָס זאָל ניט זײַנ, אָט האָבנ מיר ניט ווײניק מענטשנ ייִנגערע אונ רײַכערע אונ אסאכ גע־זינטערע אפ דעמ וועג מעלאָווע[4] שױנ געוועגנ. א גאָט-זאכ, אלטינקע, א גאָט-זאכ. נו, ווײנ זיכ אויס! עפשער וועסטו נאָכ דערלעבנ צײַטנ בעסערע. האָב געטראָפנ נעכטנ, גײענדיק אינ שול, מיסטער ליוויִער, דעמ לאָיער[5] זײַנעמ אונ ער האָט צו מיר אזוי צוגעשמײכלט, אז איכ האָב פארשטאנענ...

זי.

וואָס האָסטו פארשטאנענ?

ער.

אז אינ דער צאוואָע זײַנער...

זי.

האָט ער טאקע א צאוואָע נאָכגעלאָזנ? הא?

ער.

אזוי פארשטײ איכ, אונ, מאשמאָעס, האָט ער אונדז—זײַנ אלטנ פעטער אונ זײַנ מומע ניט פארגעסנ.

---

1 א ווײכהארציקער, א גוטער.

2 געקליבנ רײַכקײַט.

3 אינ ווײַטע ערטער.

4 באגלײט אפ יענער וועלט.

5 אדוואָקאט.

ז י.

אוי, א דאנק, גאָטעניו, דיר!

ע ר.

און געלויבט זײַנ הייליקער נאָמענ!

ז י.

עפּשער אפּ דער עלטער, וועל איכ זיכ צו א קארפּעטל [1] אינ עסצימער דער-שלאָגנ. און א בײַער טיש וואָלט ניט געשאט, און דעמ הענגלײַכטער דעמ מעשענעמ וואָלט איכ, דעמ פּארזעצטנ, אויסגעלייזט. אָ, דאָכ א יערושע פּונעמ זיידנ, אונדז צו לאנגע יאָר, אָ! איכ זינדיק אונטער! אוי וויי, אוי וויי, איז מיר! וואָס פּאר א רייד, פּאר זינדיקע!

ש ע ד.

קיינ סאקאָנעס ניט! טרערנ עמעסע האָסטו נאָכ אימ פּארגאָסנ, ביז דו האָסט ניט אינ זײַנ טויט דײַנ נוצ דערזענ; וואָלט ער א געבראָכענער גע-שטאָרבנ, וואָלסטו בלויז זיכ מיט די יאָרנ דײַנע, וועלכע שטײַגנ מיט א טוצ אריבער דײַנ פּלימעניקס יאָרנ, נאָר געפּרייט. געוויינט וואָלסטו אפּילע דעמלט, ווײַל בא דיר איז וויינענ ניט קיינ שלעכטער צײַט-פּארטרײַב. איז ער אָבער רײַכ געשטאָרבנ און אלס קלוגער מענטש האָט ער געלאָזנ א צאוואָע, וואָס פּונ איר ווײסטו אויכ האָבנ האנאָע.

IV

דער קאברענ און זײַנ פּורמאנ

(אפּנ בעסוילעמ)

ק א ב ר ע נ.

הייסט עס, נײַנצנ קערידזשעט גענומענ?

פּ ו ר מ א נ.

נײַנצנ אויטאָס.

ק א ב ר ע נ.

נו, באטירלעכ, אויטאָס, קענ זיכ פּונ די אלטע נעמענ אלצ ניט אָפּגעוווי-נענ. הייסט עס, נײַנצנ, האָט געקענט זיכ דאָס פּארגינענ. רײַכ ווי קורעכ איז ער דאָכ געשטאָרבנ. א לעווײַע, ברודערל, א פּיטש! [2] געווענ א מעכײַע אָנ-צוזענ. אלצ מיט א פּולע האנט, אלצ מײַסע-גוויר. בלומענ פּונ די רײַכסטע, האָט געמוזט אנ אייגנס קאָסטנ, און וואָס ניט... זאָג מיר נאָר, העריס, האָט ער ניט געפּרעגט קיינ פּרײַז?

פּ ו ר מ א נ.

וואָס, פּאר די עקסטרא אויטאָס?

ק א ב ר ע נ.

יע.

---

1 א טעפּיכ.

2 פּערשקע (געמיינט „אנ אויסגאמ״).

פורמאַנ.

איר מיינט, דער זונ?

קאַברענ.

נו, זיכער ניט דער באַרמינענ.[1]

פורמאַנ.

נייִנ, גאָרניט. מעגט אימ שיקנ א געזונטנ, אָנגעפּויזטנ ביל,[2] ער וועט באַצאָלנ.

קאַברענ.

יע, איכ הער, דער זונ איז ניט דער טאַטע.

פורמאַנ.

שפּענט[3] געלט, רעכטס אונ לינקס. ניט דאַפקע אפ לעוויִעס.

קאַברענ.

ווער האָט דיר געזאָגט?

פורמאַנ.

דער שאָפער זײַנער.

קאַברענ.

הערסטו?

פורמאַנ.

שטעלט זיכ איצט ארויס, אז אָט-דער זינדעלע האָט אויסגעהאַלטנ דרײַ כאָריסטקעס.

קאַברענ.

איינע נאָכ די אנדערע?

פורמאַנ.

ווער קאָנ זיי וויסנ, עפּשער טאַקע מיט אַלע מיטאמאָל. דער טאַטע, הער איכ, האָט אויכ קיינ האַפּסאָקעס ניט געפּאַסט,[4] ווענ ער איז אָפּט פונדערהיימ געווענ אוועק.

קאַברענ.

דאָס האָט דיר אויכ דער שאָפער זײַנער...

פורמאַנ.

יע, דערציילט, מיט אַלע פּיטשעווקעס, מעגט איר מיר גלויבנ.

קאַברענ.

הערסטו, אדעראבע, נו, דערצייל טאַקע.

פורמאַנ.

ער, דער אַלטער, זאָגט ער, איז געווענ א לאַנגע צײַט פארליבט אינ די ווײַבס א גוטער פרײַנדינ, א פארהייראטע יונגע פרוי...

קאַברענ.

אזוי?

---

[1] דער פארשטאָרבענער.

[2] א רעכענונג.

[3] צעטרענצלט.

[4] ניט געהונגערט. דאָ געמיינט — צו טאָג געהאט מיט פרויענ.

פ ו ר מ א נ.

אונ דאָס איז ניט געווענ קיינ, וואָס איך וואָלט רופנ, אומשולדיקע ליבע.

ק א ב ר ע נ.

הערסטו, ווײַטער, ווײַטער.

פ ו ר מ א נ.

האָט דאָס אָנגעהאַלטנ ביז דער אַלטער האָט איינ טאָג אַנ אויג געוואָרפנ אפ א יונגער שיינער מיידל אינ זײַנ פעקטאָרי,[1] אָדער אינ זײַנ אָפיס. האָט זיך די געליבטע זײַנע פונדערפונ דערוווּסט, איז זי אינ א גרימצאָרנ, ווי עס שײַנט, אַרײַנ, אונ דער סקאַנדאַל האָט אויסגעפּלאַצט.

ק א ב ר ע נ.

אײַ, אײַ, אײַ!

פ ו ר מ א נ.

איז דער גאַנצער אײַסעק דערגאַנגענ צו דער אַלטער.

ק א ב ר ע נ.

נו, פאַרשטיי איך, ווי דאָס קומט, אַז די אַלמאָנע איז געוואָרנ מיטאַמאָל צו קראַנק צו זײַנ באַם מאַנס לעווײַע, דאָס האָט, מינאַסטאַם, גאָרניט לאַנג פּאַסירט?

פ ו ר מ א נ.

ווענ די מיסעס, מיינט איר, איז געוואָר־געוואָרנ?

ק א ב ר ע נ.

נו, אַוואַדע.

פ ו ר מ א נ.

יע, ערשט מיט א פּאָר וואָכנ צוריק כאַדאָשים—דאָס געדענק איך ניט—צוריק.

ק א ב ר ע נ.

וועסט־מיר שפּעטער מער דערציילנ. מע גייט מאַכנ איל מאָלע ראַכמים,[2] גיינ?

פ ו ר מ א נ.

איך גיי צו מײַנ מאַשינ.

ש ע ד.

איר, קאַבראָנים, אַמוזירט זיך אפ א שטייגער דאָ. איר אַליינ באַגראָבט גאָרניט די טויטע. אײַער אײַסעק איז זיי ברענגענ צו דער קווורע, זיי באַריידנ, איידער זייער קיווער איז באַרייט[3] צו פאַרשלינגענ זיי. אַלע אַמוזירט זיך איר דאָ אפנ בייס־האַקוואָרעס. ערנסטקײַט אונ עמעס טויגנ ווירקלעך אפ קאַפּאָרעס.

---

1 פאַבריק.

2 א טפילע נאָכ א טויטנ.

3 איז גרייט.

קאַט-לעצאָנימ.

לאָמיר טאנצנ, לאָמיר שפּרינגענ,
דאָ ארומ די קוואָרימ;
לאָמיר שפּרינגענ, לאָמיר זינגענ,
מענטשנ לאָזנ,
שויפער בלאָזנ,
טקיִע, טרוִע, שוואָרימ,[1]
בייס מיר טאנצנ אונ מיר זינגענ,
בייס מיר זינגענ אונ מיר שפּרינגענ
דאָ ארומ די קוואָרימ.

V

דער כאזנ אונ דער שאמעס

כאזנ.
אָפּגעפּראַוועט נאָכ א קצינישע[2] לעוויִע! פּיל לעוויִעס היינט געווענ דאָ, אָבער אלע אָרעמע. אנ אָרעמע לעוויִע איז א שרעקלעכע, מוירעדיקע זאכ. קאבצאָנימ, זעט איר, ווייִנענ אָפּט מיט טרערנ עמעסע אונ ביטערע, האָבנ ניט קיינ פּניִעס זייִטיקע, טראכטנ וועגנ קיינ יערושעס ניט אונ זיי באווייִנענ דעמ געשטאָרבענעמ טאקע אפּ אנ עמעס.

שאמעס.
ווערטער גילדערנע האָט איר, הער קאנטאראָוויטש, דאָ ארויסגערעדט. מייִנ קלאל איז: ווייִנענ זאָל מענ זיכ בא די עווייִנימ לערנענ.

שעד.
שווערנ זאָלט איר ניט דערופּ, ראַבויסיי! אָט איז היינט אהער געבראכט געוואָרנ א געשטאָרבענער, פּונ יאָרנ שוינ א טויטער עוויִענ, א פּאמיליענ-פּאָטער, וואָס די פּאמיליע זייִנע האָט אימ לאנג שוינ גיט געהאלטנ פּאר א פּאָטער, גיכער פּאר א שטער אינ יעדנס וועג, אונ מע האָט דעמ זעכציק-יאָריקנ באקלאָגט, אָבער אינ די הערצער האָט איר לייענענ געזאָלט. ווייִנענדיק האָט אייג טאָכטער טיפּ אינ דער ברוסט געזאָגט: „אראָפּ א שווערע לאסט פּונ די פּלייצעס מייִנע, עמעס, ער האָט אונדז בעדאלעס ניט געשטעלט: מישטיינס געזאָגט, וויפּל מייִנ מאנ, מייִנ פּארדינער, דער גרויסער, האָט געקענט זיכ לאָזנ קאָסטנ, אָבער גאָט ווייס, ער איז פּאָרט א לאסט אפּנ רוקנ אונדזערנ געווענ". — די צווייטע טאָכטער, וואָס בא איר האָט ער געווינט, האָט ווייִנענדיק אינ דער שפּראכ אָנ ווערטער קלאָר געזאָגט: „גראמער וועלנ מיר אביסל ענדלעכ לעבנ. איינס אפּ דעמ אנדערנ געוואלגערט האָבנ מיר זיכ זאלבע־זיבעט אינ פּיר קליינע צימערלעכ. אונ דער טאטע דאָ אינמיטנ, טאקע שווער געווענ".

---

1 פּארשיידענע מינימ קלאנגענ באמ שויפער־בלאָזנ.
2 א גווירישע.

און אָט האָט יעדער ווײַנענדיק א באָרוכ שעפּאָטראַני [1] אפ זײַנ קײוער דאָ גע־ מאכט. אפילע די, וואָס האָבנ קײנמאָל ניט געגעבנ אימ א סענט, האָבנ דאפקע דאָס געהאט, אינ גרונט הארצנ, אפ דעמ שווער־באלאָדענעמ געוויסנ און דער־ פונ האָט דער טויט פונ דעמ אלטנ הײַנט באפרײַט. צווישנ טרערנ לעז איכ: ס׳איז שוינ לאנג געווענ צײַט.

כאזנ.

וואָס האָט איר געזאָגט?

שאמעס.

געוואָלט האָב איכ וואָט זאָגנ, איכ געדענק אָבער ניט וואָס... אָ, יע, איר ווייסט, אײַער „אייל מאָלע ראכמימ” איז געווענ א פײַנע שטיקל ארבעט...

שעד.

פאר א כאָשעווע מאטבײע.

כאזנ.

ווי געפעלט אײַכ דעמ זונס קאדעש? ניט א ברעקל איוורע גאנצע פונ אָנהייב ביזנ סאָפ.

שאמעס.

און דאָס האָט ער נאָכגעזאָגט, ווי איכ האָב אימ פאָרגעזאָגט.

כאזנ.

א גראָבער יונג פארבלײַבט עס, וויפל געלט ער זאָל ניט יארשענענ.

שעד.

איצט גייט ביידע איר, צופרידענע אהיימ — און איר דארפט ניט האלטנ עס געהיימ.

VI

א ייִנגעלע און א מיידעלע

זי.

ווייסטו ווו איכ וווינ? דאָ ארופצו, ניט ווײַט, מאכט מאצייוועס שטיי־ נערנע, מײַנ אלטער פאָטער, און ער קריצט די אויסיעס אפ די שטיינער אויס.

ער.

לאָזט ער זענ דיכ, וואָס ער קריצט אפ די מאצייוועס?

זי.

יע, אזוי גיכ, ווי איכ ענדיק באָר מײַנע לעסאָנס. [2]

ער.

איז דײַנ פאָטער ניט קײנ שלעכטער מענטש?

זי.

אָ, ניינ!

---

[1] זע זײַט 209, אָנמערקונג 1.

[2] לימודימ, לעקציעס.

ע ר.

מײַנער איז.

ז י.

א שלעכטער?

ע ר.

יע, א שלעכטער, ווייסטו? ווײַנען מיר דאָס אויך ניט ווײַט פונדאנען. ווען איך גיי אין שול ניט פרי, דאן זע איך דיך פונווײַטן.

ז י.

ווילסטו מיך טאקע זען?

ע ר.

פארוואָס זאָל איך ניט וועלן! ווייסטו? גיי איך דאָך אין סקול [1] פריִער, ווי איר אלע. ער טרײַבט מיך פון שטוב ארויס גאנץ פרי. האָט מיך פײַנט, ער.

ז י.

איך האָב דיך ניט פײַנט.

ע ר.

איך דיך אויך ניט. ווייסטו? ער איז גאָר מײַן פאָטער ניט.

ז י.

ניין? וואָס דען?

ע ר.

מײַן מאמעס מאן איז ער און ער שלאָגט מיך.

ז י.

ווו-זשע איז דײַן פאָטער?

ע ר.

לאנג שוין טויט.

ז י.

אָרעם קינד! האָט מײַנער אים געמאכט מיסטאָמע די מאציייווע...

ע ר.

ניין, מיר זײַנען ניט קיין רײַכע מענטשן, קינד!

ז י.

א, פאר מאציייוועס צאָלט מען געלט! און מײַן טאטע צאָלט פאר שטײַנער. איינמאָל זאָגט מײַן טאטע צו מײַן מאמען: איכ׳ל אויך א קליין ברעטל קריגן אפ צוקאָפנס. קיינער וועט פאר מיר ניט מאכן קיין מאציייווע.

ע ר.

ווײַל איר זײַט ניט רײַך? עפשער וועט זיך אימיצער געפינען, וועט אים שטעלן.

ז י.

קלערסטו אזוי?

---

[1] אין שול.

ע ר.

נו, פאראיאָרן איז אהער געקומענ א ניט־רײַכער, גאָרניט רײַכער ייִד, אַב עוויענ אונ מע האָט באגראָבנ אים מיט גרויס פּאראד. איצט שטעלט מענ אים גאָר א פײַנע אויסגעצאצקעטע מאצייווע.

ז י.

אונ ניט רײַכ געווענ?

ע ר.

ניינ, א שרײַבער... איינער, ווייסטו, וואָס מאכט ביכער, וואָס מיר לייענענ.

ז י.

זיי מאכט ניט א דרוקער?

ע ר.

יע, ער אָבער האָט געשריבנ זיי צום דרוקנ. גאָר א גרויסער מאנ, האָט מיר דער שאמעס דאָ געזאָגט.

ז י.

האָט די מאצייווע ניט געמאכט מײַנ פאָטער, מיינסטו?

ע ר.

ווייס איכ ניט. דו טרעפ מיכ מאָרגנ דאָ, וועל איכ דיר ווײַזנ די מאצייווע. פאראיאָרנ האָט מענ אימ א העספּעד [1] אונ א לעווײַע א גרויסארטיקע געמאכט, מע זאָגט, אלע שרײַבער יידישע געוועזנ זײַנענ דאָ, ווײַבער האָבנ עטלעכע געוויינט.

ז י.

אזוי? האָב דערפונ גאָרניט געהערט. דו לויפסט שוינ?

ע ר.

יע, איכ מוז, אניט קריג איכ געשלאָגנ.

ז י.

אָרעמ קינד, נאדיר א האנט!

ע ר.

איכ וועל זײַנ דײַנ כאווער.

ש ע ד.

די לעווײַע פונ דעם גרויסנ שרײַבער וועל איכ קיינמאָל ניט פארגעסנ. א קלייניקײַט אביסל, אימ האָט מענ העספּיידימ אומגעווײנלעכע געמאכט מיט אומענדלעכ פײַנע, לאנגע בלומעב־פראזנ, מיט גענטאָקטע, שיינע ווערטער אָנ א שיר. אָבער פונ די הערצער וואָלט מענ ווערטער העסלעכע געהערט, ווענ זיי וואָלטנ אפ די ליפּנ זיכ געיאווועט. גלויבט מיר, קינדער, יעדער איז אינ בע־ערעכ געווענ צופרידנ. איינער איז דערלײַזט געוואָרנ פונ א גרויסנ קאָנקו־רענט; דער אנדערער איז פאָטער פונ א פײַנט געוואָרנ, האָט א דריטער ענד־לעכ אופגעהויבנ, וואָס ער רופט „זײַנ קאָפּ"; א פּערטער, פּאָשעט נאָר א לעזער, א לאנגיאָריקער פּארערער, איז אינ הארצנ שוינ דערמיט אלייב צופרידנ, וואָס דער ניפּטער קענ קיינ נײַע ביכער מער ניט שרײַבנ אונ ער,

[1] א טרויער־רעדע.

זײַנ לעזער, קענ שוינ לאָזנ אלע זײַנע שריפטנ בינדנ אינ איינ גאנצנ שיינעמ „סעט“,[1] אלע אינ איינ פײַנעמ באנד, עפשער האלב „מאראָקאָ“,[2] עפשער דורכ אינ לעדער, א קאפּאָרע די הויצאָע. אָט אזוי וואָלט מענ דיזנ שרײַבער, דעמ בארימטנ, צו זײַנ רו, דער אײביקער דאָ הײַנט באגלייט מיטנ עמעס, ניכ־טער, ביט געשוואצטערהייט.[3]

VII

צוויי ארבעטער

ערשטער.

פרעג, וואָס האָבנ מיר געהאט צו טאָנ דאָ, אויסער גויסע־כיינ[4] זײַנ בא דעמ הער פּאָרמאנ...

צווייטער.

קעדיי אז ער אלײנ זאָל גויסע־כיינ זײַנ באמ באלעבאָס דעמ נײַעמ.

ערשטער.

ווײַטער גאָרנישט.

צווייטער.

גלויבסטו, אונדז וועט בעסער זײַנ, ווי פריער?

ערשטער.

ניט פיל בעסער, ווי ס'ווערט די מײַז, ווענ עס קומט ארײַנ אינ שטוב א קאצ א נײַע. וואָס איז אונדז די נאפקעמינע?

צווייטער.

גלויבסטו ניט? ס'לייגט זיכ אפנ סייכל מיר, דער יונגער וועט דערמיט אלײנ שוינ בעסער זײַנ, וואָס ער זײַענדיק א לעבעמאנ, וועט זעלטענער אינ פּאבריק זיכ אײַנגעפינענ.

ערשטער.

דאָ האָסטו א טאָעס! עמעס, ער איז ניט קיינ באלנ: ניט אפ קליי־הייסע, אָדער קאלטע, ניט אפ די מוזיק פונ געזעגטע ברעטער אונ געהובלטע־קענ זיכ אויכ באגיינ אָנ שטויב פונ זעגנ, אָנ שפּענער אונ אָנ סטרוזשקעס, אונ איכ גלויב, ער וועט זיכ זעלטנ ווײַזנ צווישנ אונדז...

צווייטער.

דאָס איז דאָכ, וואָס איכ זאָג.

ערשטער.

דו זאָגסט, אָבער דו דערזאָגסס ניט... דו פארשטייסט ניט, אז וואָס ווײ־ניקער ער וועט בא אונדז זײַנ, אונ וואָס זעלטענער ער וועט זיכ לאָזנ זענ, אלצ שטרענגער וועט דער פּאָרמאנ וואָיעוועג אינ דער פאבריק. בײַס יענער

1 אינ איינ באנד.

2 סאפיאנ.

3 ניט געפלוידערטערהייט.

4 אויסנעמענ, געפעלנ ווערנ.

וועט ארומטרייבנ זיכ אינ פאריז, אינ לאָנדאָנ, אינ דער שווייצ, אינ איטאַליע ערגעצ-ווו אָדער דאָ אינ לאַנד אינ לוסטיקע מעקוימעס מיט אָדער אָנ באַגלייטערקעס, סיי ווייסע, סיי שוואַרצכיינעוודיקע, וועט דער פאָרמאַנ זיינער, דער געטרייער אונדז דערגיינ די יאָרנ.

צווייטער.

כ'גלויב, דו ביסט גערעכט.

ערשטער.

געוויס בינ איכ גערעכט! וואָס, אינ גרונט גענומענ, איז א פאָרמאַנ. דאַרפ מענ העכערנ אַנ אַרבעטער די סכירעס, איז ער, נו, פאַרשטייט זיכ, מאַכטלאָז עפּעס אָנ דעמ באַלעבאָס יעדיִע, ווענ עס איז צו טאָג; בעט מענ אינ דער פעקטאָרי א האָרעלע מער לופט אונ ליכט, א פענצטער א פאַרקלאַפּטנ ערגעצווו אַנ עפנ-טאָג, קענ ער, דער פאָרמאַנ, ליידער, גאָרניט טאָנ. ביינ, ווירקלעכ, גאָרניט, ביז דער באַלעבאָס קומט פונ דער פרעמד—ווענ, איז שווער צו זאָגנ—קומט צוריק אהיימ. קלערסטו, ווידער, אַז דו אַרבעטסט שטונדנ פיל צו לאַנג אונ דו קומסט צו אימ, צו דעמ פאָרמאַנ דיינעמ, בעטנדיק, ער זאָל דיר דעמ אַרבעט-טאָג פאַרקירצנ, קלאַפסטו ווידער אָנ ניט אינ די רעכטע טירנ. ליידער, ליידער, קענ ער גאָרניט אָנ דעמ באַלעבאָס אַזעלכע זאַכנ טאָנ. וויַיל ווער, ווענ איר באַטראַכט, איז ער? דאָכ אייגנטלעכ אַליינ אויכ אַנ אַרבעטער אַפּ סכירעס, אַנ אָנגעשטעלטער, אַבסאָליוט ניט מער! ווענ אָבער ווערט ער, דער פאָרמאַנ, א באַל-דייע איבער אַלצ, א „יאַטעבעדאַמ”, וואָס מע רופט? דאָס ווערט ער דאַנ, ווענ ס'קומט צומ אַראָפּנעמענ א דאָלאַר פונ די סכירעס, אַרבעטער אומגריִיטיקע אָוועקצושיקנ, ווענ עס קומט צומ אופּפּאַסנ, אַז אינ אַנ אַרבעט-שאָ זאָל פוּלע זעכציק מינוט ווערנ יעדנ טאָג געאַרבעט, דאַנ איז ער ברודערקע, א באַלעבאָס, וואַיאָווע האָמאָנ,[1] מיט די ביינער.

צווייטער.

דאָס איז אָנ שומ ספּעק ריכטיק.

ערשטער.

יענער, דער נאָר-וואָס באַגראָבענער, האָט וויניקסטנס א באַלעבאָס געוואָלט זיינ אונ בא אימ האָט א פאָרמאַנ ניט צו הויכ דעמ שנוק[2] פאַריסנ. עמעס, ער האָט אויכ ניט פיינט געהאַט, וואָס אַלע האָבנ האָלט, אונ זיינ געשאָמע איז, אַזוי ווייט ווי איכ געדענק, אויכ קיינ ראָזינקע ניט געוועג; ווענ עס רעדט זיכ וועגנ ליבעראַלע כאַטאָיִמ, פלעגט דער אַלטער, זאָל אימ צו קיינ גנייַ[3] ניט זיינ, פאַרבלאָנדזשענענ אַמאָל צו א פרעמדער באַלעבאָסטע. פלעגנ מיר, די אַרבעטער, טאַקע אָפּכאַפּנ דעמ אָטעמ.

שעד.

הערסטו! האָבנ זיכ געפּוּבעוּ מענטשנ, וואָס פאַרגיסנ, עמעס, ווייביק טרערנ אַפ זיינ קייווער אונ מאַכנ ניט קיינ העספּעד אַפּ דעמ אַלטנ, אָבער שאַצנ

---

[1] ס'איז בעקומענ האָמאָנ. האָמאָנ—א לעגענדאַרישער פערסישער מעלוכע-מאַנ, וואָס האָט געזוכט בילבולימ אַפּ יידנ.

[2] דעמ פיסק.

[3] צו קיינ כאַרפּע.

אָפּ זײַנע לעבנס און זײַנע טויט אַזוי ווײַט, ווי דאָס באַרירט זיי גופא. דאָס איז עפּעס! אָבער בלײַבט בלײַבט דער שפּאַס, וואָס די אייניציקע, וואָס זיי איז ערגער אָן אים, זײַנען אַרבעטער, נאַטירלעכע דאַמ-סאָנים.

VIII

דער קנעכט און דער הונט

ה ו נ ט.

האַוו! האַוו! האַוו!

ק נ ע כ ט.

דו וואָיעסט, דו, קעלעוו אונדזוערער, איך פאַרשטיי דיך, מיינ ניט, איך פאַרשטיי ניט. עפּשער ביסטו דער אייניציקער, וואָס קלאָגט גאָר אָן פּניעס נאָך דעם אַלטן.

ה ו נ ט.

האַוו! האַוו! האַוו!

ק נ ע כ ט.

נו, אַוואַדע! וואָס איז דאָ צו רייזן! ניט אומזיסט רופט מען דעם הונט דעם מענטשנס כאַווער, זײַן געטרײַער פרײַנט...

ה ו נ ט.

האַוו, האַוו!

ק נ ע כ ט.

נו, יעדנפאַלס, ווייס איך, אַז דו וואַרטסט ניט אויף קיין שום יערושע, דו ביסט דאָ דער עמעסער...

ה ו נ ט.

האַוו, האַוו!

ק נ ע כ ט.

אָוול, ווײַל דו האָסט אים עמעס ליב געהאַט. און דו טרויערסט טאַקע נאָך אים ערלעך.

ה ו נ ט.

האַוו!

ק נ ע כ ט.

און פאַרוואָס, קאַריק גערעדט, זאָלסטו נאָך אים ניט טרויערן? האָט ער דיך, צו יעדער צײַט, ניט ווי אַ פרײַנט באַהאַנדלט? האָט דיך זיכער ניט געשלאָגן, ניט געבריקעט מיטן פוס.

ה ו נ ט.

האַוו, האַוו, האַוו!

ק נ ע כ ט.

איך פיל מיט דיר, דו קעלעוו ליבער, מיך, זעסטו, באַרירט זײַן טויט שוין ווייניקער. איך האָב דעם אַלטן קיינ זאַך ניט געהאַט פאַר זײַן לעבן און וועל ניט האָבן נאָך זײַן טויט. פון זײַן האַנט, ווי דו, האָב איך קיינמאָל, דו גלויב מיר, ניט געגעסן, און מיך אַרט ניט, ליבער פרײַנט דו, וואָס ער איז טויט!

הונט.
האוו, האוו!
קנעכט.
אנדערש, ווי געזאָגט, איז דײַן פאַל, ליבער הונט.
שעד.
מענטש, איך זאָג דיר, דו ביסט אומגערעכט ביז גאָר. מיטן הונט, אַ קנעכט, אַ דינער פונדערהיים, האָב איך פיל ניט וואָס צו ריידן. ער איז שוין בע־טעווע אזא נעפּעש, אז דו קויפסט אים—גוף, נעשאָמע, צאָן און הויט פאַר אַ פעטן ביין, פאַר אַ ברעקל הארטע און פארדארטע צוויבאַק.[1] דיר אָבער, דו מענטש, מוז איך עפּעס זאָגן, דו פארשטייסט דעם אייסעק ניט גאַנץ ריכ־טיק. אונדזער הונט, מײַן פרײַנט, ווײַנט אויך ניט סטאַם אזוי זיך, גאָר אָן פּניעס, ווי דו מיינסט. וואָלט מען אים ניט גוט, ניט אָנשטענדיק באהאנדלט גלײַך פון אָנהייב אָן, וואָלט ער צוגעבונדן צום אָלטן ניט געוואָרן, דו מעגסט זיכער זײַן. איין זאך זעסטו, וויל איך מודע זײַן, אָט־וואָס—ערלעכער פאַר מענטשן, זײַן זאָלט איר געזונט.
הונט.
האוו, האוו, האוו!
שעד.
געגאָסן בא דעם עמעט!
קאַט־לייצאָנים.

אײַ, דאָס איז אַן עכטער,
געטלעך־וואונדערבארער שפּאַס!
פּלאַצן קען מען פאר געלעכטער,
ווי דער רייף פּלאַצט אָפּ אַ פאַס!
גאָרניט זײַענדיק קיין שיידים,
לאַכט איר, ווען די היפּאָקריטן
מאַכן זייערע העספּיידים,
אלע פון איין האָלץ געשניטן;
ווען זיי לאַכן, בייס זיי וויינען,
און ניט ריידן, וואָס זיי מוזן
און ניטאָ אַ וואָרט אַ רעכטער,
ניט איין איינציק עמעס וואָרט,
אין אַ גאַנצער פולע קוואָרט,
ס'איז צום פּלאַצן פאַר געלעכטער!

נאָוועמבער, 25, 1921.

---

[1] סוכאַרעס.

אינהאלט

	זײַט
פֿון דער רעדאקציע	V
מ. עריק — וועגן מ. ווינטשעװסקיס דראַמעס	VII
„דער מירער אילוי"	1
מ. ווינטשעװסקי — פֿאָרוואָרט צום „לעצטן נאבאָר"	53
„דער לעצטער נאבאָר"	57
„די מעכיצע"	117
צולאָג — „ניט געכאפּט" (ערשטער װאַריאַנט פֿונעם „לעצטן נאבאָר")	133
„עסטער"	141
„א געהארגעטער עדיטאָריעל"	197
„א כאסענע און א לעװײַע"	215

Надрукавана па распараджэнню
прэзідыума
Беларускай Акадэміі Навук

*

Рэдактар—С. Агурскі.

*

Карэктары—Л. Котляр
і Л. Душман

*

Здана ў друкарню 16/IX 1935 г.

*

Падпісана да друку 30/XII 1935 г.

*

Фармат паперы 614 × 940 мм.
17¼ друк. арк. Заказ № 1473.

*

Упаўнаважаны Галоўлітбела
№ Д—773. Тыраж 1000.

*

Друкарня Беларускай Акадэміі
Навук.